STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03293

ARARAT

Moshe Pulaver

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה פולאַווער

☆

אַ ר ר ט

און לאָדזשער טיפּן

משה פולאוועך

אררט

פארלאג
י. ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תשל״ג 1972

MOSHE PULAVER / ARARAT

משה פולאַווער / אַררט און לאָדזשער טיפּן

הוצאת י. ל. פרץ

תל־אביב, רחוב אלנבי 31

I. L. Peretz Publishing House

31, Allenby str., Tel-Aviv

הילע געצייכנט : וואָלף אַדלער

©

נדפס בישראל תשל״ב

Printed in Israel 1972

דפוס „אור״ בע״מ, ת״א, שד׳ הר־ציון 104, טל. 822481



משה פולאַווער

ערשטער טייל

„אַררט״



עמבלעם פון „אררט״

אַ ר יי נ פ י ר

משה קאַסמאַן (בינע־נאָמען — קאַזאַנאָווער), איז געווען פון די ערשטע מיטגלידער אין קליין־קונסט־טעאַטער „אררט״. ער איז געווען אַ פיינער דראַמאַטישער אַקטיאָר און פון די ערשטע קאָנפעראַנסיערן אין „אררט״. ער האָט פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אין טעאַטער. ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער חבר. אים טאַקע איז צוגעטיילט געוואָרן דער כבוד, ער זאָל זאַמלען דעם אַרכיוו פון טעאַטער, ווייל ער איז געווען דער פּאַסיקער מענטש דערפאַר.

אין די דרייסיקער יאָרן איז משה קאַסמאַן אַוועק פון „אררט״ און געפאָרן קיין פראַנקרייך (פּאַריז). ווען דער קריג איז אויסגעבראָכן, און די מערדער־דייטשן האָבן אָקופּירט פראַנקרייך, האָט זיך משה קאַסמאַן אויסבאַהאַלטן הינטער פּאַריז.

אין יוני 1942 האָט ער פּרובירט איבערגיין די גרענעץ, האָט מען אים געכאַפּט און אינטערנירט, און פון דאָרט האָט מען אים דעפּאָרטירט. קיינער האָט פון אים נישט געהערט ביזן היינטיקן טאָג. אַן שפּורן... זיין ברודער, מאָטע־לייב קאַסמאַן, וואָס איז אויך דעמאָלט געווען אין פּאַריז, איז אויך געוואָרן אינטערנירט אין אַ לאַגער אין פראַנקרייך דעם 14־טן מאַי, 1941. אין יוני 1942 איז לייב קאַסמאַן פאַרשיקט געוואָרן קיין אוישוויץ און פון דאָרט אין דעם לאַגער מאַוטהאַוזען, און פון מאַוטהאַוזען, קיין עבענזעע.

דעם 6־טן מאַי 1945 איז לייב קאַסמאַן באַפרייט געוואָרן דורך די אַמעריקאַנער. נאָכן דורכמאַכן די גרעסטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, גייסטיק צעבראָכן און קראַנק, האָט זיך לייב קאַסמאַן מיט גרויסע שוועריקייטן דערשלעפּט מיט די לעצטע כוחות, קיין פּאַריז.

קומענדיק קיין פּאַריז איז ער גלייך אַרויף אין דער וווינונג פון זיין ברודער משה קאַסמאַן. דערשטוינט, און נישט גלויבנדיק, האָט ער געטראָפן אומבאַשעדיקטע, זיין ברודערס גרויסע ביבליאָטעק, דעם אַרכיוו־מאַטעריאַל פונעם טעאַטער „אררט״, וואָס דער לייענער וועט זען: די אָריגינעלע בילדער, סצענקעס, פּראָגראַמען, רעצענזיעס.

לייב קאַסמאַן וווינט אין פּאַריז. ס׳קומט אים אַ גרויסן דאַנק פאַר אָפּהיטן דעם מאַטעריאַל ביזן היינטיקן טאָג.

איך בין געווען אַ נאָענטער חבר פון משה קאַסמאַן און דער ברודער, לייב קאַסמאַן, האָט מיר איבערגעגעבן דעם אַרכיוו, איך זאָל קענען אַרויסנעמען פון אים געוויסע זאַכן וואָס זענען נויטיק פאַר דעם בוך. איך בין לייב קאַסמאַנען זייער דאַנקבאַר.

משה פולאַווער

משה בראָדערזאָן

דער וועג פון אונדזער טעאַטער

אידעע

ערגעץ אין דעם יידישן ים־הספר מאַכט אַ ייד, אַ גייער, אַ פּראָמענאַד מיט אליהו הנביא אויף אַ מאַרק. טרעפן זיי אָן אויף אַ געזעמל דאַוונענדיקע יידן.

פרעגט דער ייד ביי דעם גוטן פאָלקסטימלעכן נביא: ר׳ עליע, אָט אָ די יידן וועלן האָבן עולם הבא?

ענטפערט אליהו: — ניין!

גייען זיי ווייטער.

גייען זיי — טרעפן זיי אָן אויף צוויי אויסטערלישע פאַרשוינען אין צילינדערס (אוודאי־אַזוי: אין צילינדערס מיט שטעקלעך!)

און דאָ רופט זיך אָפּ אליהו הנביא: אָט אָ די פּאַר־שוינען זענען זוכה עולם הבא!

— אָטאָ־די־אָ?

— יאָ! דאָס זענען קונצנמאַכערס, קאָמעדיאַנטן, און זיי דערפרייען די הערצער פון טויזנטער פאַראומערטע מענטשן.

צו דער דאָזיקער, פרימיטיוו גערעדט, קאָמעדיאַנטישער כוונה און שליחות ווילן מיר זוכה זיין —

דאָס איז, אייגנטלעך, אונדזער אינהאַלט־ און אָנהאַלט־אידעע אין דעם עולם הזה.

וואַגונג, דרייסטקייט, אידעאַליזם, עקסטאַטישער צו־גאַנג צום קיום — דאָס איז דער אייל אויף די רעדער פון קולטור, דאָס איז דער דם התמצית, וואָס באַוועגט מיט לעבן.

דאָס איז דער צייכן און די פּאָן פון דער יוגנט!

און קוקט מען זיך צו נעענטער, אינערלעכער צו אונדזער יידישער יוגנט (אין איר דערקוויקנדיקער מאַיאָריטעט), צו די צוויי עקסטרעמען פון איר אויסלעבן זיך — פון דעם מיושב־דיקן, בלוט־אָרעמען, באַברילטן און ליידנדיקן פון... פרייד־לאָזיקייט, און צו דעם צווייטן עקסטרעם, דעם הפקרדיקן, דעם שמענדריקדיקן און שאינו יודע לשאול'דיקן, ווערט קאַלעמוטנע אויף דער נשמה אַזוי, אַז דאָס קעגנוואַרטיקע לעבן צוזאַמען מיט דער פּאַראויסבאַשטימטער צוקונפט ווערט נישט ניחא און אפילו מוקצה מחמת מיאוס.

ווייל ס'רוב מאָל איז די וואַגעניש, די דרייסטקייט ביי אונדז פשוטע איגנאָראַנץ און גאַסן־האַרמידער און דער אידעאַליזם מיט דער עקסטאַטיק — קעלבערישע התפעלות.

קומען אָבער קליינע הייפלעך פון אונדזער יוגנט, נעמען זיך אָן אַ כוח, און פאַרמעסטן זיך קעגן די אַלע לפנימדיקע אוממעגלעכקייטן און מניעות — זיי רעוואָלטירן קעגן דער פאַרפלוכטער פאַקטישער זאַכלאַגע פון דער ווערעמדיקייט אין כריין — איז וויל צו זיי, צו אַזעלכע אמתע יוגנט־הייפלעך, און צו אונדז, די געציילטע, צו וועלכע זיי אַפּעלירן.

אַנטשטייאונג

אין אַ צייט פון אָפּהעגנטיקייט אינעם יידישן טעאַטער־לעבן איז ער אַנטשטאַנען.

אין אַ צייט פון פריצייטיקער זקנה און עלטער־שוואַכ־קייט אינעם יידישן טעאַטער־וועזן איז ער אויף דער וועלט געקומען.

דריי מלאכים זענען אין אברהמס געצעלט געקומען: דער מלאך פון נויטווענדיקייט, דער מלאך פון ווילן, דער מלאך פון באַגייסטערונג.

און צו דער נײַנציקיאָריקער שרה איז אַ זון געבוירן געוואָרן —

אַ יצחקל מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

טאָר מען דעם „אררט" קיין שטיינער אויפן וועג נישט לייגן, דאַרף מען אים נישט צו דער עקדה פירן. נאָר פרייען זיך מיט אים, הנאה האָבן.

מיר האָבן שוין זייער פיל גענאָסן פון דער פרייד מיט אונדז, וואָס איז געווען אַ שפּריירעגן אויף די בייטן פון אונדזערע כוונות, אַ טוי פאַר אונדזערע האָפענונגען און אַ חמימה — אַ וואַרעמונג אין דער ענגער קאַלטער סביבה פון אונדזער קולטור־לעבן.

פון דער פרייד, פון דער פשוטער, האַרציקער, האָבן מיר מוט געהאַט צו זוכן אין טיפענישן און הוי־כענישן. געמונטערט האָט אונדז די פרייד, די באַהאַרצט־קייט מצד דעם טאָג־טעגלעכן יידן, וואָס האָט אין אונדזער וואָרט, קלאַנג, באַוועגונג און פאַרב דערפילט די עלעמענטן פון זיין בענקשאַפט — מארבע פינות עולם האָבן מיר די התקרבות געזען.

האָט די דאָזיקע פרייד ביז איצט דעם חלום אונ־דזערן אין זיבן פייערן געשמידט, אין זיבן וואַסערן געטובלט.

די ליניע

מען פרעגט אונדז אָפט אויף דער ליניע — סאַראַ ליניע האָבן מיר פאַר זיך אָנגענומען ?

מיר גייען נישט אויף דער ליניע פון שוואַכן ווידער־שטאַנד, נאָר תמיד פון שטאַרקן: אַזוי האָט דער „ארט״ לכתחילה געזאָלט זיין — אַרטיסטיש־רעווי־טעאַטער, און איז מגולגל געוואָרן אין אַן — אַרטיסטיש־ראָמאַנטיש טעאַטער.

מיט דער ראָמאַנטיק פון ייד און מענטש — פון זיין נעכטן, היינט און מאָרגן.

אָן די דאָזיקע דריי אויסמעסטונגען איז קיין שום עקזיסטענץ נישט מעגלעך — האָט קיין קיום נישט!

און אין אונדזער אַרבעט זענען מיר געהאַרכזאַם צו די באַפעלן פון איין איינציקער פּאַרטיי, וואָס הייסט — פּאָלק!

און אין אונדזער שאַפן זענען מיר אויסן דעם אַלערער־שטן **אינטערנאַציאָנאַל**, וואָס הייסט — קונסט!

סינטעז

קמץ אלף — אָ! קמץ בית — באָ! קמץ גימל — גאָ!...
גרינע בערד, רויטע בערד, בלויע בערד?
אויסטערלישקייטן אין דער הלבשה?
אַנדערשקייטן אין דער אומראַמונג?

— דאָס אַלץ איז אַנדערש, אויסטערליש און וווּנדער־באַר, ווייל ס׳איז נישט סתם צופעליקייט, קאַפּריז, פּאַרלאַנג צו ווייזן די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ, נאָר פּאַרקערט — צו ווייזן זיך אין דער פרייד פון יום־טוב, אין שפּיל, אין חלום, אויסגעטאָן פון גרויער זאָרג־שווערער וואָכעדיקייט.

דער „רבונו של עולם״ האָט די וועלט באַשאַפן אויפן גרויסן געטלעכן אופן בדרך הטבע, און אויף וויפל דער מענטש דערווייטערט זיך פון זיין אורשפּרינגלעכקייט, פון דער אַפּישקייט, פּאַרלירט ער די תשוקה און דעם כוח צום נאָכאַמען דעם איינציקן עכטן נאַטוראַליסט.

דורות לאַנגע האָבן איבערגעלאָזט שווערע ירושות פון גרויקייט און זאָרג, האָבן דאָס לעבן פאַרביליקט, פאַרצווייפלט, און אין די אַכט שעה אַרבעט, אַכט שעה שלאָף, אַכט שעה גאָרנישט וויל אונטערבאַוווסטזיניק די קונסט בכלל און דאָס טעאַטער בפרט ברענגען חלום אויף דער וואָר, פרייד אין דערווירקלעכקייט, דערלייכטערונג און דערלייטערונג אויף אַן אמת.

איז נישט אומזיסט דער דראַנג פון המון צום טעאַטער — דער דראַנג צו זען אַנדערש, אין דער ריכטיקער באַלייכטונג פון פאַנטאַסמאַגאָריע, פון אונטערגעשטראָכענעם פרט.

היינט, ווייסן מיר, איז — סינטעטיש טעאַטער!

וואָס איז עס אַזוינס?

סינטעטיש טעאַטער איז די צוזאַמענגיסונג פון אַלע טעאַטראַלישע קונסט-מעגלעכקייטן און עלעמענטן, די צונויפשמעלצונג פון לעבעדיקן וואָרט, פון לעבעדיקער פאַרב, פון לעבעדיקן מוזיקאַלישן קלאַנג, פון ריטמישער באַוועגונג, וואָס דאָס אַלץ שאַפט איין גאַנצקייט, איין שעפערישן אחד.

וויל דער „אררט" ווערן דער סינטעטישער טעאַטער, דער אָביעקט, וואָס איז כולל די אַלע קונסט-געביטן, און שטרעבט נישט צו סתם הפקרדיקן „מיטן קאָפּ אַראָפּ", נאָר דווקא צו דעם דערהויבענעם מיטן „קאָפּ אַרויף", צו דער געזעצמעסיקער זיבנפאַרביקייט פון ספעקטר —

צו דעם אצבע אלקים פונעם רעגנבויגן, צו דער באַרעכטיקטקייט פון דער אויסטערלישער, שפילערישער הלבשה, צו דער קאַנטיקער זינגענדיקער ריטמיק, א.אַ.וו. א. א. וו. הינטער וועלכער עס טייעט זיך דער גרויסער סוד פון ערנסט.

יום־טובדיק

וואָס איז קונסט אין אַלגעמיין און טעאַטער בפרט, אויב נישט — דער איינציקער יום־טוב פון דעם קעגנוואַר־טיקן קולטור־מענטש ? !

טעאַטער, אַלס אַזאַ, איז דער יום־טוב פון גרעסערע קי־בוצים —

דער יום־טוב וואָס איז חל אויף דעם כלל.

אויסגעטאָן פון אינערלעכער רעליגיעזיטעט און, ממילא, פון נשמה־יתירה־דיקער דערהויבנקייט, פאַרוואָכעדיקט אין דער מאָנאָטאָן־רודערדיקער אַטמאָספער פון טאָג־טעגלעכן אויסקום און איבערקום, ווען קירכלעכקייט (אגב די עלטסטע פאָרם פון טעאַטראַלישן אויסדרוק) פאַרהילכט אין די פאַרעלנטע תפלה־טעמפלען — שטייט דער קעגנ־וואַרט־מענטש פאַר דער גרויזאַמסטער געפאַר פון יום־טוב־לאָזיקייט, פאַר דער סכנה ביז איבער די אויערן, — און וואָס ערגער, ביז איבער דער נשמה — איינגעזונקען צו ווערן אין די גרויקייטן פון מיטוואָך.

נישט שרעקלעך איז דער מיטוואָך, וואָס טוט אָן די בגדי־יום־טוב, ווען אפילו די כלומרשטע, די טעאַטראַליש־בוטאַפאָרישע, און, ווען דער עיקר — די נשמה לייטערט זיך אין פרייד פון פרידלעכקייטן.

טעאַטער אין אַלע פאָרמען, און צו יעדער צייט — ווען אפילו צו דער טרויעריקסטער — איז דער גרויסער יום־טוב פון דעם קולטור־מענטש אויףביידע זייטן פאָרהאַנג !

שאלות ותשובות

א) אַז מען פרעגט : דיאַלעקט ?

ענטפערן מיר : — פאַרוואָס דווקא ליטווישער ? פאַר־

וואָס דווקא וואָלינער? און — פאַרוואָס נישט פּוילישער, דער פונעם עטלעך־מיליאָניקן קיבוץ, דער קלינגענדיק־באַרעדעוודיקער, דער כאַראַקטערפולער, קוועלנדיק־אָפּ־פרישנדיקער, און, פאַר אונדזער באָדן — נאַטירלעכער?

אַז די קשיא, אין גרונט גענומען, איז קיין קשיא נישט, און מיט סטיליסטישער דיסציפּלין טאָר גאָר קיינעם נישט איינפאַלן זי צו פאַרבינדן!

ב) אַז מען פרעגט: רעפּערטואַר?

ענטפערן מיר: דער מין רעפּערטואַר, וואָס איז געאייגנט פאַר אונדזערע יכולתן און טענדענצן, איז דער־ווייל כמעט נישט בנמצא אין דער יידישער דיכטונג, ווו דאָס ליד איז נישט אויסן די מעלאָדישע אינטערפּרעטאַציע, קינקעטן־באַלייכטונג, וואָקאַלישע ווירקונג, און וועלכע קאָן נישט דעם אַרכיטעקטאָנישן שכל פון די סצענישע דריי ווענט.

די ווירקונג פון אונדזער, מיט טאַלאַנט געבענטשטער דיכטונג איז לעת־עתה אַן אינטים־־ביכערישע, אַן אָפּטיש־עמאָציאָנעלע, און זי איז נאָך דערווייל נישט געפּרווט געוואָרן מיט דעם נסיון פון טעאַטראַלישן טעמפּעראַמענט און פּאַטאָס.

מיר קוקן אויס די אויגן אויף איר אומפאַרמיידלעכן אָנקום.

ג) פאַרוואָס ווערט אין „אררט" אָפּט אימפּראָוויזירט?

— דאָס איז אַן ענין, וואָס איז בקבלה סאַנקציאָנירט פון דער קאָמעדיאַ דעל אַרטע — דער מין אימפּראָוויזירן. איבעריקנס, איז איטלעכער נייער בינע־אויפטריט (מעג זיין צום טויזנטסטן מאָל! מעג זיין פון דיסציפּלינירטסטן באַרעכנטסטן אַקטיאָר — זעלבסטפאַרשטענדלעך, טאַלענ־טירטן!) אַ קאָנגלאָמעראַט פון אימפּראָוויזאַציע־סורפּריזן, פון שעפערישע איבערראַשונגען, פון נייע יצירה־אַנטפּלע־

קונגען, וועלכע זענען אַ פועל־יוצא פון דער אַטמאָספער, דורך וועלכער דער אַקטיאָר־אַרטיסט (**אונטערשיידן פון** אַקטיאָר־בעל־מלאכה) איז באַהערשט!

ניין, ווי זשע דען אַנדערש! קלאַנג־פילם זאָל אפשר אימפּראָוויזירן?

ווי פאַלט עס גאָר איין, אַז די דאָזיקע צוויי באַזונדערע קונסט־צווייגן זאָלן קאָנען מיט זיך קינסטלעריש ריוואַ־ליזירן? (איינער האָט זיך אַמאָל אויסגעדריקט, אַז — פון ווייִנטרויבן קאָן מען אויך מאַכן וויין...)

ס'איז קעגן די בחינמדיקע אָנשטרענגונגען צו מאַכן פון „לעבעדיקע בילדער" — פּסעוודאָ־טעאַטער.

איצטער

איצט — אַלגעמיינער האַרבסט און אומעטיקע ימים ושנים נוראים אויף דער יידישער גאַס. דריבנעקייט, קעלט אויף דעם יידישן טעאַטער־וועג און אין דער יידישער יונגער קולטור בכלל. אַ מרה־שחורה און אַ שליאַכאָטע אויפן שליאַך פון אונדזער רענעסאַנס. שיר נישט כראָנישע האָ־פענונגסלאָזיקייט!

אַסימילאַציע־ווינטן שמייסן פון אַלע זייטן, און די קליאַטשע פון בטחון פאַלט באַלד אין די האַלאַבליעס.

באַלאַנסירט אויפן יידישן וועג דער „אררט" — דער יונגער אַרטיסטיש־ראָמאַנטישער טעאַטער, וואָס לייגט זיבן־מייליקע קלאַפּטער אין די מוטנע וואַסערן פון איצטיקן יידישן לאַנגווייל, כדי צו דערגרייכן די פּרוכפּערדיקע ברעגן פון יידישן נוסח, פון פאָלקסטום, און אויף זיין גורל איז עס אויסגעפאַלן צו זיין דער פרילינגס־טעאַטער אין יידישן פוילן.

די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציע, וואָס דאַרף צו

„ארט״־אנסאַמבל. פון רעכטס ערשטע ריי: שומאַכער, גאָרליצקאַ, פעטערמאַן, ריינגלאַס. צווייטע ריי: שליפּ־קאָוויץ, פולאַווער, מרים בראָדערזאָן, שעניצקי, בראָדערזאָן, מאַנדעלבוים, זשיטניצקי, גאָלדשטיין זאַבלאָ־דאָווסקאַ. דריטע ריי: זילבערמאַן, פאַבריקאַנט, הויער, ש. בייגעלמאַן, קאָהן, ה. בייגעלמאַן, יעראָזאָלימסקי. פער־טע ריי אין צענטער: דזשיגאַן.

שאַפן אין איר יוגנטלעכקייט און פרילינגס־אויפברויז די טעאַטראַלישע פרייד און יום־טובדיקייט.

די יום־טובדיקייט אין דעם לאַנגן און געדיכטן חול (וואָך און זאַמד) פון דער יידישער גאַס.

אונדזער „אררט" — דער טעאַטער פון קליינע פאָרמען, (נישט רעווי, קאַבאַרע, וואַריעטע, — נישט נאָר אויסער־לעכער פאַרוויילונג־פאַקטאָר) אונדזער טעאַטער פון קליינע פאָרמען האָט גרויסע אַמביציעס, גרויסע כוונות און ערנסטן ווילן און שטרעבן צום יידיש־טעאַטראַלישן אמת און ערנסט.

מיר זענען אויפן וועג צו אָנקניפּן זיך אין דעם גאָל־דענעם פאָדעם פון גאָלדפאַדענס בריליאַנטענער פאָלקסטימ־לעכער טעאַטראַלישקייט, וואָס איז פאַרדריוולט און פאַר־פלאָנטערט געוואָרן אין אַ קנויל פון שונד־גרוילן.

טאָ, יידישע באַוווסטזיניקע און ערנווירדיקע גע־זעלשאַפטלעכקייט, וואָס דיין אייגן פּנים איז דיר ליב, און וואָס דו ווילסט זיך נישט שעמען צו קוקן זיך אין די אויגן — העלף אונדז, מוטיק אונדז צוצוקומען צו דעם גאָלדענעם פאָדעם —

און צו דער פאַרלוירענער פעדער פון דער גילדענער פאַווע!

משה בראָדערזאָן

טויב און טויבן-כאַפּער

טויבן-כאַפּער:

דער טויבן־כאַפּער רופט מען מיך — אַ רוח אין זייערע
גערעדערעם!
דערפאַר — אַ טויבן־כאַפּער, ווייל עס פליט מיין אויג
נאָר אויבן.
ווו ס'הימלען זיך די מחנות ווייסע טויבן —
דערפאַר — אַ טויבן־כאַפּער, ווייל עס פליט מיין אויג
פון מענטשלעכן געשלעכט!
און הערט אַ ווונדערלעכע מעשה:
צי בין איך נישט גערעכט,
ווען כ'האַלט אין הענט אַ טויב אַ ווייסע,
און ס'דוכט זיך מיר — דאָס גלעט איך גאָר מיין האַרץ
מיין זודיק־צאַפּלדיקע האַרץ:
און ס'פּלאַטערט, ס'רייסט זיך מיר אַרויס פאַר גליק
דערשראָקן,
אַז כ'וועל אין בלויקייטן צעגאַנגען —
אין זיסן טרויער — אין בלויע לאָקן —
אַליין אַ הימל־שטיק אַ בלויער —
צעגאַנגען אין די חלום־קלאַנגען
פון די וואָלקן־גלאָקן?!

דער טויבן־כאַפּער רופט מען מיך — דער וואַגאַבונד
אַ רוח אין זייער טאַטנס־טאַטן
אַ רוח אין זייער דלות אויסגעפוצט אין בונט,
אַז קיין עין הרע זאָל זיי נישט פאַרשאַטן!
פונדעסטוועגן אַ גלעזל בראָנפן און אַ באַנק דערצו
וואָלט איצט געווען אַן אויסגעצייכנטער „מעסמאַטן"
נאָר ווו — אַ הונט אַ בלאָנדזשענדיקער וואַגאַבונד
קאָן האָבן רו?
נישט וואָר, מיין איידעלער הער
הער, ליכטיקער לאַמטער? —
איר זענט מסתמא דאָך די מענטשן־זינד מכפר
צום מענטשן־הונט
צום וואַגאַבונד —
צום טויבן־כאַפּער?

געזאַנג פון דער טויב
איבער דער לאַמטער

טויבן־כאַפּער, טויבן־כאַפּער
האָסט צו מיר געקלאַפּט
און מיין האַרץ דאָס ציטערדיקע האָסטו היינט געכאַפּט...

אויסגעקוקט דו האָסט די אויגן
און צו מיר אַריינגעפלויגן
אין נשמה מיר אַ ליכט
אָנגעצונדן אומגעריכט!
טויבן־כאַפּער, טויבן־כאַפּער,
האָסט אָן מיר געדענקט,
האָסט די גאַנצע יאָרן דיינע

נאָך מיין ווייס געבענקט
אין דיין הפקר נישט פאַרגעסן
האָסט די ליבשאַפט — די פּרינצעסין
ביזט דער איינציקער וואָס ווייסט
וואָס אַזוינס די ליבע הייסט.

טויבן-כאַפּער:

(רייבט זיך די אויגן)

אַ חרפּה בנאמנות און אַ שאַנד
עס חלומט שטייענדיק דער טויבן־כאַפּער
אין עלנט־שטאַטישן, אין טומל שווער
ביי איינזאַמקייטן פון אַ לאַמטער
און ס'ווערט מיין מוט אַלץ קנאַפּער
אַ חרפּה און אַ שאַנד!
נישט אַנדערש
כ'בין ניכטער מער ווי שיכור

געזאַנג פון דער טויב איבער אַ לאַמטער

שיכור, שיכור טויבן־כאַפּער
מיט דעם שטאַרקן וויין
וואָס דו האָסט מיר צוגעטראָגן
מיט דעם עלנט דיין!
טויבן־כאַפּער, מיין באַגליקער
שיכור שטענדיק, שטענדיק שיכור!
אין נשמה קום אַריין
מיט דעם שיין פון וויין.

טויבן-כאַפּער:

אודאַי וואָלט עס נויטיק זיין אַ שענק
צו מאַכן אינעם הימל
און ג'שט בלויז לאָזן דאָרטן פאָרען זיך מלאכים
אין פוילן דרימלען — ביים אויסברענגען די פאַלשע שבחים!
אך, טויבן־כאַפּער, נאַרישער, דו טויבן־כאַפּער־וואַגאַבונד
זיי וועלן דיך דאָך אויסלאַכן — און מיט אַ גרונד
פאַרגלויבן
אין די טויבן!
אַך, טויבן־כאַפּער, נאַרעלע — אַזוי איז דיר באַשערט
ביסט אויבן, און זיי דו האָסט אין דר'ערד!

צוויי גאַסן-מיידלעך

טויבן־כאַפּער, טויבן־כאַפּער,
אין לבנה־שיין
קאַלט איז דיר — מיט אונדז צוזאַמען
ביזט אַ נאַר, דו, בחור אָרעם,
און ווי אַלע גלייך — אַ וואָרעם.
זיי זשע, בחור, נישט פאַרטראַכט,
קום מיט אונדז אַריין אין נאַכט!

ווערט אויסגעפירט אין „אררט" דורך ד. קאַזאַנאָווער, אַננאַ פאַבריקאַנט, מ. טעדמאַן און מ. וואַרסקאַ.

(„נייער פאָלקסבלאַט“, לאָדזש
28 אָקטאָבער, 1927)

די פּרעמיערע „אררט“

פון י. דאַנקין

זענען געקומען אַ צענדליק יונגע יידן, וועלכע האָבן נישט דערלאָזט, אַז דער יאוש זאָל זיך איינגאַנצן איינפרעסן אין זייער אָרגאַניזם, האָבן נישט דערלאָזט, אַז די האָפענונג אויף בעסערע צייטן זאָל איינגאַנצן צערונען ווערן און — האָבן זיך גענומען צו אַ גרויס ווערק.

אָן מאַטעריעלער און מאָראַלישער מיטהילף האָבן זיי אויף זיך גענומען אַ שווערע משא. זייער כלי־זין איז געווען גלויבן און ווילן, ליבע צו דער יידישער קונסט, אחריות פאַר דער צוקונפט פון אונדזער קולטור, פאַראַנטוואָרט־לעכקייט פאַרן יידישן טעאַטער.

דינסטיק האָט זיך „אררט“ געשטעלט צום עקזאַמען פאַר דער יידישער געזעלשאַפט אין לאָדזש.

דאָס ערשטע פּראָגראַם איז טאַקע געווען אַן עקזאַמען, שטיקלעך און ברעקלעך פון אַלע געביטן פון דער טעאַטער־קונסט. און ווי משה בראָדערזאָן, גרינדער און אָנפירער פון „אררט“, האָט געזאָגט אין זיין קורצער פּרעלעקציע, האָט דאָס די אָנפירונג געהאַט אין זינען בעת דעם אויפפירן פון ערשטן פּראָגראַם.

די אַקטיאָרן האָבן באַוויזן דעם צוזאַמענגעקומענעם פּרעמיערע־עולם, ווי שווער זיי האָבן געאַרבעט בחדרי־חדרים פון זייער טעאַטער־סטודיע, זיי האָבן באַוויזן ווי

אַלזייטיק זייער אויסבילדונג איז געווען, האָבן באַוויזן וויפל פאַרשטענדעניש, אינטעליגענץ, ערנסטקייט און פיינעם טאַן זיי האָבן געגאַשט און געלערנט פון זייערע מלמדים און אָנפירערס. פון דעם אַלעם האָבן זיי נעכטן אָפּגעגעבן דעם עקזאַמען, נישט פאַר אַ קאָמיסיע פון אַרטיסטן־פאַראיין, נאָר פאַרן ברייטן טעאַטער־עולם, נישט פאַר זייערע לערערס, נאָר פאַר פּראָפעסיאָנעלע און נישט פּראָ־פעסיאָנעלע פיינשמעקערס, פאַרשטענדיקע ניין־זאָגערס און גרימאַסן־מאַכערס, פאַר שטענדיקע פעסימיסטן און נישט־גלויביקע.

די איבערראַשונג איז דעריבער פּראָפּאָרציאָנעל פאַר־שטאַרקט געוואָרן, די גרימאַסן האָט זיך מיט יעדן נומער פון פּראָגראַם אויסגעגלייכט אויף די פּנימער. די ניין־זאָגערס האָבן אָנגעהויבן צו שאָקלען מיטן קאָפּ אין דער לענג, דער עקזאַמען איז אויסגעפאַלן אויף אַ פולקאָמע פינף.

חוץ די אַלע געוואַגטע שריט, וואָס די אָנפירונג פון „אררט" האָט געמאַכט, דהיינו: אָנהויבן צו בויען אַ טעאַטער אָן גאַנצן אַלטן שימל און גאַנגרענע, דערציען יונגע טאַלאַנטן און נאָר מיט זיי זיך באַנוצן, אָנשפּאַרן דאָס יידישע טעאַטער אויף דער יידישער געזעלשאַפט אַליין, איז אויף דעם ליטעראַריש־קינסטלערישן געביט געמאַכט געוואָרן דער אַממיינסטן געוואַגטער שריט: אַריינצופירן אין דער קליין־קונסט פּרץ, לייוויק, קולבאַק, גאָלדפאַדען, א. אַ. וו. אַרויסגעזוכט זענען געוואָרן די בריליאַנטעלעך פון אונדזערע גאונים. איינגעראַמט אין גאָלדענע פּאַסונגען פון אויסגעצייכנטער פאַרשטאַנענער רעזשי, אָפּגעשליפן דורך דעם צוזאַמענשפּילן פון די אַקטיאָרן און אויסגעפּוצט דורך דער אויסשטאַטונג — האָבן זיי טאַקע אַזש פאַרבלענדעט די אויגן פון די צושויערס, פאַרכאַפּט אַלע אברים. באַקומען

אַ תיקון האָבן די שטיקלעך און ברעקלעך פון פּרצן און לייוויקן דורך מענטשן, וואָס האָבן ליב אונדזער מאַמע־שפּראַך, אונדזער מאַמע־ליטעראַטור.

ווען מיר זאָלן אָנהויבן צו גיין כסדר, נומער נאָך נומער פון דעם ערשטן פּראָגראַם „גלאַט כשר", וועט מען אפשר קענען אויסזוכן בעסערע און ערגערע זאַכן, אָבער, ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט, שפּילט דאָס נישט קיין גרויסע ראָל.

האָבן מיר דאָך באַקומען פון יעדן זשאַנר עפּעס, און אַלץ איז געווען גוט, זויבער און שיין, אַ חוץ איין אָדער צוויי נומערן, וועלכע מ׳דאַרף עפּעס אויסבעסערן (למשל דעם פאָלקס־טאַנץ „דאָס קאַזעלע").

דערביי ווילן מיר זיך באַוואָרענען און שוין פאָראויס־זאָגן, אַז די אַזוי־גערופענע „קאָנפעראַנסיערקע" איז צו דעם איצטיקן פּראָגראַם אַן איבעריקע זאַך.

דאָס פּראָגראַם קען איינגעטיילט ווערן אין דריי טיילן: צום ערשטן געהערן „פּושקע־טאַנץ", פון גאָלדפאַדען; „ווערטער" פון פּרץ און „גלאָקן" פון לייוויק — דאָס זענען געווען די פּרעכטיקסטע און אַמבעסטן אויסגעפירטע נומערן.

דאַן קומען די רעווי־נומערן: „שניידערלעך", „שדכ־נים", „קולטור" (מ. קולבאַק), „דאָס טעפל", (י. אָבער־זשאַנעק), „גלאַט כשר", „חתונה האָבן" (י. טונקעל); די אַלע נומערן זענען אויסגעפירט געוואָרן ריין, מאָדערן און מיט פאַרשטענדעניש.

צום דריטן טייל געהער דאָס אַקטועלע לאָדזשערישע „אָפּפאַל" פון מ. בראָדערזאָן מיט דער שיינער דעקאָראַציע פון ר. ראָזענטאַל.

דאָס גרויס שטאָטישע אָפּפאַל איז פאַרקערפּערט גע־



י. ל. פרץ: די שווערד. ערשטע ריי: גאַרליצקאַ, מרים בראַדערזאָן, הויער. צווייטע ריי: שומאַכער, קאַהן, קאַזאַנאָווער, דזשיגאַן, נעלקין, זילבערמאַן, דריטע ריי: פּולאַווער.

וואָרן אין די יונגע שוישפּילערס און שוישפּילערינס, אַדורכ־געטראַכט, נישט באַנאַל און שיין.

איצט — די אַנטיילנעמער, די יונגע דורכברעכער פון דעם פאַרשטיינערטן פּראָנט, די יונגע פאַרקעמפער פאַר דעם אמתן יידישן טעאַטער. ס'איז דאָך זייער שמחה. וואָס קען מען דען וועגן זיי זאָגן ווען נישט בלויז גוטס. אַלע זענען זיי געוועזן גוט. אפשר האָבן זיי שוין צופיל געציטערט און געפלאַטערט פאַר זייער אחריות, אפשר האָבן זיי זיך שוין צופיל דענערווירט צוליב דעם, וואָס זיי האָבן מורא געהאַט פאַרן אויסגאַנג פונעם עקזאַמען. פעיק און טאַ־לאַנטירט זענען **אַלע**, געאַרבעט איבער זיך האָבן **אַלע**, איצט דאַרפן זיי זיך אַלע נאָך דורכאַרבעטן און דרייסטער ווערן.

שיינע מרים איז טאַקע שיין און באַחנט, האָט אַלע באַדינגונגען פאַר דער בינע, טאַנצט שיין און באַלעבט די סצענעס, אין וועלכע זי שפּילט מיט. אויסגעצייכנט האָט זי זיך אין „פּושקע־טאַנץ", „גלאַט כשר" און „אָפּפאַל".

פאַסענדע כוחות פאַר „ערדט" זענען אויך ל. זילבער־מאַן און איזא האַראַרי. זילבערמאַן דאַרף זיך נישט איבער־נעמען, וואָס זי איז געוועזן הייזעריק צו דער **פּרעמיערע**, איר טאַלאַנט איז אָבער געקומען צום אויסדרוק.

פּרל. הויער איז אויך נישט אָפּגעשטאַנען פון אירע איבעריקע חברטעס און האָט אין אירע הגם קליינע ראָלן, וואָס זי שפּילט אין איצטיקן פּראָגראַם, זיך אַרויסגעוויזן פון דער בעסטער זייט.

פון מענער־פּערסאָנאַל צייכענען זיך אויס אין דער ערשטער ליניע דזשיגאַן און פּולאַוווער; דאָס זענען צוויי רייפע פּרעכטיקע אַקטיאָרן, מיט אַ מאָדערנעם צוטריט

ערשטער פּראָגראַם פון „ארדט"

I.

1) פּושקע־טאַנץ — לויט א. גאָלדפאַדען
שיינע מרים, אירא האַראַרי און ש. דזשיגאַן.

2) שניידערלעך — פֿאָלקס פּרימיטיוו — מ. פּולאַווער מיט'ן אַנסאַמבל.

3) דאס קאָזעלע — פֿאָלקס טאַנץ — אירא האַראַרי.

4) שדכנים — פּאַראָדיע
ש. הויער, מ. נעלקען, פּולאַווער און שומאַכער.

5) דער וועכטער — י. ל. פּרץ — כאָראַל פּלאַסטיש בילד: דער גאַנצער אַנסאַמבל.

II.

6) הולטיי — מ. קולבאַק
שיינע מרים, ל. זילבערמאַן, מ. פּולאַווער און ש. דזשיגאַן.

7) דאָס טעפּעל — י. אַבערזשאַנעק — דיאַלאָג: ש. הויער און ל. זילבערמאַן.

8) גלאַט כשר (פּלאַסטישע טאַנץ סצענע) — מוזיק ר. ראָזענטאַל
שיינע מרים, ש. דזשיגאַן, מ. פּולאַווער און י. ריינגלאַס

9) חתונה האָבען — אַנעקדאָטע — י. טונקל — ש. דזשיגאַן און י. ריינגלאַס.

10) די גלאָקן — ה. לייוויק
שיינע מרים, שומאַכער, ש. דזשיגאַן, מ. פּולאַווער, י. ריינגלאַס און מ. נעלקען.

III.

11) מ. בראָדערזאָן — **אָפּפאַל**

פּערזאָנען:

גאַסנבריי	ל. זילבערמאַן
לאָמפּנלעשער	י. ריינגלאַס
שניר	מ. נעלקען
נאַכטוועכטער	מ. קאָן
פּאָליציאַנט	ב. שומאַכער
I אַרבעטער	ד. קאַזאַנאָווער
II אַרבעטער	י. ריינגלאַס
שאַכער	מ. פּולאַווער
בידראָיסקאַ	שיינע מרים
גאָלדענער יונגערמאַן	ש. דזשיגאַן
I זינגער	מ. גאָלדשטיין
בריטינג'ס־יינגל	ש. הויער
בוכהאַלטער	ד. קאַזאַנאָווער
אינדוסטריעלער	מ. נעלקען
פּרעזער	מ. גאָלדשטיין
I טוילער	מ. פּולאַווער
II טוילער	ש. דזשיגאַן
סקאָפּלין	י. ריינגלאַס
סטרוזש	מ. קאָן
II זינגער	מ. גאָלדשטיין

קאָנפֿעראַנסיע: ד. קאַזאַנאָווער
מוזיק אַראַנזשירט דורך הענריק יאַבלאָן.
דעקאָראַציעס און קאָסטיומען פּראָיעקטירט פון ר. ראָזענטאַל
און אויסגעפירט אין איינענעם וואַרשטאַט.

ערשטער פּראָגראַם פון „אררט" (פּויליש)

I.

1) TABAKIERKA — p-g A. Goldfadena
Szejne Mirjam, Iza Harary i Sz. Dzigan.

2) KRAWCZYKI — prymityw ludowy
M. Puławer i L. Zylberman.

3) KOZKA — taniec ludowy — Iza Harary.

4) SWACI — parodja
Sz. Ha er, M. Nelken, M Puławer i B. Szumacher.

5) NA STRAŻY — I. L. Perec — obraz chóralno-plastyczny.

II.

6) HULTAJ — M. Kulbak
Szejne Mirjam, L. Zylberman, M. Puławer i Sz. Dzigan

7) DJALOG — J. Oberzanek — S. Hauer i L. Zylberman.

8) GLAT KOSZER — Muzyka R. Rozental
plastyczna scena taneczna: Szeine Mirjam, Sz. Dzigan, M Puławer i J. Rajnglas.

9) CZY OPŁACA SIĘ ŻENIĆ — J. Tunkiel
Sz. Dzigan i J. Rajnglas.

10) DZWONY — H. Lejwik
Szejne Mirjam, B. Szumacher, Sz. Dzigan, M Puławer, J. Rajnglas i M. Nelken.

III.

11) M. Broderson **ZAUŁKI ŁODZI**

OSOBY:

Ulicznica	— L. Zylberman	I śpiewak	— Sz. Goldsztajn
Latarnik	— J. Rajnglas	Gazeciarz	— S. Hauer
Pijany	— M. Nelken	Buchalter	— D. Kazanower
Stróż nocny	— M. Kon	Przemysłowiec	— M Nelken
Policjant	— B. Szumacher	Tragarz	— Sz Goldsztajn
I Robotnik	— D. Kozanower	I uczeń	— M. Puławer
II Robotnik	— J. Rajnglas	I uczeń	— Sz. Dzigan
Handlarz	— M. Puławer	Chaplin	— J. Rajnglas
Biuralistka	— Szejne Mirjam	Dozorca	— M. Kon
Złoty młodz.	— Sz. Dzigan	II śpiewak	— Sz. Goldsztajn

Conferencier: D KAZANOWER.

Muzyka aranżowana przez HENRYKA JABŁONA.

Dekoracje i kostjumy według projektu art. malarza R. ROZENTALA wykonane we własnej pracowni.

צו יעדער ראָל, מיט אַ פולקאָמער אויספירונג און איבער־געגעבנקייט צו דעם ענין, וועלכן זיי דינען בלב ונפש.

הינטער זיי שפּרייזן קאַזאַנאָווער, ריינגלאַס און קאָן, וואָס האָבן שוין איינגעביסן דעם האַרטן לימוד און ווייזן שוין בקיאות אין זייערע לייסטונגען. אין די כאָראַלע סצענעס האָבן זיך צוזאַמען מיט אַלע אויבן דערמאָנטע אויסגעצייכנט נעלקען און שומאַכער.

עטלעכע ווערטער לוינט זיך צו ווידמען דעם יונגן גאָלדשטיין, וועלכער גיט גרויסע האָפענונגען אויף דער צוקונפט.

מיט דער דערעפענונג פון „אררט" זענען אונדזערע יונגע חברים אַריין אין אונדזער טעאַטער־משפחה. זאָל זיי זיין מיט גרויס מזל!

וואָס שייך בראָדערזאָנען און ראָזענטאַלן, האָבן זיי אונדז געגעבן דאָס גרעסטע און בעסטע, וואָס מ'האָט געקענט דערוואַרטן. אין דער ערשטער ליניע אַ יישר כוח זיי פאַרן „אררט".

צווייטער פּראָגראַם פון „אררט"

I. קאָנפֿערענסיער: ש. דזיגאַן

1) דעלעגאַט פון לאָוויטש — ש. דזיגאַן
2) כלי־זמרים — מ. בראָדערזאָן
זיסעלע גירל, גאָלדשטיין, נעלקען, רייגלאס
3) ליטווישער מגיד — ל. בערמאַן — י. שומאַכער
4) גנבים — פאָלקס־ליד — אַנסאַמבל
5) בלויע מיל — מ. בראָדערזאָן
ב. דאָלסקאַ, ב. נעלקען, י. שומאַכער
6) האַלאָ! האַלאָ! (סקעטש) — מ. בראָדערזאָן
שיינע מרים, דזיגאַן, רייגלאַס

איבעררייס 10 מינוט.

II. קאָנפֿערענסיער: מ. נעלקען

7) אַפּגעגנבֿן אויף טערקיש — מ. בראָדערזאָן
בריקאַן, דאָלסקאַ, גירל, הויער, ווילבערמאַן,
פּעטערמאַן, שיינע מרים, דזיגאַן,
גאָלדשטיין, קאַן.
8) אוי אברהם — פאָלקס־ליד — ווילבערמאַן, פולאַווער
9) רקודל — שיינע מרים
10) דער נודניק — טונקעלער — דזיגאַן, קאַזאַנאָווער
11. שושנת יעקב — י. ל. פּרץ
בריקאַן, הויער, פּעטערמאַן, שיינע מרים, גאָלדשטיין,
דזיגאַן, קאַן, רייגלאַס, שומאַכער.
12. יענקע דודל — מ. בראָדערזאָן — אַנסאַמבל.

מוזיק: אַ חוץ №№ 4, 8, 9, 11 — ה. קאַן.

ליטעראַרישער לייטער: מ. בראָדערזאָן. מוזיקלייטער: ה. קאַן.

דעקאָראַציעס און קאָסטיומען צו די נומערן 4, 6, 7, 12 אָרנאַמענטירט פון דינה מאַטוס.
〃 〃 〃 〃 5, 7, 8, 11 〃 שמואל בלום

רעזשי: №№ 2, 6, 7, 11 — ש. דזיגאַן.
〃 №№ 4, 5, 12 — מ. פולאַווער.

טאַנץ־עוואָלוציעס: שיינע מרים. ליכט־עפעקטן: י. יעראָזאָלימסקי.

קאָנצערט־מייסטער: ש. בייגעלמאַן.

די דירעקציע לאָזט זיך איבער ס'רעכט צו ענדערן דעם סדר פון די נומערן.

(צווייטער פּראָגראַם פון „אררט" (פּויליש

I. Zapowiada: DZIGAN.

1. DELEGAT z ŁOWICZA — Sz. Dzigan
2. MUZYKANCI — M. Broderson — Zysele Girl, Goldsztajn, Nelken, Rajnglas
3. MAGID z LITWY — I. Berman — I. Szumacher
4. ZŁODZIEJE — motyw ludowy — zespół
5. NIEBIESKI MŁYN — M. Broderson — M. Dolska, Nelken, Szumacher
6. HALLO HALLO! (sketch) — M. Broderson — Szejne Mirjam, Dzigan, Rajnglas

Przerwa 10 minut.

II. Zapowiada: NELKEN.

7. SĄD TURECKI — M. Broderson — Brykan, Dolska, Girl, Fetermanówna, Hauerówna, Szejne Mirjam, Zylbermanówna, Dzigan, Goldsztajn i Kon.
8. OJ ABRAM — motyw ludowy — Zylbermanówna, Puławer
9. RIKIDL — Szejne Mirjam
10. NUDNIK — J. Tunkeler — Dzigan, Kazanower
11. SZOSZANAS JAKOW — I. L. Perec — Brykan, Hauerówna, Fetermanówna, Szejne Mirjam, Goldsztajn, Dzigan, Kon, Rajnglas, Szumacher.
12. YANKE DOODLE — M. Broderson — Zespół.

Muzyka za wyjątkiem №№ 4, 8, 9, 11, 12 — H. Kona.

Kier. lit.: M. BRODERSON — Kier. muzyczny: H. KON.

Dekoracje i kostjum do №№ 4, 6, 7, 12 projekt. D. MATUSÓWNA.
„ „ „ „ 2, 5, 8, 11 „ SZ. BLUM.

Reżyserowali: №№ 2, 6, 7, 11 — Dzigan.
№№ 4, 5, 8, 12 — Puławer.

Ewolucje taneczne: SZEJNE MIRJAM.

Efekty świetlne: I. JEROZOLIMSKI.

Koncertmistrz: SZ. BAJGELMAN.

Dyrekcja zastrzega sobie prawo zmiany porządku numerów.

Nakładem M. Broderson Łódź. — Druk „Kultura".

(„נייער פאָלקסבלאַט“, לאָדזש.
30 דעצעמבער, 1927)

„נסים מן השמים“

פון י. דאַנקין

אמתע נסים מן השמים! אין דער איצטיקער צייט פון קונסטלאָזיקייט אויף דער יידישער גאַס, אין דער איצטיקער „פערגאָנגעוועטער“ קעגנוואַרט האָבן זיך איינגעקשנט עטלעכע מענטשן, אַז זיי מוזן איבערוועגן דעם קריזיס אין דער יידישער טעאַטער־קונסט, זיי מוזן ווייזן, אַז ביי אַ גוטן ווילן און אָפּפערוויליקייט קען און מוז עקזיסטירן אַ יידישע קונסט־בינע, אפילו פאַר מפונקים.

זיי זענען אמתדיקע קרבנות. קעמפנדיק מיט כל־ערליי שוועריקייטן שטעלן זיי זיך נישט אָפּ אויף קיין שום זאַך דאָס טעאַטער „אררט“ נישט נאָר צו דערהאַלטן, נאָר צו פאַרבעסערן, פאַרשענערן און צו פאַרפילפאַכן.

— דער יידישער עולם, זאָגט צו מיר דער ליטעראַרישער לייטער פון „אררט“, וועט דאָך מוזן סוף כל סוף אַרויס פון דער גלייכגילטיקייט און אָנערקענען די גרויסע אָפּגע־טוענע אַרבעט.

אפשר איז דאָס אַ ריכטיקער געדאַנק. דער יידישער טעאַטער־עולם האָט נישט קיין צוטרוי צו קיין פרוון, צו קיין עקספּערימענטן. ער וויל נישט וויסן פון קיין פאַר־גלייכן, פאַרהעלטענישן, באַדינגונגען. ער וויל פאַר דעם געקויפטן בילעט האָבן סחורה צו זען און צו הערן. דעריבער

נעמט לאָדזש אַזוי גערן אויף פאַרשידענע „סטאַרן״ און אויסגעאַרבעטע מאַרקעס.

האָט „אררט״ אָנגעהויבן דעם דורכברוך ביים יידישן טעאַטער־עולם, און פראָגראַם נאָך פראָגראַם פאַריאָגט ער דעם אומצוטרוי און דערנענטערט דעם עולם צו דעם ערנסטן און גוטן יידישן טעאַטער.

און זאָל דאָס נישט באַטראַכט ווערן פאַר אַ שאַבלאָן פון מיין זייט. דאָס דריטע פראָגראַם פון „אררט״ (ביים צווייטן האָב איך אויך אַזוי געשריבן) איז בעסער ווי די ביזאיצטיקע. „אררט״ איז נישט קיין רעווי־טעאַטער אין היינטיקן באַגריף פון וואָרט. מיר זעען דאָך דאָרט ריינע קאַמעראַל־נומערן, עקספרעסיע־נומערן, פאָלקס־פרימיטיוון און ענדלעך ערשט רעווי־נומערן. אַ טעאַטער, וואָס ווייזט אַלע געביטן פון טעאַטער־קונסט און באַווייזט זיי ערנסט, שיין, אַדורכגעטראַכט — קינסטלעריש. און איך האָב אומישנע געזאָגט, אַז דאָס דריטע פראָגראַם איז דאָס בעסטע און נישט דאָס שענסטע: דאָס בעסטע דערפאַר, ווייל עס איז ריין־טעאַטראַליש גענומען, צוגענגלעך פאַרן ברייטערן עולם און פאַר אמתע „זאַכקענער״.

אין דריטן פראָגראַם איז באַזייטיקט געוואָרן, לויט מיין מיינונג, אַ ביזיצטיקער קאַרדינאַלער פעלער. דאָס איז די שווערקייט — ס׳איז געוואָרן לעבעדיקער, פרייערער. דערביי איז עס אייגנאַרטיק, פריש, נישט שאַבלאָניש און נישט פאַרעלטערט.

קודם־כל וועגן דער מוזיק. עס ווילט זיך גאָרנישט פראַווען הענעך קאָנען קיין קאָמפלימענטן. ער דאַרף דאָס נישט, אָבער ווי קומען די „מוזיק־מאַכערס״ פון די פאַרשידענע רעווי־טעאַטערס צו אים. דאָרט ווערט גע־מאַכט מוזיק פאַר אַ נומער אָדער דער נומער פאַר דער מוזיק. קאָנס מוזיק איז דער אינהאַלט פון נומער. אַזוי

ווי די טעקסטן, (דער גרעסטער טייל מ. בראָדערזאָנס), אַזוי איז אויך אַריינגעפלאָכטן די מוזיק און צוזאַמען מיט די דעקאָראַציעס פון די זייער טאַלאַנטפולע דינה מאַטוס און דעם יונגן אָנהויבער ש. בלום בילדעט דאָס איין גאַנצעס וואָס איז די שטרעבונג פון די מאָדערנסטע טעאַטער־ריכטונגען.

דער רעזשיסער מ. פולאַווער איז אַ מפונק. ער וויל באַווייזן זיין יונגן רעזשיסערן־טאַלאַנט. ער טוט אַלע מעגלעכקייטן, לויט די בינע־מיטלען וואָס ער פאַרמאָגט, באַזונדערס אין די אַנסאַמבל־נומערן.

די בעסטע נומערן פון דריטן פּראָגראַם זענען: „ישובניקעס", „נסים", „בלאָפערס", „טויבן־כאַפּער" און „חסידישער טאַנץ". אַלץ קינסטלערישע, פרישע, אָריגינעלע זאַכן וואָס פאַרכאַפּן דעם צושויער.

„ישובניקעס" איז סיי אין קאָסטיום, גרים, טעקסט, מוזיק און אויספירונג (דזשיגאַן, פולאַווער) אַ שעדעוור, וואָס איז בכלל נישט געזען געוואָרן. אַזוי פריש־אייגנאַרטיק, אַזוי פריילעך־צאַפּלדיק — פשוט אַ מחיה. די זעלבע דזשיגאַן און פולאַווער האָבן מיט רעכט גרויס דערפאָלג אין דעם סקעטש „בלאָפערס". זיי סעקונדירט אָן פאַרוווּרף די גוטע אַרטיסטקע לאַלאַ זילבערמאַן, וואָס מאַכט גרויסע פאַרשריט.

די „נסים" איז זייער אַ גוטער נומער, עס פירן אים אויס מיט פאַרשטענדעניש נעלקען, שומאַכער און ריינגלאַס.

דער פּרעכטיק־סטיליזירטער חסידישער טאַנץ מוז האָבן דערפאָלג שוין דערפאַר, ווייל ס'טאַנצט אים שיינע מרים. דאָס איז איר אַמפּלואַ, אין דעם דאָזיקן רעפּערטואַר קיניגט זי.

איזאַ האַראַרי ווייזט זיך אַרויס אַלס אַ גוטע טענצערין,

איר עקסצענטרישער טאַנץ איז זייער פיין און טעמפּעראַ־מענטפול אויסגעפירט.

די צוויי יינגסטע פון „אררט״, זיסעלע גירל און מ. פּעטערמאַן, זייער פּעאיקע, האָבן געגעבן אַ תיקון דעם פּאָלקס־ליד „אונטער אַ קליין בוימעלע״. די רעזשי דאַרף דעם נומער אַ ביסל ענדערן.

בראָדערזאָנס „טויבן־כּאַפּער״ פירט אויס מיט געפיל קאַזאַנאָוו — אַ זייער ערנסטער אַקטיאָר.

באַזונדערס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף צוויי נומערן פון איצטיקן פּראָגראַם:

קודם־כּל „מאַסקעס״ מיט דעם אויסגעצייכנטן טעקסט פון מ. בראָדערזאָן און מוזיק פון י. בוים. דאָס איז עפּעס נייעס אויף דער יידישער בינע, עפּעס אייראָפּעישעס, עפּעס פיינס און סובטעלס, אָבער בעת שיינע מרים איז סיי אין טאַנץ און סיי אין דעקלאַמאַציע אויסגעצייכנט, האָט דזשיגאַן אויף דער פּרעמיערע, הגם זיין האַלטונג איז אָן שום פאָרוואָרף, נישט געהאַט דעם ריכטיקן טאָן.

דער צווייטער נומער איז די אויסגעצייכנטע רעוויע — „אַלט־שטאָט״ פון אַבערזשאַנעקן. אַבערזשאַנעק האָט היינ־טיקס מאָל געגעבן אַ זייער פריילעכע, אַמוזירנדיקע און גוטע רעוויע, ס׳לעבט אַלץ, דער וויץ איז אַ גוטער און נישט טריוויאַלער, דער איינפאַל איז אַקטועל און אינטערעסאַנט.

אַלע אָנטיילנעמער זענען אויפן אָרט און ס׳צייכנט זיך אויס דער שטענדיק גוטער גאָלדשטיין.

שוואַכער האָבן זיך פּרעזענטירט אויף דער פּרעמיערע די נומערן „משיח״ און די ״זון פאַרגייט אין פלאַמען״. דאָס איז אפשר דערפאַר, ווייל די דעקאָראַציעס און דער אָרקעסטער האָבן אַביסל אונטערגעהונקען, און דער כאָר האָט דעטאָנירט.

ס׳וואָלט טאַקע גוט געווען, אַז דער אָרקעסטער זאָל זיין בעסער צוזאַמענגעשטעלט.

קאַזאַנאָווער, וועלכער מאַכט גוטע פאַרשריט אויפן געביט פון פירן די קאָנפעראַנסיערקע, האָט דערגענצט דעם גוטן איינדרוק פון דער פאָרשטעלונג.

(„לאָדזשער וועקער"
30 יאַנואַר, 1928)

זיכערע טריט —
דאָס דריטע „ארורט" פּראָגראַם

ח. ל. פוקס

דאָס דריטע פּראָגראַם פון „ארורט" איז קודם כל אינטערעסאַנט מיט זיין פאַרשידנאַרטיקייט פון מאָטיוון און שטימונגען און מיט זיין אויסגעהאַלטנקייט פון אָנהויב ביזן סוף.

אינעם דריטן פּראָגראַם זעט זיך שוין אַ דרייסטע, זיכערע האַנט פונעם לייטער (בראָדערזאָן) און פון רעזשיסאָר (פּולאַווער).

עס זענען דאָ פעסטע טריט. ווילן און טאַט האָבן זיך פאַראייניקט און עס איז אַרויס אַ שיינער יידישער רעווי־פּראָגראַם.

יעדער נומער מיט זיין אייגנאַרט און כאַראַקטער און אַלע צוזאַמען — איין גאַנצעס און דערצו — ריין אָן שמץ פון „פעטע" וויצן.

מיר וועלן גיין כסדר. איך האָב באמת נישט געקענט דעם ח' קאַזאַנאָווער (קאָנפעראַנסיער). ער איז גאָרנישט דער זעלבער פונעם ערשטן פּראָגראַם. דרייסטער, וואָגיקער און טרעפלעכער זיין וואָרט; איבערצייגנדיק זיכערער זיין טריט. גוט.

„נסים" פון בראָדערזאָן — אַ פיינער כמעט פאָלקס־טימלעכער נומער, ווירקט. די אַרטיסטן נעלקען, רייגלאַס

און שומאַכער — גוט. בלויז... די באַוועגונגען דערמאָנען אַ ביסעלע... אין „הבימה".

דערפאַר — „מאַסקעס" פון בראָדערזאָן — מוזיק פון בוים, דורך און דורך נײַ, צינדט מיט יעדן קער און ווענד. שײנע מרים און דזשיגאַן האָבן פאַרכאַפּט מיט יעדן הויך פון זײער וואָרט און טאַנץ.

שוואַך און נישט נויטיק איז — „אונטער אַ קלײן ביימעלע". סײַ די אַרטיסטן, סײַ דער מאָטיוו, סײַ די דעקאָראַציע טויגן נישט. אײנס איז פרעמד דעם צווייטן.

דערפרישנדיק, ווי דאָס לאַכן פון אַ קינד, זענען די „ישובניקעס" פון בראָדערזאָן — מוזיק — ה. קאָן. געזונט, ברײטהאַרציק לאַכן און טיפן גלויבן, האָבן געוועקט מיט זײער שפּילן — פולאַווער און דזשיגאַן. יעדער אָדער האָט אין זײ געשפּילט. אַלע אברים, אַלע בלוטן און באַוועגונג. פון פולאַווערן און דזשיגאַנען קאָן מען אַ סך דערוואַרטן (למשל אַלס פאַרקערפּערער פון שלום עליכמען).

אַ נײַעס אין דער ײדישער קלײן־קונסט־בינע איז דער „עקסצענטרישער טאַנץ" אויסגעפירט דורך איזאַ האַראַרי. פרל. האַראַרי פאַרמאָגט אַ טיפן פאַרשטאַנד און געפיל פאַר ריטם און פלאַסטיק, וואָס איז געקומען צום אויסדרוק אין איר יעדער — אפילו גראָטעסקע־באַוועגונג.

„בלאָפערס" — אַ מאָדערנער סקעטש אויסגעפירט דורך זילבערמאַן, דזשיגאַן און פולאַווער איז גאַנץ געלונגען. אַ שאָד נאָר, וואָס דאָס טעמפּאָ פון שפּילן שטײגט נישט כסדר, נאָר אין די הויכע, גלײַכע גראַדאַציעס.

דער צווייטער טייל פון פּראָגראַם הויבט זיך אָן מיטן באַקאַנטן ײדישן פאָלקסליד „וואָס וועט זײַן, אַז משיח וועט קומען". רעזשי — אויספירער — דעקאָראַציעס, גוט.

„טויבן־כאַפער" — אַ סענטימענטאַל־לירישע אַלטאָג־

באַלאַדע פון בראָדערזאָן. קאַזאַנאָווער שפּילט מיט האַרץ, מיט סענטימענט אָבער אָן פייער, בלייבט דער סענטימענט, וואָס פאַרגייט. סענטימענט איז אויך דאָס ליד געזונגען דורך פרל. בריקאַן און אפילו די צווי „מיידלעך״ זינגען אויך לויזער סענטימענט.

„די זון פאַרגייט אין פלאַמען״, דאָס אַלטע, באַקאַנטע ווייכע בלאָנדע ליד פון יצחק קאַצענעלסאָן, מוזיק — גלאַט־שטיין, אינסצעניזירט, ווירקט ווי תמיד, בין השמשות, אָנ־שטעקנד, טיף. אַ שאָד נאָר, וואָס די „פּראָזע״ צום אַריינפיר איז נישט געלונגען, שוואַכט אָפּ.

„חסידישער טאַנץ״, געטאַנצט דורך שיינע מרים, הילט אויף אַ שלייער פון חסידישן, אינערלעכן עקסטאַז.

„אַלט־שטאָט״, דער רעווי־שלאַגער פון אָבערזשאַנעק, דעקט דאָס גאַנצע פּראָגראַם. אין קרומען שפּיגל פון גראָ־טעסקער ווירקלעכקייט גייען אַדורך אַ רייע טיפּן און גע־שטאַלטן פון לאָדזשער רוישנדיקן אַלט־שטאָט, יעדער מיט זיין שמייכל און גרימאַס. אַלץ קלאַפּט: אַרטיסטן דער גאַנצער אַנסאַמבל — מוזיק — דעקאָראַציע, ווירקנדיק און טרעפלעך, דערפרייט און הייטערט אויף ס׳געמיט.

אין אַלגעמיין איז דער דריטער פּראָגראַם אַ שריט פאָראויס, ס׳איז דאָ די זיכערקייט אין דער לייטונג, רעזשי, מוזיק, דעקאָראַציע און אַרטיסטן, וואָס ווירקן אויפן צושויער סיי מיט דער מאָמענטאַלער צופרידנקייט, סיי מיטן אַהיימנעמען אַ פּנים, אַן איבערלעבונג פון אַ קונסט־גענוס.

(„נייער פאָלקסבלאַט“, לאָדזש
30 יאַנואַר 1928)

„א ר ר ט“

פון י. דאַנקין

„סאַלעם אלייקום“
פערטער פראָגראַם

ווען מען פאַרנעמט זיך צו באַטראַכטן און אָפּשאַצן דעם פערטן פראָגראַם פון „אררט“, מוז מען אָפּשאַצן די גרויסע פאַרדינסטן פון דיכטער בראָדערזאָן, וועמענס פעדער ס'האָט געגעבן 80 פראָצענט פונם פראָגראַם (8 נומערן פון 10). דער גאַנצער פראָגראַם איז דעריבער אויסגעהאַלטן אין דעם ספּעציפיש בראָדערזאָנישן סטיל און ריטם און דערביי איז אַלץ פאַרשידן און פאַרשידנאַרטיק, אַזוי גוט פאַרן אויג ווי פאַרן אויער, פאַר דער נשמה און פאַרן גוף.

אינעם פראָגראַם איז פאַראַן בראָדערזאָן דער סובטע־לער דיכטער און בראָדערזאָן דער קינסטלער פון וואָרט און מייסטער פון גראַם.

דער דיכטער איז דאָ פאַרטראָטן מיט צוויי זייער שטאַרקע פאַרשידנאַרטיקע ווערק, („זש'אַקיז“ און „קוילן־גרעבער“), הגם פון דעם זעלבן זשאַנר. דאָס איז אַ הילכי־קער, אַ מעכטיקער פּראָטעסט־געשריי פון פאַרשטויסענע, שיפּברוכיקע מענטשן, וואָס ווערן אויסגענוצט צו ברענגען ליכט, וואַרימקייט און זיג אין דער וועלט, בלייבנדיק אַליין איי דער פינצטער, פאַלנדיק אַליין אַלס קרבן.

קונסטווערק אָן שום מוסר־השכל, אָדער אָנדייטונג, אַ גאַנצער גאַליקער נשמה־געשריי, וואָס דרינגט טיף אַריין אין די אינגעווייזן פון דעם צוהערער און צווינגט אים ווייטער צו שפּינען דעם איינגעפּאָדעמטן געדאַנק דורך דעם קינסטלער. צוויי שטאַרקע קינסטלערישע נומערן, וואָס וואָלטן געסטאַיעט פאַר פיינפילנדע ליבהאָבער פון דער טעאַטער־קונסט צו באַפרידיקן זייערע פאָדערונגען פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג.

בראָדערזאָן, דער וואָרט־קינסטלער און מייסטער פון גראַם, האָט ווידער געגעבן עטלעכע פּרעכטיקע שאַרזשן און לידער, צווישן וועלכע מ'קען אַרויסנעמען אמתע שעדעווערען אין דער קליין־בינע־קונסט ווי למשל „בעקערלעך", „נעגער־סקעטש", „האַנדל" און דער זיסער נומער „קוקאַ־רע־קו". ס'איז פאַראַן אין זיי קודם כל פּרעכטיקער איינפאַל, וויציקער שאַרזש, געלונגענער טעקסט און אָנגענעמע אַקציע.

די דאָזיקע אַלע מעלות, וועלכע איך האָב אָנגעוויזן, האָבן אָבער אויך אַ חסרון (וואָס קען דען זיין אָן חסרון ?) און דער חסרון איז פאָלגנדיקער: „אררט" איז געוואָרן דאָס געליבטע קינד פון בראָדערזאָנען: ער איז דער טאַטע פון דעם הייסגעליבטן קינד, וואָס איז געקומען נאָך אַ זייער שווערן געבורט, ער איז דער ליטעראַריש־קינסטלערישער לייטער, ער איז דער מחבר פון די פּראָגראַמען, ער איז דער דערציער פון די אַרטיסטן און דריבער — דעריבער איז ער מוחל זיין אויסגעקעכלט קינד פיל חטאים, וואָס דאַרפן אויסגעבעסערט ווערן אין זיין יוגנט...

דער דיכטער דאַרף אויך האָבן מזל. זיין ווערק דאַרף געפינען דעם געהעריקן תיקון. אין דער הינזיכט האָט „אררט" אין פערטן פּראָגראַם זיך ווידער נישט וואָס צו באַקלאָגן.

די פירמע בראָדערזאָן־קאָן, מאַטוס־בלום און פולאַווער

I.

1) פּראָלאָג — ד. קאַזאַנאָווער

2) קו־קע־רע־קו — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן
ה. קליינער, י. שומאַכער, ב. נעלקען, ש. גאָלדשטיין.

3) קויהלען־גרעבער — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן
א. בריקאָן, ב. נעלקען, ב. פּילאָווער, ש. דזשיגאַן,
י. רינגלאַס, מ. קאָן.

4) עקסצענטריק (טאַנץ) — מוז. ה. קאָן — שיינע מרים, איזא הארצער

5) סאַלאָם א ייקום — מ. בראָדערזאָן, מוז. קאָן

[illegible]

II.

6) נעגער־ס׳ עכש — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן
שיינע מרים, ל. זילבערמאַן, ב. פּילאָווער, ש. דזשיגאַן.

7) האַנדעל — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן
ל. זילבערמאַן, א. בריקאָן, ש. גאָלדשטיין.

8) זש׳אקיס (כ׳בעשלדיק) — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן

[illegible]

9) צרות פון ספּאָרט (מאָנאָלאָג) — ב. טויקעל — ש. דזשיגאַן

10) בעקערלעך — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן
שיינע מרים, ל. זילבערמאַן, ש. הויער, ב. פּילאָווער,
ש. דזשיגאַן, י. רינגלאַס.

11) מיהמע גמינקע (רעוויו) — י. אָבערזאַנעק, מוז. ה. קאָן

פּערזאָנען:

גאַרבל, סטודענט	— שיינע מרים
[illegible]	— [illegible]
[illegible]	— ל. זילבערמאַן
פון „הכנסת כלה"	— [illegible]
[illegible]	— ש. הויער
[illegible]	— ש. גאָלדשטיין
[illegible]	— י. רינגלאַס
[illegible]	— י. [illegible]
[illegible]	— ב. נעלקען
[illegible]	— י. רינגלאַס
ר׳ יאָסעלע [illegible]	— י. שומאַכער
לייבעל [illegible]	— מ. קאָן
[illegible]	— ש. גאָלדשטיין
[illegible]	— ש. דזשיגאַן
[illegible]	— ב. פּילאָווער

איז סאָליד און פעדאַנטיש. זייער „סחורה" איז פולשטענדיק אויסגעפּאַרטיקט, איידער זי זעט די ליכטיקע שיין. קאָנ'ס מוזיק דאַרף מער אין „אררט" נישט רעצענזירט ווערן, דאָס איז אַן אַקסיאָמע, זי איז גוט, אויסגעצייכנט. זי פאַרשאַפט בלויז עגמת־נפש די קריטיקער, וועלכע ווילן, ווי געוויינלעך, פאַרבעסערן, מוסר־זאָגן.

פאַר דאָס צווינגען אונדז די קינסטלער־מאָלער דינו מאַטוס און י. בלום זיך אָפּצושטעלן וועגן זייער אַרבעט ביים פּערטן „אררט"־פּראָגראַם. אין דער דעקאָראַטיווער זייט האָט איצט „אררט" געמאַכט אַ גרויסן שריט פאָראויס. די אַנעמיע הויבט אָן צו פאַרשווינדן. דער דלות הויבט אָן אָפּצוטרעטן און די דעקאָראַציעס און קאָסטיומען ווערן פולבלוטיק און אינטערעסאַנט, די דעקאָראַציע צו די „קוילן־גרעבער" מאַכט דעם געהעריקן איינדרוק, גלייך ווי דער פאָרהאַנג הויבט זיך אויף. דאָס זעלבע איז מיט „סאַלעם אַלייקום", „בעקערלעך" און אַנדערע נומערן. ס'פילן זיך נייע געוואַגטע עקספּערימענטן, געלונגענע ליכט־עפעקטן, הלואי אויף ווייטער זאָל די אויסגעצייכנטע רעזשי, צוזאַמען מיט די קינסטלער, דרייסט שרייטן אויף דעם אָנגעצייכנטן וועג און מיט איטלעכן פּראָגראַם אַריינברענגען עפּעס נייס און אינטערעסאַנטס.

אין פּערטן פּראָגראַם זענען יעדנפאַלס דעקאָראַציע, קאָסטיום, גרים און ליכט געוואָרן מיטשפּילערס און מיט־אויספירערס אין דער פאָרשטעלונג.

וועגן דער אויפפירונג גופא איז פאַראַן זייער פיל גוטס צו זאָגן די יונגע אַקטיאָרן. גרויסע פאָרשריטן, אַ נישט־אָפּגעשוואַכטער טעמפּאָ פון אַרבעט, ערנסטקייט, אחריות און ווילן. נישט אָפּגעשראָקן פון מאַטעריעלע מיסדערפאָלגן, האָבן זיי זיך ווייטער געקלאָמערט אין זייער אידעע ביז זיי

האָבן געצווונגען דעם פּאַרעקשנטן „עולם" צו אויפמערק־זאַמקייט און אפילו צו אָנערקענונג.

וואָס קען מען דען באמת פאָרוואַרפן דעם יונגן רעזשי־סערן־טאַלאַנט פולאַוועד? ער האָט פיל טעג שווער גע־אַרבעט, פיל נעכט זעט אויס, נישט דערשלאָפן, כדי צו געבן אַן אמתע נחת־רוח'דיקע פאָרשטעלונג, כדי אויפן בעסטן אופן צו רעפּרעזענטירן זיך אַליין און זיינע חברים מיט־אַרטיסטן. הערלעכע מאָמענטן זענען אַריינגעפּירט געוואָרן אין יעדן נומער. מער אָדער ווייניקער געלונגענע, אָבער אַלץ סובטעל, שכלדיק און אויסגעהאַלטן אין סטיל און כאַראַקטער.

פולאַוועד מיט דזשיגאַנען שפּילן ווייטער די ערשטע פידל אינעם אַנסאַמבל און סיי אין די „קוילן־גרעבער", סיי אין „נעגער־סקעטש", סיי אין „בעקערלעך", זענען זיי אָן פאָרוואורף. זיי שפּילן, זיי פאַרשטייען וואָס זיי שפּילן, זיי וייסן וואָס זיי שפּילן. באַזונדערס איז ווערט צו דער־מאָנען דזשיגאַנען אין זיין פרעכטיקן מאָנאָלאָג פון טונ־קעלען „צרות פון ספּאָרט". דזשיגאַן איז פון די בעסטע מאָנאָלאָגיסטן, וועלכע מיר האָבן ביז איצט געהאַט אין יידישן טעאַטער.

אין אויבנאָן פון פרויען־פּערסאָנאַל רוקן זיך אין פערטן פּראָגראַם אַרויס שיינע־מרים און ל. זילבערמאַן. שיינע מרים איז אין דער מויד פון „בעקערלעך" אומפּאַר־גלייכלעך. זייער גוט איז זי אויך אין „נעגער־סקעטש", „זש'אַקיז" און „סאַלעם אַלייקום". דאָס זעלבע איז ל. זיל־בערמאַן, איר טאַלאַנט אַנטוויקלט זיך אָן ספק, זי ווערט באַוועגלעכער און טעמפּעראַמענטפולער אין איר אָנגע־שטרענגטער אַרבעט. פול מיט עקספּרעסיע איז ד. קאַזאַ־נאָווער (אין „זש'אַקיז"). אין איצטיקן פּראָגראַם ווייזט ער זיך אַרויס פון דער בעסטער זייט.

בריקאַו, פעטערסאָן, האַוער, האַראַרי און קליינער זענען שטענדיק אויפן אָרט און דערגענצן דעם גוטן איינדרוק.

יעקב ריינגלאַס גיט אין די „בעקערלעך" אַ פרעכטיקע שאַרזש־פיגור, אין די „קוילן־גרעבער", און „סאַלעם אַליי־קום" איז ער צוזאַמען מיט נעלקענען פון די וויכטיקע ראַליסטן און מ'קאָן נאָר וועגן זיי רעדן פון דער בעסטער זייט. דאָס זעלבע מוז אויך געזאָגט ווערן וועגן קאָנען.

די צוויי יינגסטע, אָבער פעיקסטע „אררט"־אַרטיסטן זענען שומאַכער און גאָלדשטיין. זיי מאַכן גרויסע פאָרשריט און פון זיי וועט דער טעאַטער־עולם, זאָלן מיר האָפן, נאָך זייער פיל נחת האָבן.

שוואַכער איז אין פערטן פראָגראַם אויסגעפאַלן דער עקסצענטרישער טאַנץ. אָבערזשאַנקעס רעווי „מיהמע גמינ־קע" איז אַמוזירענד, האָט פיל זייער געלונגענע מאָמענטן. דער הויפט־פעלער פון איר איז אָבער, וואָס די העלדן ווערן אָנגערופן מיט זייערע ריכטיקע נעמען.

(„נייער פאָלקסבלאַט", לאָדזש
19 מערץ, 1928)

דאָס 5טע פּראָגראַם פון „אררט"

פון י. דאַנקין

און ווען דער פינפטער פּראָגראַם פון „אררט" וואָלט בלויז באַשטאַנען פון די פינף נומערן ווי „מלוה מלכה", „זייגערל", „כינעזישער פעכער", „בלינדע" און „קאַנטאַ־ניסטן" — וואָלט עס גענוג געווען, אַז מיר זאָל זיך האַלטן ביי אונדזער אַלטער מיינונג: „אררט" איז אַן אָנהויב פון אַ גוטן יידישן טעאַטער אין אונדזער שטאָט.

די וועלט זאָגט אַ ווערטל: גוטס האָט נישט קיין שיעור. אין פאַרגלייך מיט דעם, ווי ווייט די טעאַטער־קונסט איז שוין דערגאַנגען אין גאָר דער וועלט, איז „אררט" אַ נאָר וואָס געבוירן קינד, אין פאַרגלייך אָבער מיט דעם ווי ס'זעט אויס אונדזער יידישע טעאַטער־קונסט — איז „אררט" אַ גרויסע דערגרייכונג, און דאָס גאָר אַ גרויסע.

אין די אויפפירונגען פון „אררט" מוז מען פונאַנדער־שיידן דאָס מאַטעריאַל און די אויספירונג. בנוגע דעם מאַטע־ריאַל, שטייט דער „אררט" זיכער נישט אָפּ אין זיין באַמיונגען צו געבן דאָס בעסטע. די „רעוויעס" וואָס ווערן צוגעגעבן צו יעדן פּראָגראַם האָבן אייגנטלעך נישט קיין שום שייכות מיט דער ליניע פון „אררט". זיי זענען אָבער אומבאַדינגט נויטיק, כדי אונדזער טעאַטער־עולם צוגעוווינען צו אַזעלכע נומערן ווי „מלוה מלכה", „בלינדע" און כינעזישער פעכער". נאַטירלעך דאַרף געשטעלט ווערן אַ פאָדערונג, אַז די רעוויעס

פינפטער פּראָגראַם פון „אררט"

I.

1) **פּראָלאָג** — ד. קאָוונאָווער.

2) **זײַגערל** — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן
זיסעלע גיזל, נעלקען, שומאַכער.

3) **מלוה מלכה** — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן
פּולאַווער, דושיגאַן, ריינגלאַס.

4) **מאַמעניו מײַן** — יהואש, מוזיק געלבאַרד
בריקאָן, קליינער.

5) **שפּאַנישער סקעטש** – מ. בראָדערזאָן, מוז. קאָן
שיינע מרים, זילבערמאַן, פּולאַווער, דושיגאַן.

6) **נאָך דער חופּה** — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן
בריקאָן, הויער, פּעטערמאַן, נעלקען, שומאַכער, גאָלדשטיין.

7) **דער פּעכער** — לויט אַנאַטאָל פראַנס, אינסצעניזירט און רעזשיסירט — ד״ר פּאָללאַק, מוזיק פּוטשיני
שיינע מרים, פּולאַווער, דושיגאַן.

8) **בלינדע** — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן — גאַנצער אַנסאַמבל

II.

9) **קאָנסטאַנטין** (יידישע קאָזאַקן) — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן
פּולאַווער, דושיגאַן.

10) **קײַשלעך** — מ. בראָדערזאָן, מוז. ה. קאָן
בריקאָן, פּעטערמאַן, הויער.

11 **מײַן ערשטער דעפּאָזיט** — מ. נאַדיר — ש. דושיגאַן.

12. **גאַסטשינני דוואָר** (רעוויו) — י. אַבערושאַנעק

פּערזאָנען:

1-טער גנב	— י. ריינגלאַס
2-טער „	— ש. דושיגאַן
נאַכט-װעכטער	— מ. קאָן
הזיר	— מ. נעלקען
1-טע יודענע	— ל. זילבערמאַן
2-טע „	— ר. דזיגאַן
ציגײַנערין	— שיינע מרים
ציגײַנער	— ש. דושיגאַן
1-טער יונגעל	— גיזל
2-טער „	— ש. גאָלדשטיין
באַנצער-הענדלער	— י. שומאַכער
בלינדער זינגער	— ש. גאָלדשטיין
1-טער רעסטאָראַטער	— מ. נעלקען
2-טער „	— ה. פּולאַווער

מוזיק: [redacted], צוויי יונגעל ר. ח' בוליע און צוויי יודענעס, רעסטאָראַטערן — י. בוים.
באַנצער-לידל און ציגײַנער פּאָר — דוד בייגעלמאַן.

זאָלן זיין בעסער און וויציקער ווי די איצטיקע רעוויע. ס'איז דאָך שוין די העכסטע צייט אויפצוהערן צו אידענטי־פיצירן דאַזאַרעס, סענאַטאָרן, דעפּוטאַטן מיט גנב און אַלפאָנס און שטענדיק פּאָרן רב מיט שיקסע. דאָס איז שוין נישט מער וויציק... דאָס זעלבע איז אויך געזאָגט בנוגע ערטער אין דער „קאָנפעראַנסיערקע".

ווען מ'באַזייטיקט אָבער די דאָזיקע חטאים, (ווער איז דאָס אָן חטאים!) ווערט אַזוי ליב און אָנגענעם, אַזוי האַרציק־פֿאָלקסטימלעך, אַז מ'פאַרגעסט פון אַלעמען. וואָס איז דען דאָ אויסצוזעצן אויף יהואשס ליד, אויף נאַדירס אַ מאָנאָלאָג, אויף אַנאַטאָל פראַנס אַ נאָוועלע (אין דער אינסצעניזאַציע פון דעם דר. וו. פאַלעק), אויף בראָדערזאָנס אַן ערנסטע סטודיע, אָדער זיינס אַ וואָרט־קונסט־שטיפעריי? דאָס אַלץ זענען זאַכן אין פינפטן פראָגראַם, וואָס באַפרידיקן און צווינגען זיך אָפּצורופן וועגן זיי מיט דער גרעסטע, אָנערקענונג.

איצט עטלעכע ווערטער בנוגע דער אויספירונג. מיר ווילן נאָך אַמאָל אונטערשטרייכן, אַז אָן ספק איז אין „אררט"־אַנסאַמבל פאַראַן אַ זייער טאַלאַנטירטער אַרטיס־טן־מאַטעריאַל. אָן ספק מאַכן די „אררט" אַרטיסטן גרויסע פאָרשריטן; אָן שום ספק, דאַרף מען זיך אַנטציקן מיט זייער ערנסטער באַציונג און אָפּפערוויליקייט, נאָר עס וואָלט נישט געשאַדט צו באַקרעפטיקן די טרופּע מיט עטלעכע רוטינירטע אַקטיאָרן.

גרויסע פאָרשריט מאַכט די דעקאָראַטיווע זייט, אויס־געפירט דורך דינה מאַטוס. פיל גוטס דאַרף אויך געזאָגט ווערן וועגן די ליכט־עפעקטן, וואָס ווערן אַראַנזשירט דורך ה' יעראָזאָלימסקי, ווייטער איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז הענעך קאָהן איז מיט זיין מוזיק נישט געבליבן הינ־טערשטעליק.

דר. ווילהעלם פּאַלעק האָט פּרעכטיק אינסצעניזירט און איבערגעאַרבעט אַנאַטאָל פראַנס „כינעזישן פעכער", דאָס איז אַ פיינער קאַמעראַלער נומער, וועלכער ווערט מיט זייער פיל פאַרשטענדעניש אַדורכגעפירט דורך דעם פּרים־טריאָ מרים, פולאַווער און דזשיגאַן.

אַ גרויסע איבערראַשונג איז דער האַרציק־גוטער נומער פון בראָדערזאָן, „דאָס זייגערל", אַזוי האַרציק, ווי דער נומער אַליין איז זענען זיינע אויספירערס זיסל נעלקען און שומאַכער.

דאָס באמת התלהבותדיקע חסידישע טענצל וואָלט אפילו אָן טעקסט געווען אַ פּרעכטיקער נומער און מיט פיל טעמפעראַמענט, פּרעציזקייט און פאַרשטענדעניש אויס־געפירט דורך פולאַווער, דזשיגאַן און רייגלאַס.

דער יונגער גאָלדשטיין האָט זיך אין פינפטן פּראָגראַם נישט ווו אַרויסצווייזן. אויסער אין דער רעווי שפּילט ער אין דעם ריטמישן נומער, נאָך דער חופה. ער איז טאַקע די נשמה פון דעם נומער ביי דער בראַווער אויספירונג פון דעם זעקסטל: נעלקען, פרל. האַוער, שומאַכער, פרל. פעטערמאַן, גאָלדשטיין און פרל. בריקאַו.

אויך דער פרימיטיוו „קיישלעך" האָט גרויס דער־פאָלג צוליב די קאָסטיומען און דעם שפּילן פון די פריילינס האַוער, פעטערמאַן און בריקאַן. פּרעכטיק אינטערפּרעטירט זענען די „קאָנטאָניסטן" דורך פולאַווער און דזשיגאַן און שיין געשפּילט ווערט דער „שפּאַנישער סקעטש" דורך: שיינע־מרים, לאָלאַ זילבערמאַן, פולאַווער און דזשיגאַן.

דזשיגאַן האָט דאָס מאָל אַ ווייניקער דאַנקבאַרן מאָנאָ־לאָג ווי „צרות פון ספּאָרט". ער האָט אָבער זיך געראַטעוועט צוליב דעם זייער פיינעם סוף, וואָס ער האָט אַליין צוגעגעבן און דער עולם לאַכט זייער האַרציק.

דער סאַמע ערנסטער נומער איז „בלינדע". מיר האַלטן

אָבער, אַז דער נומער איז נישט פולשטענדיק געלייזט גע־וואָרן, הגם ס'איז אין אים זייער פיל אַרבעט אַריינגעלייגט געוואָרן. אַלע אָנטיילנעמער, די בלינדע מיט קאַזאַנאָווער דעם זעעוודיקן, זענען אויף דער געהעריקער הויך.

אַלע אָנטיילנעמער אין אָבערזשאַנעקס רעווי — גוט. די רעזשי פון פולאַווערן דאַרף אָנערקענט ווערן. דער דאָזי־קער יונגער רעזשיסערן־טאַלאַנט ווייזט כסדר אַ נייעם אויפטו, אַ נייעם שטריך. דער אָרקעסטער אונטער דער אָנפירונג פון דיריגענט בייגעלמאַן איז זייער גוט.

געמישט פראָגראַם פון „אררט"

1) פסח — קאָנאָנאַיער.

2) סקעטש — שיינע ברים, זילבערמאַן, דוגאַן און פולאַוער.

3) קיישלעך — פעטערמאַן, הויער, בריקאַן.

4) לופט-פליער — הויער, דוגאַן.

5) זייגערל — זיסעלע גירל, נעלקען, שטאַבער.

6) מלוה מלכה — דוגאַן, פולאַוער.

איבעררייס 10 מינוט.

7) סאָלעם-אליים — אַנסאַמבל.

8) ישובניקעס — דוגאַן, פולאַוער.

9) נאָך דער חופה — פעטערמאַן, הויער, בריקאַן, גאָ דשטיין, נעלקען, שיבאַבער.

10) חסידישער טאַנץ — שיינע ברים.

11 מאָביליזאַציע — דוגאַן.

12 בעקערלעך — שיינע ברים, הויער, זילבערמאַן דוגאַן פולאַוער, רייגלאַס.

ס ו ף.

טעקסט: 1, 2, 3, 5, 7, 8, 9, 12 — מ. בראָדעזאָן.
4, 11 — — — אָבערזשאַנעק.
6 — — — פאָלקס-ליד.

מוזיק חוץ 6 — ה. קאָן.

דעקאָראַציעס און קאָסטיומען צו די נומערן 2, 3, 9 פּראָיעקטירט פון דינה מאַטוס.
5, 6, 7, 9, 12 שמואל בלום.

ליטעראַרישער לייטער: מ. בראָדערזאָן.

מוזיקאַלישער לייטער: קאָמפּ. ה. קאָן. רעזשי: מ פולאַוער.

באַלעט מייסטער: פּראָפּ. מאַיעווסקי.

קאָנפערענציער: ד. קאַזאַנאַווער. קאָנצערט-מייסטער: ש. בייגעלמאַן.

ליכט-עפעקטן: י. יעראָזאַלימסקי.

געמישט פראָגראַם פון „אררט" (פויליש)

1.	WIELKANOC	— Kazanower.
2.	SKETCH	— Szejne Mirjam, Zylbermanówna, Dzigan i Puławer.
3.	KOSZYKI	— Feterman, Hauer, Brykan.
4.	PILOT	— Hauer, Dzigan.
5.	ZEGAR	— Zysele Girl, Nelken, Szumacher.
6.	MŁAWE MAŁKE	— Dzigan, Puławer.

Przerwa 10 minut.

7.	SALEM ALEJKUM	— Zespół.
8.	JESZUWNICY	— Dzigan, Puławer.
9.	PO ŚLUBIE	— Feterman, Hauer, Brykan, Goldsztajn, Nelken, Szumacher.
10.	TANIEC Chasyda	— Szejne Mirjam.
11.	MOBILIZACJA	— Dzigan.
12.	PIEKARCZYKI	— Szejne Mirjam, Zylberman, Dzigan, Puławer, Rejnglas.

KONIEC.

Tekst: 1, 2, 3, 5, 7, 8, 9, 12 — M. Broderson.
4, 11 — — — Oberzanek.
6 — — — — Piosenka Ludowa.

Muzyka za wyjątkiem № 6 — H. Kona.

Dekoracje i kostjumy do №№ 2, 3, 9, projekt D. MATUSÓWNA.
„ „ „ „ 5, 6, 7, 9, 12 „ SZ. BLUM.

Kierownik literacki: M. BRODERSON

Kier. muzyczny: Komp. H. KON. Reż.: M. PUŁAWER.

Ewolucje taneczne układu prof. MAJEWSKIEGO.

Confer.: D. KAZANOWER. Koncertmistrz: SZ. BAJGELMAN.

Efekty świetlne: I. JEROZOLIMSKI.

Nakładem M. Broderson Łódź Druk „Kultura"

(„נייער פאָלקסבלאַט״, לאָדזש
23 פעברואַר, 1928)

אין „אררט״

פון י. מאסטבוים

אין באַגייסטערונג און באַגריסונג

נישט וועגן „אררט״ אין נחס צייטן, נאָר פשוט דעם „אררט״ פון „מאַנטייפעל״. נישט קיין שווער־בייכיקע רעצענזיע פון אָפּשאַצונגען, נאָר אַ פּאָר ווערטער צו פריינד, וואָס לאָזן זיך נישט אויפן וועג פון ביליקער קאַבאַרעטעריע און וואָלוועלער וויצלעריי.

די ווערטער קומען קודם כל דעם דיכטער משה בראָדערזאָן. וואָרום, ווען איך בין אַרויף אויף דעם בערגל „אררט״ פון מאַנטייפעל האָב איך געמיינט, אַז איך וועל מיך דאָ אָנטרעפן מיט ווידערקלאַנגען פון „קווי־פּראָ־קוואָ״ און „פּערסקע־אָקאָ״.

ווייזט זיך אָבער אַרויס, אַז אַ דיכטער בלייבט דיכטער. די עטלעכע זאַכן בראָדערזאָנס, ווי די „קוילן־גרעבער״, „האַנדל״, „סאַלעם אַלייקום״, האָט מען געמעגט אַריינגעבן אין ערשטן בעסטן ביכל פון זיינע שריפטן. פאַראַן אין זיי שפּראַך, ריטם, כאַראַקטער פון מענטשן און דער עיקר: זיי זענען געשריבן מיט וואַרימען אמת.

אין דער רעזשי (פּולאַווער) געפעלט מיר דאָס, וואָס דאָרט איז פאַראַן דאָס געוואַגטע און כאָטש עס פּילט זיך נאָך אַ יונגע האַנט, אָפּטמאָל אַ נישט זיכערע האַנט, דאָך אימפּאָנירט אונדז די דרייסטקייט.

ווייטער ווילט זיך זאָגן אַ פּאָר ווערטער הענעך קאָהנען.

אין דער „אררט‟־מוזיק, איז אמת נישט פאַראַנען דאָס, וואָס מען רופט אָן „שלאַגער־נומערן‟ פאַר דער גאַס, ווי קאָהן האָט עס געגעבן אין „אזאזעל‟־פּראָגראַמען, אָבער ער איז דאָ ערטערווייז טיפער, פאָלקסטימלעכער און אינ־טערעסאַנטער אַלס מוזיקער.

אַ שטאַרקן קאָמפּלימענט גיב איך דעם קליינעם אָר־קעסטער, וואָס שפּילט טעכניש ריין, אויסגעהאַלטן און דער עיקר אָן פּרעטענזיעס אויף ווירטואָזיטעט (וואָס עס באַ־זייטיקט פּראָווינציאַנאַליזם).

דאָס שפּילן פון די אַרטיסטן איז איבער אַלע מיינע דערוואַרטונגען. לאַדזש האָט געשאַפן די ערשטע גרופּע פון „יונג־אידיש‟, זי שאַפט שטענדיק ענטוזיאַזם, און דאָס שפּילן דאָ איז ווייט פון יענער פּראָפעסיאָנעלער מאַניע־רישקייט.

פרוי שיינע מרים, די בלאָנדע לאָרעליי פון באַרג „אררט‟ (אָן, פאַרשטייט זיך, דעם גאָלדענעם קאַם) קאָנען מיר פאַר אַ זייער סימפּאַטישן מענטשן. זי איז אָבער פיל מער ווי אַ סימפּאַטישע שוישפּילערין, זי פאַרטיפט זיך אין אירע ראָלן און באַקומט דאָס בעסטע פאַר זיך.

אין די צוויי קאָנטראַסטיקע ראָלן איז זי דאָ און דאָרט גלענצענד. די גראָטעסקע ראָלע (אין „בעקערלעך‟) איז ביי איר נישט ערגער, ווי די ליבע־וויזיע פאַר די אויגן פון אומבאַקאַנטן זעלנער. דאָ און דאָרט דערקענט זיך פאַרטיפונג.

זי האָט אומבאַדינגט אַ גרויסע צוקונפט אויף דער יידישער בינע.

די טענצערין האַראַרי ווייזט אַרויס פיל מוזיקאַליטעט. אין אירע ריטמישע באַוועגונגען ליגט מער אינערלעכע איבערלעבונג, ווי דאָס וואָס זי גיט דעם צושויער.

ה׳ דזשיגאַן איז מער טאַלאַנטירט. איך וואָלט אים נאָך וועלן זען אין אַנדערע ראָלן; אַ פּאָר וואַרימע ווערטער איז דאָ צו זאָגן וועגן פר. זילבערמאַן (בעקערלעך) און קאַזאַנאָווער (אין זעלנער). זיי זענען סימפּאַטישע דערשיי־נונגען פאַר דער יידישער בינע.

איך וואָלט נאָך געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן די אַלע אַנדערע שוישפּילער אָבער, ווי געזאָגט, האָב איך נישט אין זינען געהאַט צו געבן אַ רעצענזיע. איך שענק נאָר אַ פּאָר וואַרימע ווערטער די יונגע לאָדזשער ענטוזיאַסטן דערווייל, און ווינטש זיי, זיי זאָלן ווי נח אין דער תבה אַרויסשיקן די טויב צו געפינען אין מבול פון קאַבאַרעטן און „רעוויר־שפּילן" דאָס יונגע, לעבעדיקע און זאַפטפולע און מיר וועלן האָבן אַ באַרג פון גענוס.

טעאַטער־סטודיע אין לאָדזש 1925

טויזנט נײַן הונדערט פינף און צוואַנציק (1925) האָט זיך געגרינדעט אַ טעאַטער־סטודיע אין לאָדזש, אונטער דער לייטונג פון באַקאַנטן דיכטער משה בראָדערזאָן. די סטודיע האָט געגעבן אַנאָנסן אין די צייטונגען: יונגע פעיקע מיידלעך און בחורים, וואָס ווילן געהערן צו דער סטודיע, דאַרפן קומען זיך עקזאַמינירן כדי צו ווערן אָנגענומען אין דער סטודיע.

אין לאָדזש זענען געווען זייער אַ סך דראַמקרייזן. פאַרשטייט זיך, אַז עס זענען געקומען זייער אַ סך זיך עקזאַמינירן. איבער הונדערט מיידלעך און בחורים זענען געקומען. אָבער זייער אַ סך האָבן נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. איבער צוואַנציק זענען געווען די וואָס האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. פון די איז שפּעטער געשאַפן געוואָרן דער פונדאַמענט פון „אַררט"־טעאַטער.

אין דער סטודיע האָבן מיטגעאַרבעט צוויי רעזשיסאָרן. איינער איז געווען איזידאָר לעווי, אַ געוועזענער אַקטיאָר פון מאַקס ריינהאַרט־טעאַטער אין בערלין.

דער צווייטער רעזשיסאָר איז געווען מ. מאָשקאָוויטש, זייער אַ טאַלאַנטירטער מענטש, נישט קיין אַקטיאָר, אַ פּריוואַטער מענטש. פּעדאַגאָגישע אַרבעט האָבן געפירט: לאַזאַר קאָן, מ. בראָדערזאָן, י. זעלקאָוויטש, ראָמאַן ראָזענטאַל, שיינע־מרים (פרוי בראָדערזאָן).

דער מאַטעריאַל וואָס מ'האָט גענומען פּראָבירן אין

דער סטודיע איז געווען: „צונגען־לונגען", פון משה בראַ־דערזאָן, „די זאַוויערוכע" פון פרץ הירשביין, „קברות־נאַכט" און „מקובלים" פון י. ל. פּרץ.

די סטודיע האָט זיך געפונען אין דעם זאַל פון דעם קליינהענדלער־פאַראיין, זאַוואַדזקאַ 5. די אַרבעט איז גע־גאַנגען זייער אינטענסיוו מיט אַ סך ענטוזיאַזם. דריי מאָל אַ וואָך זענען פאָרגעקומען פּראָבן. אין די אַנדערע טעג פון דער וואָך זענען פאָרגעקומען לעקציעס: לאַזאַר קאַהן — 1) געשיכטע פון יידישן טעאַטער. 2) געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור. 3) טענץ. 4) כאַראַקטעריזאַציע (גרימירן). די טעאַטער־שמועסן האָט געפירט משה בראָדערזאָן, מ. זעל־קאָוויטש. — געשיכטע פון יידישער ליטעראַטור. טאַנץ — ע. פּרושיצקא און ר. ראָזענטאַל. גרים — י. יעלען.

מיר האָבן אַ לאַנגע צייט פּראָבירט און געגרייט זיך צום ערשטן אויפטריט. די סטודיאַנטן האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן צום ערשטן אויפטריט. אָבער מען האָט זיך דערוואַרט. און דער ערשטער אויפטריט איז פאָרגעקו־מען אין פילהאַרמאָניע־זאַל, דזשעלנא 20. ס'איז געקומ..., אַ ריזיקער עולם.

דער אויפטריט פון דער סטודיע איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. די אָנטיילנעמער האָבן געשוועבט אין די הימלען. יעדער האָט געפילט ביי זיך, אַז ער איז שוין אַ גרויסער אַקטיאָר.

נאָך דעם גרויסן דערפאָלג אין פילהאַרמאָניע־זאַל דזשעלנאַ 20, האָבן מיר זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט. די לעקציעס זענען ווייטער פאָרגעקומען נאָרמאַל. אין אַ שיינם טאָג האָט אונדז משה בראָדערזאָן געבראַכט אַ גאַסט אין דער סטודיע. דער גאַסט איז געווען דר. נעסעס, אַ יונגער רעזשיסאָר און אויך אַ מאָלער, פון רוסישן קליינ־קונסט־טעאַטער „בלויער פויגל". די יונגע חברה ענטוזיאַסטן

האָבן אויף דר. נעסעס געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק. ער האָט מיט אונדז אָנגעהויבן פּראָבירן: „משיח בן יוסף״. אין אַ מאָדערנער אינסצעניזאַציע. ער האָט אַריינגעבלאָזן אין יעדן איינעם אַ נייע נשמה. ס׳איז געווען טאַנץ, באַוועגונג, פאַרב, מאַסן־סצענעס. מיר האָבן געזען אַז דאָס איז טאַקע דאָס, וועגן וועלכן מיר האָבן געחלומט.

דר. נעסעס איז געווען באַגייסטערט פון אונדז, די יונגע ענטוזיאַסטן, וואָס וועלן שפּילן אַנדערש טעאַטער. מיר האָבן געפילט, אַז מיר וואַקסן גייסטיק פון יעדער פּראָבע. אין מיטן ברען פון דער אַרבעט האָט דר. נעסעס געמוזט אַוועקפאָרן און איך האָב איבערגענומען די רעזשי פון „משיח בן יוסף״.

משה בראָדערזאָן האָט אין דער גאַס געזאָגט, צו זיינע נאָענטע: זייט וויסן, אַז איך האָב אין משה פּולאַווערן אַ מאַקס ריינהאַרט. קומט און זעט, ווי אַזוי ער פירט די פּראָבן פון „משיח בן יוסף״. מיר האָבן פּראָבירט אַ לאַנגע צייט און צו קיין טאָלק זענען מיר נישט געקומען.

האָט מען באַשלאָסן צו רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון אַלע מיטגלידער און אַדורכריידן וועגן ליקווידירן די סטודיע. מיר זענען געווען מיד פון די פּראָבן. מיר האָבן געוואָלט עפּעס דערגרייכן...

די פאַרזאַמלונג איז געווען אַ שטורמישע. שמעון דזשיגאַן האָט געשריגן: מען טאָר נישט ליקווידירן די סטודיע. איך האָב אויפגעוויזן, אַז מען מוז יאָ ליקווידירן די סטודיע. נאָך אַ גרויסן קאַמף איז די סטודיע געוואָרן ליקווידירט און דער עולם איז זיך צעגאַנגען אין אַ נישט קיין געהויבענער שטימונג. דער איינציקער, וואָס איז געווען רואיק, איז געווען איך וואָס האָב שוין געהאַט אַ נייעם פּלאַן וועגן אַ קליינקונסט־טעאַטער.

ס׳האָט געדויערט אַ געוויסע צייט און די געמיטער האָבן

זיך ביי יעדן איינעם באַרואיקט. איך בין אַוועק צו משה בראַדערזאָנען און אים פאָרגעלייגט דעם נייעם פּלאַן: שאַפן דאָס טעאַטער; איך האָב אויך פאָרגעלייגט די מענטשן, וואָס דאַרפן אין דעם טעאַטער זיין.

מיין טייערער פריינד משה בראַדערזאָן האָט אין אָנהויב איבערהויפּט נישט געוואָלט רעדן מיט מיר. אָבער ער האָט לאַנג נישט געקענט שוייגן און אַ זאָג געטאָן: „מיט וועמען ווילט איר מאַכן אַ טעאַטער?" איך האָב אים איבערגעלייענט די נעמען פון די מענטשן. משה בראַדערזאָן האָט געהאַלטן אין רויכערן איין פּאַפּיראָס נאָך אַ צווייטן, געשפּאַנט איבערן צימער און געטראַכט... ער, דער ליבער, פילנדיקער מענטש האָט אין האַרצן געוווּסט, אַז ער האָט אַ גרופּע טאַלאַנטירטע מענטשן, וואָס מ'קען מיט זיי עפּעס אויפטאָן.

ער האָט אָנגעהויבן קוקן מיט זיינע אויגן און געזאָגט צו מיר: „כ'וועל די טעג זיך זען מיט געוויסע מענטשן און איך וועל מיט זיי רעדן וועגן דעם ענין און הערן וואָס זיי זאָגן". די געוויסע מענטשן זענען געווען לאָדזשער רייכע יידן, וואָס האָבן געדאַרפט פינאַנסירן אַזאַ ענין, וואָס הייסט טעאַטער.

משה בראַדערזאָן איז געווען אַ נאָענטער פריינד פון דעם קאָמפּאָזיטאָר הענעך קאָן. ער האָט זיך מיט אים געטראָפן און איבערגעגעבן דעם גאַנצן פּלאַן וועגן שאַפן אַזאַ טעאַטער...

הענעך קאָנען דעם קאָמפּאָזיטאָר איז דער פּלאַן זייער געפעלן געוואָרן און ער האָט געענטפערט: „משה, מ'דאַרף מאַכן אַ טעאַטער און פאַרטיק". אָבער הענעך קאָן האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן אין פּאַריז, און א. יאַבלאָן האָט גענומען צוגרייטן דאָס ערשטע פּראָגראַם. יאַבלאָן איז געווען אַ פיינער קאָמפּאָזיטאָר.

אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען צוזאַמענגערופן דעם

עולם ביי משה בראַדערזאַנען. די יונגע חברה האָבן געפּי־
בערט, זיי האָבן שוין געוואָלט הערן עפּעס וואָס...

ס׳האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט און משה בראַ־
דערזאַן האָט זיך אָנגערופן מיט אַ ווייכער שטימע: „הערט
זיך צו, איך האָב זיך געזען מיט מענטשן, און די מענטשן
האָבן מיר צוגעזאָגט צו העלפן מיט וואָס מען וועט דאַרפן.
זייט וויסן, ס׳וועט נישט זיין אַזוי לייכט. דאָס ערשטע
דאַרף מען אויסזוכן אַ זאַל, וו מען וועט קענען שפּילן.
מ׳דאַרף צוגרייטן קאָסטיומען, דעקאָראַציעס, ליכט־עפעק־
טן". דער עולם האָט געשלונגען משה בראַדערזאַנס ווערטער
און געטראַכט: ווי דערלעבט מען שוין די גליקלעכע צייט
צו שפּילן טעאַטער.

דער כוח, וואָס האָט באַוויגן עס זאָל געשאַפן ווערן
דער טעאַטער „אררט" איז באַשטאַנען פון דריי מענטשן:
משה בראַדערזאַן, שמעון דזשיגאַן און משה פולאַווער.
די נאַכט, וואָס מ׳האָט פאַרבראַכט ביי משה בראַדערזאַנען
אין הויז, איז געווען נישט צו פאַרגעסן.

דער עולם איז אַוועק מיטן גלויבן אין האַרצן: פון
איצטער אָן ווערן מיר אַקטיאָרן פון אַ מאָדערנעם יידישן
קליינקונסט־טעאַטער.

מ׳האָט באַשטימט אַ פרייז פאַר אַ נאָמען פון דעם
טעאַטער. מ׳האָט פאָרגעלייגט פאַרשידענע נעמען און צווישן
די אַלע נעמען איז געווען דער נאָמען „אַררט", וואָס משה
בראַדערזאַן האָט פאָרגעשלאָגן. אַררט איז געוואָרן אַקצעפּ־
טירט. (די איניציאַלן פון אררט זענען: רעוואָלוציאָנירטער
אַרטיסטישער רעווי־טעאַטער).

מ׳האָט אָנגעהויבן זוכן פלעצער וו צו קענען שפּילן.
נאָך אַ לאַנגן אַרומזוכן האָבן מיר געפונען אַן אָרט וו צו
שפּילן. דאָס איז געווען דער ווייסער זאַל אויף זאַכאָדניע

43 — אַ נאַכט־לאָקאַל און אַ זאַל פאַר **בעלער און טענץ** און אין דעם זאַל האָבן מיר טאַקע אָנגעהויבן שפּילן.

ס'איז נישט געווען אַזוי לייכט. שבת און זונטיק האָט מען נישט געקענט שפּילן, ווייל ס'זענען דאָרט פאָרגעקומען בעלער. אָבער נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן האָט מען גענומען דעם זאַל,, און מ'האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער ערשטער **פּרעמיערע.**

מ'האָט אויך געמוזט מאַכן אַ פּאָדיום, אַ העכערונג אין זאַל ווו די שטולן וועלן דאַרפן שטיין, אַז איינער זאָל דעם צווייטן נישט פאַרשטעלן. מיר **האָבן אויך באַקומען פלר־**שענע פאָרהאַנגען, פאַרשידענע סחורות צו מאַכן קאָסטיומען און מאַטעריאַלן פאַר דעקאָראַציעס.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַרבעט אויף אַלע געביטן. י. קעניג, דער באַקאַנטער טעאַטער־שניידער, האָט אָנגעפירט מיטן מאַכן קאָסטיומען. דינה מאַטיס, י. בלום זענען געווען די מאָלערס פון די דעקאָראַציעס, י. יעראָזאָלימסקי ביי דעם ליכט, די חברה יונגע טאַלענטירטע אַרטיסטן ביי די פּראָבן, הענריק יאַבלאָן ביים איינשטודירן די מוזיק און משה בראָדערזאָן ביים צוגרייטן דעם ערשטן פּראָגראַם.

ראָמאַן ראָזענטאַל האָט אונדז געגעבן לעקציעס פון פּלאַסטיק, וואָס זענען אונדז שפּעטער צונוץ געקומען. מיר האָבן אַלע געמאַכט פּראָבן, מ'האָט זיך נישט געקענט דער־וואַרטן אויף דער פּרעמיערע.

דער ערשטער פּראָגראַם האָט געהייסן „גלאַט כשר״. דער מאַטעריאַל איז באַשטאַנען פון אינסצעניזירטע פאָלקס־מאָטיוון, סקעטשן, מאָנאָלאָגן, געזאַנג. דער נאָמען „גלאַט כשר״ האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. ס'איז געווען אַ יום־טובדיקע שטימונג. דער עולם האָט ממש געטאַנצט פאַר שמחה.

אין צווייטן פּראָגראַם האָט שוין הענעך קאָן אָנגעהויבן אַרבעטן אין „אררט".

ביי די שפּעטערדיקע פּראָגראַמען איז ביים לאָדזשער פּובליקום געוואָרן אַ טראַדיציע זיך צו טרעפן אין טעאַטער „אררט". די פּרעמיערע איז פאָרגעקומען דעם 25טן אָקטאָ־בער 1927 אין „ווייסן זאַל" פון האָטעל „מאַנטויפל" (זאַ־כאָדניאַ 43).

די, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין ערשטן פּראָגראַם זענען געווען: שמעון דזשיגאַן, ס. האַוער (מאַכענבוים), לאה זילבערמאַן, משה פולאַווער, ד. קאַזאַנאָווער (מ. קאַס־מאַן), מאָטל קאָן, י. ריינגלאַס.

די נייע צוגעקומענע:

זיסל גירל גאַרליצקאַ, ש. גאָלדשטיין, איזאַ האַראַרי (וויינבערג), שיינע מרים, מ. נעלקען, מ. פּעטערמאַן, מ. שור־מאַכער, אָליאַ שליוואָקאָוויטש.

קאָמפּאָזיטאָר: הענריק יאַבלאָן.

מאָלער: דינה מאַטיס און י. בלום.

קינסטלערישע לייטונג: משה בראָדערזאָן, און ראָמאַן ראָזענטאַל.

די ווירטשאַפטלעכע אַדמיניסטראַציע איז באַשטאַנען פון: ר. ראָזענטאַל, דר. מאַנדעלבוים, י. שעניצקי, י. זשיט־ניצקי און א. זאַבלאָדאָווסקי.

דער טעאַטער־קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון: ק. קאַ־באַקער, מלך ראַטבאַרד, דר. פּאָלאַק, ש. צימערמאַן, מ. פעדער, י. פּאָטאָווסקי, י. שאַפּיר, א. באָמאַץ, ב. גיטלין, זיי האָבן אַ סך געהאָלפן דעם טעאַטער „אררט".

מענדל לעוונשטיין

די באַראַכאָוו־שול אין לאָדזש איז געווען אויף צעגעל־ניאַנע גאַס 26, אין פראָנט, אויפן פינפטן שטאָק. אין די אָוונטן זענען דאָרט פאָרגעקומען קורסן פאַר דערוואַקסענע. אויף די קורסן האָבן איך זיך באַקאַנט מיט מענדל לעוונ־שטיין און ש. שטיינבערג.

נאָך די אָוונט־קורסן, ווען מען איז צוזאַמען אַהיים געגאַנגען, האָבן מיר גערעדט וועגן פאַרשידענע פראָבלעמען, אָבער וועגן טעאַטער האָבן מיר גערעדט מיט אַ באַזונדערן אינטערעס. און ס׳האָט זיך געפילט, אַז מענדל לעוונשטיין וויל נאָר רעדן וועגן טעאַטער, פונקט אַזוי ווי איך.

איין מאָל, אַהיימגייענדיק נאָך די לעקציעס, זאָגט צו מיר מענדל לעוונשטיין: „ווייסטו, משה, מיר דאַרפן נעמען אַ פּיעסע, וואָס מיר האָבן שוין געזען שפּילן אין טעאַטער, צוזאַמען זי אַדורכלייענען, נעמען די הויפּט־ראָלן און אָנהויבן לערנען".

דער פּלאַן איז מיר זייער געפעלן און אַ פּאָר טעג שפּעטער זענען מיר געזעסן און געלייענט די פּיעסע. די פּיעסע איז געווען: „די רויבער" פון פרידריך שילער. איך האָב פאַר מיר גענומען די ראָל פון פראַנץ מאָר און מיין חבר לעוונשטיין האָט גענומען די ראָל פון קאַרל און דער דריטער חבר שטיינבערג איז געווען אונדזער סופלאָר.. ער האָט נישט געהאַט קיין נייגונג צו טעאַטער.

פאַרוואָס האָבן מיר גענומען די פּיעסע „די רויבער"?

אין יענער צייט האָט דזשוליוס אַדלער געשפּילט „די רויבער“ אין לאָדזש. מיר האָבן אים געזען שפּילן און ער האָט אויף אונדז געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. דזשוליוס אַדלער האָט געשפּילט פראַנץ מאָרן און העמיין שעראַצקי האָט געשפּילט קאַרלען. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, קאָפּירט די צוויי אַקטיאָרן און מיר האָבן געשוועבט אין די הימלען.

מיר האָבן געטראַכט ביי זיך, אַז ווען מיר וועלן שוין קענען גוט די ראָלן, וועלן מיר צונעמען נאָך מיטגלידער און וועלן מאַכן אַ פאָרשטעלונג. אַזוי האָט אונדז אונדזער פאַנטאַזיע דיקטירט... מיר האָבן זיך אָפּטער געטראָפן און געמאַכט פּראָבן אין צוויי. דער דריטער איז געווען אונדזער סופלאָר.

שטיינבערג איז געווען אַ פיינער בחור. ער האָט געהאַט גרויס פאַרשטענדעניש פאַר אונדז. ער האָט געזען, אַז מיר לעבן נאָר מיטן געדאַנק וועגן טעאַטער. מיט לעוונשטיינען בין איך געוואָרן געקניפּט און געבונדן. מיר זענען געוואָרן איין מענטש. וואָס איך האָב געטראַכט האָט ער געטראַכט.

מענדל לעוונשטיין איז געווען פון אַ חסידישער היים. ער האָט זיך פאַרנומען מיט שטאָפּן פּאַפּיראָסן אַזוי, אַז ער האָט געמוזט אָפּאַרבעטן זיין טאָג אַרבעט און אין די אָוונטן איז ער געווען פריי. אין דער היים האָט מען נישט געוווסט, אַז מענדל טראָגט זיך אַרום מיט געדאַנקען אָפּגעבן זיך מיט טעאַטער. דאָס איז געווען אַ גרויסער סוד.

מענדל לעוונשטיין איז געווען אַן אויסגעדאַרטער בחור מיט אַ לאַנגער זשופּיצע און אַ יידיש היטל. פאַרשטייט זיך, אַז שבת האָט ער געמוזט גיין מיטן טאַטן אין שול אַריין דאַווענען.

דער פאָטער זיינער איז געווען אַ חסידישער פאַנאַ־טישער ייד — נישט קיין הויכער, געדעדט אַביסל אונטער

דער נאָז. מיט אַ געדיכטער קאַלטענעוואַטער באָרד, וואָס האָט אַראָפּגעהאָנגען פון זיין פּנים.

איך בין אָפּט געקומען צו זיי אין שטוב אַריין. דער פאָטער זיינער האָט שטענדיק געקוקט אויף מיר מיט מאָדנע אויגן. ער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי, וואָס איך חבר זיך מיט זיין זון. די מוטער זיינע איז שוין געווען מער פריינדלעך צו מיר.

מענדל לעוונשטיין האָט געוווסט, אַז ווי לאַנג ער וועט זיין אין דער היים, וועט ער גאָרנישט קענען אויפטאָן. האָט ער איין מאָל געזאָגט צו זיין פאָטער:

— טאַטע, כ'וויל גיין אַרבעטן. איך וויל זיך לערנען זאָקן־מאַכעריי.

דעם פאָטער זיינעם איז דאָס נישט געווען צום האַרצן. אָבער ער האָט זיך באַטראַכט און געזאָגט:

— גוט, לערן זיך.

און מענדל לעוונשטיין האָט זיך אָנגעהויבן לערנען און מיט דער צייט אָנגעהויבן פאַרדינען עפּעס געלט. ער האָט געהאַט אַ גמרא־קעפּל. איז ער געקומען צו זיינע עלטערן מיט אַ פּלאַן: אַזוי ווי זיין באָבע איז אַ רייכע, די יאַטקעס אויפן סטוף געהערן צו איר, און ביים אָנהויב פון די יאַטקעס שטייט אַ קליין הייזל, אין וועלכן ס'איז פאַראַן אַ בוידעם־שטיבל, וויל ער זיך דאָרט אַריינציען און שלאָפן דאָרט. די עלטערן איז געוואָרן זייער טרויעריק אויף דער נשמה. אָבער זיי האָבן געוווסט, אַז ער וועט סיי ווי סיי אַוועק פון דער היים, האָבן זיי מסכים געווען, מיט אַ באַדינג ער זאָל אַהיימקומען עסן.

מענדל לעוונשטיין האָט זיך אַריינגעצויגן אין דעם בוידעם־שטיבל און איך בין שוין דאָרט אָפּט געקומען און געקענט רעדן אומגעשטערט וועגן טעאַטער און פּיעסן. מיר פלעגן אַזוי דיסקוטירן שעה'ן לאַנג.

קעגנאיבער די יאַטקעס איז געווען דער פּישמאַרק, וואָס האָט זיך אַריינגעשניטן אין דער וואָסכאָדניע גאַס אַריין. די יאַטקעס זענען געווען געוויסט מיט ווייסער פאַרב, און האָבן געהאַט רויטע פלעקן פון בלוט פון די זייטלעך פלייש, וועלכע האָבן אָנגערירט די ווענט, וואָס די טרעגערס האָבן אַריינגעטראָגן. די קצבים מיט זייערע ווייבער אין די שערצן, וואָס זענען געווען מער רויט ווי ווייס און דאָס שרייען „ווייבעלעך, ווייבעלעך, קויפט, קויפט", האָבן פאַרטומלט די גאַס, וואָס איז געגאַנגען באַרג אַראָפּ.

דעם פּישמאַרק האָט מען גערופן „דער סטופּ". די ווייבער פלעגן דאָרט שרייען מיט די לעצטע כוחות: „ביליק, ווייבלעך, פיש, פיש, פאַרן קיסר אַליין צו עסן". פיש זענען געלעגן אויף די ברייטע טישן און מיט פאַרגלי־ווערטע אויגן געקוקט צו די ווייבער, וואָס שרייען מ׳זאָל זיי קויפן.

אין דער מיט גאַס איז געווען דער ריכטיקער מאַרק פון מציאות. אַלטע הויזן, העמדער, שיך, היטלען, יאַר־מלקעס, בלוזקעס, קאָפּטיכלעך, זאָקן, שטריימלעך, זאָקן, טיכלעך, גלעזער, לעפל, טעצלעך, טשייניקעס, בראָטפאַנען — אַלץ אין דער וועלט האָט מען געקענט קריגן אויפן סטופּ.

צווישן די מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאָרט גע־דרייט אַראָפּ און אַרויף, האָבן אייך אַרומגענומען די ריחות פון וורשטלעך, וואָס האָבן זיך געוויקעט אין די בלעכענע קעסטעלעך, און די פרישע בייגל, אַרבעס און באָבעס האָבן פאַרריסן די נעז צוגלייך מיט די פאַרשידענע זופּן און קאַרטאָפל, קליסקעלעך און גרייצט דעם אַפּעטיט. דער עולם האָט געקויפט און געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. און ווען מ׳האָט געהאַט געגעסן, האָט מען גלייך געקענט קריגן עפּעס צו טרינקען: קוואַס, סאָדע־וואַסער מיט סאָק, און

נאָך אַנדערע פֿאַרשידענע געמישטע געטראַנקען אַלץ פֿון כל־טוב. ס׳זענען דאָרט אויך געווען צו פֿאַרקויפֿן פֿאַרשי־דענע פרוכטן, אַביסל אָפּגעלעגענע: עפּל, באַרנעס, פֿלוימען האָט איר געקענט קריגן ביליקער פֿאַרשטייט זיך. און גנבים האָבן אויף דעם מאַרק אויך נישט געפֿעלט.

פֿון צייט צו צייט האָט איר געקענט הערן שרייען: „אוי, מיין בייטעלע״, „אוי, מ׳האָט מיך באַגנבעט״. דאָס האָט נישט געשטערט דעם האַנדל, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין די יאַטקעס און אויפֿן פֿישמאַרק.

אָרעמע פֿרויען האָבן נאָר געקויפֿט דרויב; דאָס הייסט, פֿליגעלעך, פֿיסעלעך, נעגעלעך, קישקעלעך, לעבערלעך, פּיפּקעלעך. און דאָס, פֿאַרשטייט זיך, אויך בלויז אויף שבת. פֿון דעם פֿלייש האָבן די פֿרויען געמאַכט טייערע מאָל־צייטן, ווייל אַ גאַנצע וואָך האָבן די פֿאַמיליעס נישט געגעסן קיין פֿלייש, ווייל זיי האָבן עס זיך נישט געקענט דערלויבן.

אָט די אַלע בילדער האָבן זיך ביי מיר איינגעקריצט אין זכרון ביזן היינטיקן טאָג. ווען עס פֿלעג מיר אויס־קומען אַרויפֿצוגיין צו מיין חבר מענדל לעוונשטיין, האָב איך אַלעמאָל באַגעגנט אָט די בילדער און סצענקעס.

וואָס מער כ׳האָב זיך געטראָפֿן מיט לעוונשטיינען, אַלץ רייפֿער איז געוואָרן ביי אונדז, אַז מיר דאַרפֿן עפּעס אָנהויבן טאָן. מיר האָבן געטראַכט וועגן אַריינטרעטן אין דראַמקרייז, וווּ מיר וועלן קענען דערגרייכן צו שפּילן טעאַטער.

מענדל לעוונשטיין האָט אַלץ געטראָגן די לאַנגע זשר־פּיצע מיטן סאַמעטענעם קאָלנער און דאָס יידישע היטל. אָבער ווען מיר זענען ערגעץ געגאַנגען, האָט מענדל גע־האַלטן דאָס היטל אין דער האַנט, אפילו ווען מיר האָבן זיך שפּעטער געטראָפֿן אין אַ דראַמקרייז, האָט ער נאָך

אַלץ געטראָגן די לאַנגע זשופּיצע. ער האָט עס געטאָן צוליב זיינע עלטערן, ער האָט זיי נישט געוואָלט צופּיל ווײ טאָן, ווייל זיינע עלטערן זענען געווען זייער רעליגיעז.

זייענדיק שפּעטער אין דראַמאַטישן קרייז, ווו מיר האָבן פּראָבירט דעם „דאָרפּסיונג" ,האָט מענדל געשפּילט די ראָל פון פּראָקאָפּ און ער איז געווען איבערגליקלעך, וואָס ער האָט דערצו דערלעבט.

אין 1925, ווען ס'האָט זיך געגרינדעט די טעאַטער־סטודיע אין לאָדזש אונטער דער לייטונג פון דיכטער משה בראָדערזאָן, איז מענדל לעוונשטיין נישט געווען. ער האָט רעזיגנירט פון וועלן שפּילן טעאַטער. ער איז געוואָרן אַ זאָקן־מאַכער.

און ווען „ארט" איז געגרינדעט געוואָרן, איז ער אָפּט געקומען אין טעאַטער און ער האָט זיך געגרויסט דערמיט וואָס זיינע חברים זענען געוואָרן יידישע אַקטיאָרן. אָבער מענדל לעוונשטיינען, וואָס האָט געחלומט צו שפּילן טעאַטער איז נישט באַשערט געווען צו זיין צווישן דער „ארט"־משפּחה, וואָס האָט מיטגעמאַכט די שענסטע טעג אין אָנפאַנג פון „ארט"־טעאַטער.

שמעון און משה

דעם ערשטן אויפטריט אויף דער בינע האָב איך געמאַכט אין לאָדזש, אין דעם אוראַניאַ־טעאַטער, אויף דער אַלעקסאַנדער גאַס.

מיר האָבן זיך דעמאָלט צוזאַמענגענומען אַ פּאָר יינגלעך און מיידלעך, און האָבן באַשלאָסן, אַז מיר גייען שפּילן טעאַטער...

דער רעפּערטואַר, וואָס מיר האָבן געהאַט איז געווען: „זשידוווקאַ" און „סעמקע לץ", אַן אָפּערעטע.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן פּראָבעס מיט דער מוזיק, און מיר זענען געגאַנגען שפּילן. מיר האָבן זיך געהאַט אויסגעלערנט אַ ביסל „פּראָזע", רעכענענדיק, אַז דאָס איבעריקע וועט שוין דער סופלאָר אונטערזאָגן. אַלע האָבן מיר זיך צוזאַמענגעלייגט מיט אַ ביסל געלט. מיר האָבן געדונגען דעם זאַל. אין אַ שבת נאָכמיטאָג און אין אַ שבת צו נאַכטס האָבן מיר „דערלאַנגט" די דאָזיקע פאָרשטעלונגען. און עס איז געווען אַ דערפאָלג.

פאַרשטייט זיך, אַז יעדער איינער פון אונדז האָט גע־האַט מיטגעבראַכט זיינע נאָענטע און באַקאַנטע און פריינד. און זיי טאַקע זענען דאָס געווען די בראַוואָ־פּאַטשערס און בראַוואָ־ביס־שרייערס אין יענעם טעאַטער.

זינט יענע צוויי פאָרשטעלונגען האָב איך דערפילט אַ שטאַרקן דראַנג צו טעאַטער. איך האָב אַדורכגעמאַכט דעם וועג אין פאַרשידענע דראַמאַטישע קרייזלעך, ביז איך בין

צוריקגעקומען צו דעם דראַמאַטישן קרייז, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער מלינאַרסקע גאַס, ביי דער משפחה קעסעל.

אַנדזשע קעסעל איז געווען די טאָכטער. זי איז געווען אַ טייער און האַרציק מיידל. זי האָט נישט מיטגעשפּילט, אָבער זי האָט זייער אַ סך געהאָלפן מיט וואָס נאָר זי האָט געקענט. מיר האָבן דעמאָלט געמאַכט פּראָבעס מיט דעם „דאָרפסיונג", פון לעאָן קאָברין. די פּראָבעס זענען געגאַנגען מיט אַ ברען. דאָס געזאַנג און דאָס רעדן האָבן אָפּגעשטעלט איטלעכן אַדורכגייער אין גאַס. יעדער איינער האָט זיך איינגעהערט. מען האָט שוין געוווסט, אַז אַ גרופּע אַמאַטאָרן מאַכן פּראָבעס מיט דעם „דאָרפסיונג".

צו יעדער פּראָבע זענען געקומען געסט. און נאָך די פּראָבעס האָט יעדער איינער געוואָלט וויסן ווי אַזוי ער האָט געשפּילט... און די געסט האָבן טאַקע געזאָגט „מבי־נות" און מען האָט גערעדט און דיסקוטירט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין...

יעדער איינער פון אונדז, גייענדיק אַהיים, האָט נאָך אַלץ געשפּילט זיין ראָלע, און ער האָט געאָטעמט מיט דער אַקציע פון דער גאַנצער פּיעסע. יענער דראַמאַטישער קרייז איז געווען אַלץ מער און מער פּאָפּולער. צו די ווייטערדיקע פּראָבעס זענען געקומען די שטענדיקע געסט און זיי האָבן יעדעס מאָל מיטגעבראַכט נייע געסט. עס האָבן ממש אויסגעפעלט בענק און בענקלעך פאַר די דאָזיקע געסט.

די שטאָט לאָדזש איז דעמאָלט געווען געבענטשט מיט דראַמאַטישע קרייזן. שמעון דזשיגאַן איז געווען אין אַ דראַמאַטישן קרייז, וואָס האָט זיך געפונען אויף קילינסקיע־גאָ 15, ביי דער פאַמיליע סאָלעם. איין מאָל האָבן מיר זיך געטראָפן און מיר האָבן אָנגעהויבן צו רעדן וועגן

אונדזערע דראַמאַטישע קרייזן, און מיר זענען ביידע גיך געקומען צום שלוס, אַז מען דאַרף די דאָזיקע צוויי באַזונדערע דראַמאַטישע קרייזן פאַראייניקן אין איין גרעסערן קרייז, און אַז מיר דאַרפן אַרבעטן צוזאַמען.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו מאַכן פּראָבעס מיט דעם „ווילנער בעל־הבית'ל", פון מאַרק אָרענשטיין.

יעדער איינער פון די צוויי דראַמאַטישע קרייזן האָט געהאַט זיינע „סטאַרס"... פון דזשיגאַנס קרייז איז געווען אַ בחור, וואָס האָט געהייסן א. פעלדמאַן. ער האָט געוואָלט שפּילן די הויפּט־ראָלע, פון „אברהם". אָבער דער שרייבער פון די שורות האָט אויך געוואָלט שפּילן די זעלביקע ראָלע. האָט מען געהאַלטן אין איין מאַכן פּראָבעס. אין איין אָוונט האָט פּראָבירט א. פעלדמאַן, און אין אַ צווייטן אָוונט האָב איך פּראָבירט די הויפּט־ראָלע.

מיר האָבן געמאַכט פּראָבעס ביז שפּעט אין אָוונט. יעדער איינער פון אונדז האָט זיך געהאַט זיינע אָנהענגער. נאָך לאַנגע פּראָבעס איז געוואָרן באַשטימט, אַז איך זאָל שפּילן די ראָלע פון „אברהם".

די מיטגלידער פון דער משפּחה סאַלעם זענען געווען האַרציקע מענטשן. זייער זון, יעקב סאַלעם, איז געווען אַ מיטגליד פון אונדזער קרייז. יעקב סאַלעמ'ס פאָטער איז געווען אַ בלעכער. נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז ווען מיר האָבן געמאַכט פּראָבעס, האָבן די קלאַנגען פון דער קלאַפּעריי אין די טעפּ און שיסלען און אין די אַנדערע בלעכערנע כלים זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ מין זעלטענער „סימפאָניע" מיט דעם קלאַנג פון אונדזערע רייד. אָבער דאָס האָט אונדז לגמרי נישט געשטערט אָנצוגיין ווייטער מיט אונדזערע פּראָבעס.

די פרוי סאַלעם האָט זייער ליב געהאַט דעם דראַ־

מאַטישן קרייז; זי האָט אונדז געהאָלפֿן מיט געלט און מיט אַרבעט. זי איז געווען אַ האַרציקע פֿרוי.

נאָך לאַנגע פּראָבעס האָט מען ענדלעך באַשלאָסן צו מאַכן די פּרעמיערע אין אַ שטעטל לעבן לאָדזש. מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער פֿאָרשטעלונג. עס איז ביי אונדז אַלעמען געווען אַ יום־טובדיקע שטימונג, מיר האָבן גלייך אָנגעהויבן צונויפֿשטעלן דעם רעקוויזיט. איט־לעכער פֿון אונדז האָט געדאַרפֿט ברענגען עפּעס: אַ קאַפּאָטע, אַ קאַפּל, אַ גאַרטל, אַ פּאָר שטיוול, אַ רויט טיכל, אַ וויין־פֿלעשל און משקה־גלעזלעך.

מיר זענען דעמאָלט געפֿאָרן צו דער פֿאָרשטעלונג מיט אַ גרויסן עולם אייגענע מענטשן, פֿריינד און באַקאַנטע, און אפֿילו אויך זייטיקע מענטשן זענען מיט אונדז מיטגעפֿאָרן. די אַנדערע פּאַסאַזשירן אין דעם באַן־וואַגאָן האָבן געמיינט, אַז מיר אַלע פֿאָרן אויף אַ חתונה.

די פֿאָרשטעלונג האָט געהאַט אַ דורכפֿאַל. דאָס איז געווען אַ גרויסע איבערלעבעניש פֿאַר אונדז און נישט וויי־ניקער פֿאַר די געסט, וואָס זענען דעמאָלט מיטגעפֿאָרן מיט אונדז. ווען מיר זענען אַהיימגעקומען פֿון יענעם דורכ־פֿאַלג, האָט יעדער איינער פֿון אונדז געפֿילט, אַז מיר האָבן עפּעס דערגרייכט מיט אונדזער פֿאָרשטעלונג.

אין די אַנדערע דראַמאַטישע קרייזן האָט מען געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן דעם גרויסן דורכפֿאַלג פֿון „ווילנער בעל־הבית'ל".

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער האָט שמעון דזשיגאַן געדאַרפֿט גיין דינען אין פּוילישן מיליטער. פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס האָט אַרויסגערופֿן נישט קיין גוטע שטימונג ביי די מיטגלידער פֿון אונדזער דראַמאַטישן קרייז. און ווען עס איז געקומען דער טאָג און שמעון דזשיגאַן איז אַוועק אין מיליטער, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל

שטיין אין קאָנטאַקט מיט אים. מיר האָבן אויך נישט פאַרגעסן צו שיקן פעקלעך צו דזשיגאַנען אין מיליטער.

אין פוילישן מיליטער האָט שמעון דזשיגאַן אָנגעהויבן דורכצומאַכן זייער שווערע טעג. ער האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט דעם גורל, אַז ער דאַרף אויף אַ געוויסער צייט פאַרגעסן אין די פריינד, אין דעם דראַמאַטישן קרייז, און אין די פּראָבעס.

אָבער דזשיגאַן האָט זיך נישט פאַרלוירן. ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן, אפילו אין מיליטער. און ער האָט זיך טאַקע דערטראַכט צו עפּעס.

די ערשטע טעג, ווען עס האָבן אין מיליטער זיך אָנגעהויבן די „לעקציעס", האָט זיך דזשיגאַן באַמיט צו זיצן ביים עק פון דעם טיש. פּלוצעם האָט זיין האַנט אָנגעהויבן צו ציטערן און טרייסלען זיך. ווען זיינע רעקרוטן־חברים האָבן דאָס דערזען, האָבן זיי אָנגעהויבן צו לאַכן. האָט דער פוילישער סערזשאַנט נישט געקענט אָנפירן מיט זיינע „לעקציעס". וואָרעם וואָס לענגער דער סערזשאַנט האָט גערעדט, אַלץ מער האָט געציטערט און געפלאַטערט דזשיגאַנס האַנט, און דאָס געלעכטער פון די שקצים איז געוואָרן שטאַרקער. דער סוף איז געווען, אַז דער סערזשאַנט האָט געמוזט איבעררייסן די „לעקציע" נישט פאַרענדיקטערהייט.

די אָפיצירן אין דעם פוילישן מיליטער האָבן זיך נישט געקענט קיין עצה געבן מיט דעם מאָדנעם רעקרוט שמעון דזשיגאַן. האָבן זיי באַשלאָסן אים אַוועקצושיקן אין מיליטערישן שפּיטאָל אויף אָבסערוואַציע. אָבער אינעם שפּיטאָל האָט זיך אָנגעהויבן ערשט די ריכטיקע מעשה. מען האָט אים געשטאָכן מיט נאָדלען, אָבער דער רעקרוט דזשיגאַן האָט נישט געגעבן אפילו קיין פינטל מיטן אויג. און צום סוף, נאָך גרויסע מאַטערנישן און יסורים, וואָס ער האָט

דאָרטן געהאַט מיטגעמאַכט, האָט מען דזשיגאַנען באַפרייט פון פוילישן מיליטער.

ווען דזשיגאַן איז געקומען אַהיים, האָט ער זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט אין אונדזער דראַמאַטישן קרייז. די פּלענער זיינע זענען געוואַקסן איבער נאַכט. און אַלע צוזאַמען האָבן מיר זיך גענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם צו די ווייטערדיקע אַרבעטן.

די מיטגלידער פון יענעם דראַמאַטישן קרייז זענען געווען: י. לעווקאָוויטש, א. סאָכאַטשעווסקאַ, חנה׳לע היימאַן, שמעון דזשיגאַן, משה פּולאַווער, א. וואָהלהענדלער, ע. פעלדמאַן, ש. שטערנשוס, י. סאַלעם, א. קלעבער, י. פּוטערשניט, י. יוייל, די ברידער לעווענשטיין און ה. פוקס.

דראַמקרייז „אונדזער ווינקל"

דער דראַמאַטישער קרייז „אונדזער ווינקל" האָט דורכגעמאַכט אַ לאַנגן און שווערן וועג. די מיטגלידער, וועלכע זענען געקומען פון פאַרשידענע קרייזן, האָבן געשפּילט פּיעסן אַרום לאָדזש. דאָס האָט זיי געגעבן אַ **סך רוטין.**

די מיטגלידער, וועלכע האָבן שפּעטער זיך געפונען אין „אונדזער ווינקל", האָבן באַקומען אַ סך דערפאַרונג אויף דער בינע, און זיי זענען טאַקע געוואָרן אַ דראַמאַטישער קרייז מיט אַ סטאַזש. זיי האָבן שפּעטער־צו אָנגעהויבן צו שפּילן אויך ליטעראַרישע פּיעסן.

דער רעפּערטואַר זייערער איז דעמאָלט באַשטאַנען פון אַזעלכע ערנסטע פּיעסן ווי „דער דיבוק", פון ש. אַנסקי; „די טג פון אונדזער לעבן", פון לעאָניד אַנדרעיעוו; „די פּוסטע קרעטשמע" פון פּרץ הירשביין; און „דער דאָרפסיונג" פון לעאָן קָבּרין.

די מיטגלידער האָבן זיך שוין געהאַלטן פאַר גאַנצע אַקטיאָרן. זיי האָבן נישט געפּילט ווי זיי פּאָזירן אין דעם פּריוואַטן לעבן זייערן. אָבער דעם אמת **געזאָגט, זענען** זיי געווען זייער טאַלאַנטירט. נאָך דעם ווי זיי זענען אַרומגעפאָרן אין פאַרשידענע שטעטלעך און דאָרט געהאַט איינגעשפּילט אַ רייע פּיעסן, האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זיי זענען שוין גרייט אָנצוהויבן צו שפּילן טעאַטער אין לאָדזש.

זיי האָבן געהאַט אַן אונטערנעמער, און ער האָט גענומען דאָס טעאַטער „אוראַניאַ", אויף דער צעגעלניאַנע

גאַס, נישט ווייט פון דער פּיעטריקאָווער גאַס. גענומען האָט ער דאָס טעאַטער אויף אַ וואָך צייט. און מען האָט זיך גלייך גענומען צוצוגרייטן די דעקאָראַציעס, די קאָסטיומען, און די אַנדערע רעקוויזיטן. און אָנגעהויבן האָט מען מיט ש. אַנסקי׳ס „דיבוק״.

ווי באַקאַנט, איז לאָדזש געווען אַ שטאָט מיט אַ סך דראַמאַטישע קרייזן. פון די דאָזיקע קרייזן אַליין איז געקומען צו די פאָרשטעלונגען אַ גרויסער עולם. און דאָס טעאַטער האָט טאַקע אָפּגעהילכט מיט אַפּלאָדיסמענטן. דער „דיבוק״ אונדזערער האָט געהאַט גרויס דערפאָלג.

די אַנדערע פאָרשטעלונגען זענען געווען דער „דאָרפס־יונג״ און די „פּוסטע קרעטשמע״, ווי אויך „די טעג פון אונדזער לעבן״. די גאַנצע אונטערנעמונג דעמאָלט איז געווען אַ געלונגענע. דער רעזשיסער פון „אונדזער ווינקל״ איז אין יענע יאָרן געווען דער טאַלאַנטירטער א. בעכער.

אַ גרויסע טראַגעדיע האָט זיך שפּעטער אָפּגעשפּילט מיט איינעם פון די מיטגלידער פון „אונדזער ווינקל״, מיט י. שווידערן. ער איז געווען איינער פון די פעיקסטע אין יענעם דראַמאַטישן קרייז. י. שווידער האָט געוואָלט ווערן אַ פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. האָט ער זיך דעריבער אָנגעהויבן צו גרייטן צו אַן עקזאַמען אין דעם יידישן אַקטיאָרן־פאַראיין אין וואַרשע.

ווען י. שווידער איז אָנגעקומען קיין וואַרשע, האָט ער זיך דאָרט גלייך געשטעלט צום עקזאַמען. ער האָט אים אָבער נישט אויסגעהאַלטן.

ווען ער איז צוריקגעקומען קיין לאָדזש, איז י. שווידער געווען זייער אַנטוישט און צעבראָכן. ער איז געווען פון פאַך אַ גוטער שניידער און האָט נישט שלעכט פאַרדינט. אָבער טעאַטער איז געווען זיין גאַנץ לעבן.

דער דורכפאַל זיינער ביי די עקזאַמענס אין וואַרשע

האָט זיך זייער שווער אָפּגערופן אויף י. שווידערס גייסטיק געזונט. ער האָט מער נישט געקענט אַרבעטן ביי זיין פאַך. גאַנצע טעג איז ער אָפּגעזעסן אין דער היים, און האָט נישט געוואָלט אַרויסגיין אין גאַס.

איין מאָל, אין אַן אָוונט, האָט ער איינגעפּאַקט אַ פּאָר זאַכן אין אַ וואַליזקע, און איז אַוועק פון דער היים. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום פילהאַרמאָנישן זאַל,, אויף דער נאַרוטאָוויטשאַ גאַס, וווּ מען האָט דעמאָלט געשפּילט יידיש טעאַטער. ער האָט זיך אַריינבאַקומען אין זאַל, איז אַרויף אויף דער בינע און אָנגעהויבן צו שפּילן די ראָלע פון „האַמלעט", און ער האָט אויסגעשריען:

„זיין, אָדער נישט זיין ?..."

עס איז דעמאָלט גלייך געוואָרן אַ גרויסער טומל אין טעאַטער. די אַקטיאָרן, וועלכע האָבן דאַן גראָד גע־שפּילט אויף דער בינע, איז נישט אָנגעקומען אַזוי גרינג שווידערן אַראָפּצונעמען פון די ברעטער. מיט כּוח האָט מען אים געמוזט אַרויספירן פון זאַל.

זינט יענעם טרויעריקן פאַל איז י. שווידער געוואָרן ווילדער און ווילדער. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט אים געמוזט אַריינגעבן אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע. ווען י. שווידער איז געווען אין יענעם שפּיטאָל, און איך בין געקומען אים זען האָט ער גאָרנישט גערעדט. אָבער מען האָט געקענט זען ווי די ווילדע אויגן זיינע באַוועגן זיך גיך און האַלטן אין איין זוכן עפּעס. ער האָט אויף מיר געמאַכט אַ שווערן איינדרוק. ווען איך בין אַרויס פון יענעם שפּיטאָל, בין איך געווען זייער גערירט פון דעם, וואָס איך האָב דאָרט געהאַט געזען.

אַ לאַנגע צייט האָב איך זיך נישט געקענט באַפרייען פון דעם אויסזען פון י. שווידער. יענער שפּיטאָל איז געווען הינטער לאָדזש. מען האָט געמוזט צופאָרן אַהין מיט דעם

טראַמוואַי. אין אַ קורצער צייט אַרום איז י. שווידער טאַקע אַנטלאָפן פון דעם שפּיטאָל. ער איז געלאָפן איבער פעלדער, וועלדער און בלאָטעס, ביז ער איז געקומען אַהיים.

ווי אַזוי ער האָט געוווּסט דעם וועג אַהיים, איז מיר נישט קלאָר ביזן היינטיקן טאָג. ווען ער איז אַהיימגעקומען, האָט מען אים קוים דערקענט. ער איז געווען אויסגעווייקט און אויסגעשמירט אין שווייס און אין בלאָטע. און דאַן האָבן אַלע שוין געמוזט איינזען, אַז י. שווידער איז אַ פאַרלוירענער.

אָבער לאַנג האָט מען אים נישט געקענט האַלטן אין דער היים. האָט מען אים ווידער געמוזט צוריקפירן אין שפּיטאָל אַריין.

איידער מען האָט אים צוריקגענומען אין יענעם שפּי־טאָל אַריין, בין איך גראָד געווען ביי אים אין דער היים. איך בין אים געקומען זען און פּרווון אים עפּעס העלפן מיט אַ וואָרט, אָדער מיט עפּעס אַנדערש. און איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן ווי אַזוי מען האָט אים צוריק אַוועקגענומען אין שפּיטאָל אַריין. ווען י. שווידער האָט דערזען די מענטשן פון שפּיטאָל, וועלכע זענען אים געקומען נעמען צוריק, האָט ער מיט זיין מעכטיקר שטים אויס־געריפן :

— „זיי זענען דאָ ! זיי זענען דאָ !"

און ער האָט זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן פון זיי. די מענטשן האָבן אים געמוזט אַוועקנעמען מיט כוח און אים אָפּפירן צוריק אין שפּיטאָל אַריין בגוואַלד.

י. שווידערס פאָטער און שוועסטער זענען געווען איג־גאַנצן צעבראָכן און איך אויך אַזוי.

אין יאָר 1936 האָט מען שווידערן אַרויסגענומען פון דעם שפּיטאָל און מען האָט אים אַוועקגעפירט אויף אַ גוט, אַזאַ גרויסע פאַרם, הינטער לענטשיץ, נישט ווייט

פון לאָדזש. אויף יענער פאַרם האָבן געאַרבעט גייסטיק קראַנקע מענטשן.

אָבער שווידערן איז דעמאָלט שוין געווען שווער צו דערקענען. ער איז געווען פריצייטיק אינגאַנצן גרוי אַזוי ווי אַ טויב. און אין 1949, ווען די דייטשע מערדערס האָבן פאַרנומען לאָדזש, האָבן זיי אומגעבראַכט אַלע גייסטיק קראַנקע. י. שווידער איז געווען צווישן די ערשטע קרבנות פון די דייטשן.

י. שווידער איז געווען זייער טאַלאַנטירט. ער וואָלט זיכער געווען אויסגעוואַקסן אַ פיינער אַקטיאָר. און זאָל מען ביי דער איצטיקער געלעגנהייט אויך דערמאָנען צום גוטן די אַלע פעיקע און יונגע מיידלעך און בחורים, וועלכע האָבן אַוועקגעגעבן זייער ענערגיע און זייער פרייע צייט, אונטער די שווערסטע מאַטעריעלע באַדינגונגען צוווידמען זיך דער יידישער טעאַטער־קונסט. „אונדזער ווינקל" איז אין יענע צייטן געווען צווישן די בעסטע דראַמאַטישע קרייזן אין לאָדזש. און לאָמיר אויך דערמאָנען די נעמען פון די מיטגלידער פון „אונדזער ווינקל". זיי זענען געווען: א. ראַשעלבאַך, ל. אייזמאַן, ע. באַק, י. שווידער, וו. בזשעזשינסקי, ה. סטראַווטשינסקי, ב. זשאַק, א. אַבראַמאָ־וויטש און ה. שוואַרצבערג.

די „הבימה" אין לאָדזש

אין יאָר 1926 איז געקומען קיין לאָדזש די „הבימה" אויף גאַסטראָלן. דעמאָלט האָט שוין אין לאָדזש עקזיסטירט די טעאַטער־סטודיע.

משה בראָדערזאָן, דער לייטער פון דער סטודיע, איז געווען באַפריינדעט מיט די אַקטיאָרן פון „הבימה"־טעאַטער. די מיטגלידער פון דער טעאַטער־סטודיע האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דער פרעמיערע פון דער „הבימה".

מיר האָבן געוווסט, אַז „הבימה" איז אַ קינסטלעריש טעאַטער, וואָס האָט געהאַט באַצאָלטע רעזשיסאָרן, מאָלערס, מוזיקערס און אַקטיאָרן. די פרעמיערע פון „הבימה" איז געווען דער „דיבוק" פון ש. אנסקי. די טעאַטער־סטודיע האָט זיך געגרייט מיט גרויס אינטערעס צו זען די פאָרשטעלונג. קומענדיק צו דער פרעמיערע, און זעענדיק די אויסערגעוויינלעכע אויסשטעלונג פון דעם „דיבוק" און די מאַסן־סצענעס, איז דער עולם געוואָרן פאַרכאַפּט.

מיר זענען אַרויס פון טעאַטער באַגייסטערטע. מיר האָבן נישט געוווסט פון וואָס פריער צו רעדן. מיר האָבן גלייך אָנגעהויבן זינגען און אויסטאַנצן די ניגונים. די סטודיע איז דעמאָלט געווען אויף זאַוואַדזקע 5, אין קליינהענדלער־פאַראיין. דאָרט האָבן מיר געמאַכט צוזאַמענקונפטן יעדן שבת־ביינאַכט. ס'איז געקומען אַ גרויסער עולם. דער אָוונט איז באַשטאַנען פון פאַרשידענע רעציטאַ־

ציעס. אַזוי ווי מיר האָבן שוין געהאַט געזען די „הבימה" און מיר האָבן געקענט די ניגונים, האָבן מיר זיך שפּעטער געלאָזט טאַנצן און זינגען, און מיר האָבן אַזוי לאַנג גע־טאַנצט, אַז דער עולם איז געוואָרן מיטגעריסן און אַריין אין ראָד און אָנגעהויבן טאַנצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. די דריי וואָס האָבן באַגייסטערט דעם עולם מיט זייער טאַנצן און זינגען עזנען געווען: שמעון דזשיגאַן, משה פּולאַווער און יעקב ריינגלאַס.

דער עולם אין שטאָט האָט זיך דערוווסט פון די צו־זאַמענקונפטן וואָס קומען פאָר אין קליינהענדלער־פאַראיין. איז שבת דער זאַל געווען איבערגעפולט.

טאָמאַשאָוו איז געווען פון די קולטורעלסטע שטעטלעך אַרום לאָדזש. אויפגעטראָטן זענען מיר דאָרט אין „הזמיר". די ליטעראַרישע גרופּע וואָס האָט געהערט צו „הזמיר" איז באַשטאַנען פון: משה דלוזשנאָווסקי, משה גאָלדקראַנץ, י. האָניק, א. גראַנאַט און מ. ראָזענבלום. זיי האָבן אונדז אויפגענומען זייער האַרציק. די אָוונטן האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. יעדעס מאָל ווען מיר זענען געקומען קיין טאָמאַ־שאָוו, איז געווען אַ גייסטיקע דערפרישונג. די האַרציקע באַציונג פון דער ליטעראַרישער גרופּע האָט אונדז נאָך מער צוגעבונדן צו טאָמאַשאָוו... און מיר האָבן אָנגעהויבן זיך פילן ווי גאַסטראָלאָרן... מיר זענען טאַקע אָפטער געפאָרן קיין טאָמאַשאָוו. דער גרויסער דערפאָלג פון „הבי־מה"־טעאַטער אין לאָדזש איז געווען אומבאַשרייבלעך. דאָס „הבימה"־טעאַטער האָט געהאַט אַ געוואַלדיקע השפּעה אויף די סטודיאַנטן פון דער טעאַטער־סטודיע.

מיר האָבן אַיינגעזען, אַז מיר האָבן נאָך ווייט צו גיין...

מיר זענען ביי זיך אָבער נישט אַראָפּגעפאַלן און זיך גענומען צו דער אַרבעט זייער אינטענסיוו. מיר האָבן נישט געהאַט די אַספּיראַציעס פון אַזאַ טעאַטער ווי „הבימה".

„אַלטע שטאָט”, רעווי, געשריבן פון יעקב אָבערזשאַנעק, ערשטע ריי : פון רעכטס : נעלקין, זילבערמאַן, קאַזאַנאָווער, מרים בראָדערזאָן, דזשיגאַן, רייגנלאַס, פּולאַווער, גאָלדשטיין, קאהן, הויער, צווייטע ריי : שומאַכער.

מיר זענען געגאַנגען אויפן וועג פון אַ קליינקונסט־בינע, מיר האָבן אויך געזען דאָס באַרימעט רוסישע קליינ־קונסט־טעאַטער „בלויער פויגל״, מיט וויקטאָר כענקין, פון וועלכן מיר האָבן אויך אַ סך געלערנט.

יעדער איינער פון אונדז האָט געפילט, אַז מיר גייען אויף אַ ריכטיקן וועג און ווען דער טעאַטער „אררט״ איז געגרינדעט געוואָרן, האָט זיך געפילט, אַז מיר האָבן עפּעס געלערנט. דער לאָדזשער עולם האָט דעם „אררט״ אויפ־גענומען זייער וואַרעם. אַ יונגע גרופּע ענטוזיאַסטן האָט זיך פאַרנומען צו שפּילן אַנדערש טעאַטער... דאָס איז געווען די שענסטע צייט פון „אררט״.

לאַנג אָבער האָט די גוטע שטימונג אין „אררט״ נישט אָנגעהאַלטן. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן סימנים פון „סטאַריזם״. ס׳האָט זיך געפילט אַ ריס אין אַנסאַמבל.

ס׳זענען געווען נישט־פאַרגינערס, און מען האָט אָנגע־הויבן שטערן אין דער אַרבעט. די גאַנצקייט פון „אררט״־אַנסאַמבל איז געוואָרן צעטיילט...

דאָס האָט זיך געפילט אין די ווייטערדיקע פּראָגראַ־מען פון „אררט״.

דראַמאַטישע קרייזן אין לאָדזש

די באַלוטער געגנט אין לאָדזש איז געווען אַ צענטער פון וועבעריי. יעדע צווייטע משפחה האָט זיך פאַרנומען מיט דער פרנסה. ס'זענען געווען צוויי קאַטעגאָריעס וועבער: וועבער וואָס האָבן אויסגעאַרבעט פאַרשידענע סחורות און וועבער, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט פלושענע קאָלדרעס, פלושענע טישטעכער, שאַלן און אַנדערע אַרטיקלען.

ס'זענען געווען וועבער, וואָס האָבן געהאַט אין שטוב איין וועבשטול, אַנדערע וועבער האָבן געהאַט עטלעכע וועבשטולן; די, וואָס האָבן געהאַט מער ווי איין וועבשטול, האָבן שוין געהייסן פאַבריקאַנטלעך...

זומער צייט האָט מען געקענט הערן דאָס זינגען פון די אָפענע פענצטערס, וואָס די געזעלן אָדער לערניינגלעך אונטער די שטולן האָבן געזונגען. פון איין טייל פענצטערס האָט מען געהערט פאָלקס־לידער. פון אַנדערע פענצטערס האָבן זיך געהערט לידער פון היסטאָרישע אָפּערעטעס. דאָס געזאַנג האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן אין טאַקט פון קלאַפּן פון די וועבשטולן. מ'האָט געהאַט דעם איינדרוק ווי אַלע זינגען צוזאַמען.

די געזעלן אָדער די לערניינגלעך וואָס האָבן געזונגען אָדער רעציטירט דעם גאַנצן טאָג, זענען אין די אָוונטן געגאַנגען אין זייערע פאַראיינען אָדער קרייזלעך, צו וועלכע זיי האָבן געהערט. ווען זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען אין די קרייזלעך האָט מען געזונגען אָדער רעציטירט לידער פון

אונדזערע באַליבטע דיכטערס, און פון צייט צו צייט פלעגן די קרייזלעך איינאָרדענען אָוונטן און טאַקע אין די גרויסע שטובן ביי די וועבערס.

ווען עס האָט געדאַרפט פאָרקומען אַן אָוונט, האָט מען געמוזט אַוועקרוקן אין אַ זייט די וועבשטולן און מען האָט זיך געגרייט צו דעם אויפטריט...

אין איינער פון די גרויסע שטובן, אויף זשוראַוו 13 איז פאָרגעקומען אַן אָוונט פון אַ קרייז, ווו איך בין געווען פאַרבעטן. און דאָרטן צווישן די אָנטיילנעמערס איז געווען איינער אַ בחור מיטן נאָמען שמואל גאָלדשטיין. ער איז אויפגעטראָטן מיט אַ מאָנאָלאָג: „צרות פון ראַדיאָ", פון י. טונקעלער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער זשופּיצע, מיט אַ בערדל און אַ היטל און געהאַלטן אַ גרויסן שטעקן אין דער האַנט. דער שטעקן איז געווען אַביסל צו לאַנג. אַלץ צוזאַמען האָט געשאַפן אַזאַ קאָמישקייט, אַז מען האָט גלייך אָנגעהויבן לאַכן. יעדער באַוועגונג זיינע איז געוואָרן נאָך קאָמישער. און ס'האָט זיך גלייך געפילט, אַז דאָס איז אַ בחור מיט טאַלאַנט.

פון דעם אָוונט אָן זענען מיר געוואָרן זייער באַפריינ־דעט, און מיר האָבן זיך אָפטער געזען. ער איז אַ סך מאָל געקומען אַהיים צו מיר. און ווען מיין שמואל גאָלדשטיין איז צו מיר געקומען, האָב איך שוין געוווסט, אַז היינט וועל איך שוין אַביסל לאַכן.

איין מאָל האָט ער מיך איבערראַשט. שמואל איז געקומען מיט אַ גרויסן הונט, אַביסל קלענער פון אים אַליין. ווען דער הונט איז אַריין אין שטוב האָט ער זיך גלייך אַוועקגעלייגט ביי דער טיר און איך האָב ביי זיך געטראַכט: נו, היינט וועט מען שוין נישט אַרויס פון שטוב. און גאָלדשטיין האָט מיך גלייך באַרואיקט, ווייל ער האָט

געלעזן מיינע געדאַנקען, און געזאָגט צו מיר: „דער הונט איז אַזוי געוווינט, אַז ער ליגט ביי דער טיר".

פאַרשטייט זיך, אַז ווי אַלע מאָל האָט גאָלדשטיין אָנגעהויבן קאָפּירן זיינע פעטערס און מומעס, קוזינען און שכנים. פון זיינע קאָפּיעס האָב איך געקענט זיין גאַנצע משפּחה. שמואל גאָלדשטיינען האָט מען נישט געדאַרפט לאַנג בעטן און ער האָט דערלאַנגט די סחורה.

נאָך דעם אָוונט איז שמואל גאָלדשטיין געווען אַן אָפּטער אַריינגייער צו מיר אין שטוב. ער איז אין זיין קרייז געווען דער גאַנצער מאַכער. פון דעם קרייז איז שפּעטער אויסגעוואַקסן דער דראַמאַטישער שלום עליכם־קרייז, וואָס האָט שפּעטער אָנגעהויבן פּראָבירן דעם „דאָקטאָר" פון שלום עליכם ווי אויך פאַרשידענע רעציטאַציעס, אינסצעני־זירטע פאָלקס־לידער.

די אָנטיילנעמער פון קרייז זענען דעמאָלט געווען: מ. טאָמפּאַנער, ש. ווייץ, י. שיפער, די ברידער צעפּראָוו, ראָדענבערג, ש. גאָלדשטיין. איך האָב געהאַט אַן אויג אויף שמואל גאָלדשטיינען און מיר זענען פאַרבליבן אין קאָנ־טאַקט.

ס'איז געווען די צייט ווען ס'האָט זיך געגרינדעט אין לאָדזש די טעאַטער־סטודיע, מיט משה בראָדערזאָן. ס'איז געווען אַנאָנסירט אין די צייטונגען: פעיקע יונגע מיידלעך און בחורים קענען זיך שטעלן צום עקזאַמען. פאַרשטייט זיך, אַז ש. גאָלדשטיין איז געקומען מיט זיין קרייז. און אויך אַנדערע קרייזן זענען געקומען זיך עקזאַמינירן. ש. גאָלדשטיין האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, דער איינ־ציקער פון זיין קרייז.

ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ נאָרמאַלע סטודיע־טעטי־קייט, פון פּראָבירן פאַרשידענע איינאַקטערס, לעקציעס פון יידישער ליטעראַטור, טענץ, לעקציעס פון פּלאַסטיק, א.אַז.וו.

ש. גאָלדשטיין האָט אָנגעהויבן באַזוכן די לעקציעס אין דער סטודיע. אָבער ער איז עפּעס נישט געווען צופרידן. אַלע מיטגלידער זענען געווען העכער ווי ש. גאָלדשטיין. ער איז געווען דער קלענסטער אין דער סטודיע.

משה בראָדערזאָן האָט אויסגעהערט ש. גאָלדשטיינען און געזאָגט צו אים: — „איר ווייסט, גאָלדשטיין, איר דאַרפט נישט קומען יעדן טאָג, איר קענט קומען ווען איר ווילט" און ש. גאָלדשטיין האָט זיך פון צייט צו צייט אַריינגעכאַפּט אין זיין דראַמאַטישן קרייז און זיך אַביסל אויסגעלעבט מיט זיינע חברים.

ש. גאָלדשטיין קען נישט פאַרגעסן ביזן היינטיקן טאָג, אַז איך בין געווען דער ערשטער, וואָס האָט אים גערופן חבר גאָלדשטיין. אַלע האָבן אים גערופן שמואל נישט גאָלדשטיין און ש. גאָלדשטיין האָט זיך אָנגעפאַנגען פילן עפּעס...

און ווען מ'האָט געגרינדעט דאָס „אררט"-טעאַטער, איז שמואל גאָלדשטיין געווען אַריינגערעכנט אין אַנסאַמבל און ס'האָט אים גאָרנישט געשטערט, וואָס ער איז נישט געווען פון די הויכע... פאַרקערט, מ'האָט געזען אין ש. גאָלדשטיינען זייער אַ טאַלאַנטירטן אַקטיאָר.

ווען גאָלדשטיין איז אַריינגעטראָטן אין טעאַטער „אררט", האָבן שיפער און ווייץ איבערגענומען די אַרבעט ווו גאָלדשטיין איז געווען; און זיי האָבן געפירט אַ דראַמאַטישע טעטיקייט, געמאַכט אָוונטן, איינגעאָרדנט אַרויספאָרן אין אַ שטעטל ביי לאָדזש. ש. גאָלדשטיין האָט געהאַט אַ גרויסן סענטימענט פאַר זיין קרייז; און ווען ער האָט געהאַט אַ ביסל פרייע צייט האָט ער זיך אַריינגעכאַפּט אין זיין געוועזענעם קרייז. ש. גאָלדשטיין האָט דאַן געשפּילט אין „אררט"-טעאַטער.

דאָס איז געווען אין יאָר 1930. עס איז פאָרגעקומען

אַ שטרייק אין „אררט". די מיטגלידער: מינאַ בערן, לאה זילבערן, מאַניע פעטערמאַן, ישראל שומאַכער, יעקב ריינגליס, משה נעלקען, שמואל גאָלדשטיין, משה פולאַווער האָבן פאַרלאַנגט מ'זאָל אונדז געבן אַ מינימום פון אַ קלײנער גאַזשע. און דער ענטפער איז געווען צו יעדן איינעם אין אַ בריוו: מיר קענען אייך דאָס נישט געבן.

פאַרשטייט זיך, אַז די אויפגערעגטע מיטגלידער זענען אַרויסגעטראָטן פון „אררט". געבליבן זענען דעמאָלט אין „אררט" פאָלגנדע מיטגלידער: שיינע מרים בראָדערזאָן, דאלסקא, יו. ראָזענבערג, מאָטל קאַן, ש. דשיגאַן. די געבליבענע מיטגלידער האָבן צוקאָאָפּטירט די פאָלגנדע פערזאָנען: י. פריד, א. אַלטמאַן, י. שיפּיר, א. ווייץ, וואָס האָבן פאַרטראָטן די אַלע, וואָס זענען אַוועק פון „אררט".

די אַרויסגעטראָטענע פון „אררט" האָבן אָנגעהויבן טראַכטן וועגן פאַרשידענע פּלענער, וועגן אָנהויבן שפּילן. אין דער זעלבער צייט האָבן מיר זיך באַקאַנט מיט דעם דירעקטאָר י. בלאַכער און זיין פאַרטרעטער קאַבאַק. ער האָט געוווּסט, אַז מיר זענען אַרויסגעטראָטן פון טעאַטער „אררט". ער האָט אונדז פאָרגעלייגט, צו פאָרן מיט אונדז אויף אַ טורנעי. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם פּלאַן. מיר האָבן געהערט, אַז בלאכער האָט שוין געפירט פּוילישע סטאַרס אויף טורנעיען. נישט אַלע האָבן געוואָלט פאָרן אויף דעם טורנעי. האָבן מיר צוזאַמענגעשטעלט אַ טרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון: פאַניע רובינא, דאָראַ רובינא, ישראל שומאַכער, שמואל גאָלדשטיין, משה פולאווער. הערץ רובין איז געווען דער מוזיקאַלישער לייטער. מיר זענען אַרויסגעפאָרן אויפן טורנעי אין דער פּוילישער געגנט. און דאָס איז געווען ווינטער צייט. מיר זענען נישט אַרויסגעפאָרן מיטן רעכטן פוס. אין יעדן שטעטל ווו מיר זענען געקומען, האָבן מיר געהאַט אַן אַנדער דורכפאַל.

אין איין שטעטל איז געווען אַ שרפה; אין אַ צווייט שטעטל איז נישט געווען קיין ליכט אין טעאַטער, אַזוי אַז דער עולם איז נישט געקומען. אין די שטעטלעך ווו מען האָט יאָ געשפּילט, האָט דער פיינער דירעקטאָר בלאַכער נישט באַצאָלט די שטייערן. מיר האָבן וועגן דעם נישט געוווסט, און די פּראָצענטער, וואָס מיר האָבן באַקומען פון בלאכערן זענען נישט גענוג געווען אַז די מענטשן זאָלן האָבן צו עסן. האָט מען אָנגעהויבן צו הונגערן. מיר האָבן געמוזט שפּילן ביז דער קאָנטראַקט וועט זיך ענדיקן.

אין אַ שיינעם טאָג ביי אַ פאָרשטעלונג האָט מען אונדז אָפּגעוואַרט אין דער גאַרדעראָבע און מ'האָט ביי אונדז צוגענומען אונדזערע זייגערלעך, רינגלעך, וואָס מיר האָבן געטראָגן און אַנדערע זאַכן אַלס משכן. מיר האָבן דורכגע־מאַכט דעם טרויעריקן טורנעי און האָבן אָנגעהויבן פאַר־שטיין וואָס אַנדערע אַקטיאָרן האָבן זיך אָנדערציילט וועגן זייערע הונגעריקע טורנעיען.

דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויספאָר, וואָס מיר האָבן מיטגעמאַכט. מיר האָבן געליטן הונגער, קעלט און אויך געמוזט שפּילן טעאַטער. דאָס קאַפּיטל איז נישט געווען צו פאַרגעסן. קומענדיק אַהיים פון דעם הונגער־טורנעי — דערשלאָגן און דערשעפּט, האָט שוין יעדער איינער פון אונדז ביי זיך געטראַכט: „מער נישט". אָבער מיר האָבן זיך אויסגעניכטערט און דער ווילן צו שפּילן טעאַטער איז ווידער געוואָרן שטאַרק. די זאַכן, וואָס מ'האָט ביי אונדז צוגענומען האָט מען שפּעטער באַקומען צוריק.

דער דירעקטאָר האָט געמוזט באַצאָלן די שטייערן וואָס ער איז געווען שולדיק. און מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן בויען פּלענער וועגן שפּילן טעאַטער.

ישראל שומאַכער

דער ערשטער פּראָגראַם איז געווען כמעט געענדיקט אין „אררט".

געקומען איז אַ בחור אַ שלאַנקער מיט געקרייזלטע האָר אין אַ גימנאַזיסטיש היטל. געטראָגן האָט ער ברילן, און געמאַכט באַוועגונגען זיינע ברילן זאָלן זיך האַלטן אויף זיין נאָז אויפן ריכטיקן אָרט... ער האָט זיך געווענדט צו מיר און זיך פאָרגעשטעלט.

— מיין נאָמען איז ישראל שומאַכער. און ער האָט אָנגעהויבן דערציילן: — איך האָב איצט געענדיקט גימ־נאַזיע, און האָב בדעה צו פאָרן קיין דייטשלאַנד, אין אַ טעאַטער־סטודיע. נאָר אַזוי ווי ס'האָט זיך איצט געשאַפן דאָס טעאַטער „אררט" אונטער דער לייטונג פון באַקאַנטן דיכטער משה בראָדערזאָן, האָט עס מיך באַוויגן כ'זאָל קומען צו אייך, מיט אייך זיך אַדורכריידן. דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט געטראַכט פון יידיש־טעאַטער; נאָר אַזוי ווי דאָ האָט זיך רעקרוטירט אַ יונגע טאַלאַנטירטע גרופּע, וואָלט איך געוואָלט מיט אייך מיטאַרבעטן.

אַזוי ווי איך בין דעמאָלט געווען דער רעזשיסאָר און דער בחור ישראל שומאַכער האָט אויף מיר געמאַכט נישט קיין שלעכטן איינדרוק, האָב איך זיך אַדורכגערעדט מיט משה בראָדערזאָנען און מיר האָבן באַשלאָסן אים אַריינצו־נעמען אין טעאַטער „אררט".

דער גאַנצער פּראָגראַם איז שוין געווען פאַרענדיקט;

אָבער אין דער רעווי וואָס מיר האָבן געגרייט איז נאָך געווען אָרט פאַר אַ קליינער ראָל: אַ פּאָליציאַנט. האָב איך געזאָגט שומאַכערן: — „עס איז דאָ אַ קליינע ראָל פאַר אַ פּאָליציאַנט. אויב איר ווילט קענט איר די ראָל שפּילן, און אין אַ צווייטן פּראָגראַם וועט איר שוין אָנטייל־נעמען אין פאַרשידענע נומערן“. ישראל שומאַכער איז נישט געווען אַזוי באַגייסטערט, דאָך האָט ער מסכים געווען און געענטפערט: „איך וועל נעמען די ראָל“. אַזוי איז ישראל שומאַכער אַריינגעטראָטן אין טעאַטער „אררט“.

אין דער גימנאַזיע, וואָס שומאַכער האָט געענדיקט, איז געווען דירעקטאָר דר. פּאַלעק און דר. פּאַלעק איז געווען אַ גוטער פריינד פון משה בראָדערזאָנען. דר. פּאַלעק האָט געזאָגט בראָדערזאָנען, אַז ער האַלט זייער פון שומאַ־כערן. שומאַכער האָט זיך טאַקע באַראָטן מיט אים וועגן פאָרן קיין דייטשלאַנד אין אַ דראַמאַטישע סטודיע. האָט ער אים געראָטן, אַז איידער ער באַשליסט צו פאָרן קיין דייטשלאַנד, זאָל ער גיין אין „אררט“, אפשר וועט אים דאָרט געפעלן. און שומאַכער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין „אררט“.

ער איז נישט געווען אַזוי צופרידן פון דער קליינער ראָל, וואָס ער דאַרף שפּילן. און שומאַכער האָט געטראַכט ביי זיך: „מיר וועלן זען דעם צווייטן פּראָגראַם“. אין צווייטן פּראָגראַם איז שוין שומאַכער געווען פאַרטראָטן אין פאַרשידענע נומערן. אין די פּראָבן פון צווייטן פּראָגראַם האָט זיך אָנגעהויבן פילן, אַז דאָס איז שוין נישט דער שטילער שעמעוודיקער שומאַכער.

שומאַכער איז פון דער נאַטור געווען אַ נערוועזער, נישט קיין פאַרגינער, און אויך אַ ציניקער. ער איז געווען פון די, וואָס ווייסן בעסער און קענען בעסער. אין די ערשטע פּראָגראַמען אין „אררט“ האָט מען מער געזונגען

און געטאַנצט. שומאַכער איז נישט געווען פון די גרויסע טענצערס און דאָס האָט אים שטילערהייט וויי געטאָן.

און אַזוי ווי ער איז געווען אַ גרויסער קענער און ווייסער, בעסער ווי אַלע — האָט ער שוין אָנגעהויבן אונ־טערצוגראָבן די האַרמאָניע אין „אררט״. ער האָט שוין דעמאָלט פאַרשטאַנען אַוועקצורייסן געוויסע מיטגלידער און האָט געשאַפן צוויי לאַגערן: איינער האָט נישט געקענט קוקן דעם צווייטן גלייך אין פנים אַריין.

ער האָט אַזוי מאַנעווּרירט און גענומען אין זיין האַנט אַריין דזשיגאַנען, און ביידע זענען געוואָרן איינס.

ער האָט געטאָן ווי ס׳האָט זיך אים געלוינט. די אינ־טריגעס, וואָס ער האָט געשאַפן, זענען אים געווען צום האַרצן. דאָס איז געווען זיין נאַטור.

שומאַכער האָט שוין אויפגעהערט צו טראַכטן צו ווערן אַ דייטשער אַקטיאָר. ווען עס איז אויסגעקומען, אַז מ׳האָט דיסקוטירט, האָט שומאַכער געבויגן אַהין און צוריק זיינע פינגער, און איז געוואָרן אַ שטיק נערוו: ווי קומט עס, אַז אַ צווייטער ווייס אויך עפּעס. ער האָט ממש פיינט געהאַט דעם, וואָס קען אויך עפּעס זאָגן. ער האָט זיך מיט אַלע איינגעריסן אפילו מיט בראַדערזאָנען. אַזוי איז שומאַכער געגאַנגען זיין אויסגעטראָטענעם וועג.

צווישן דזשיגאַנען און שומאַכערן איז אַדורכגעלאָפן אַ שוואַרצע קאַץ און דער ריס מיט דזשיגאַנען איז געוואָרן אַזוי גרויס, אַז מען האָט זיך פיינט באַקומען. די עפנטלעכ־קייט האָט פון דעם נישט געוווסט, ווייל ביידע האָבן גע־מאַכט די קאָמישע דיאַלאָגן און דאָס האָט זיי געהאַלטן צוזאַמען, אָבער נאָר אויף דער בינע.

איך האָב דעמאָלט געשפּילט אין וואַרשע מיט דזשי־גאַנען און שומאַכערן. — כ׳האָב אַ סך מאָל געפרעגט

דזשיגאַנען: „ווי אַזוי קענסטו מיט אים אַרבעטן?" און דער ענטפער איז געווען: „דאָס געשעפט פאָדערט אַזוי".

עס זענען געווען צייטן, ווען זיי האָבן זיך אפילו נישט געטראָפן ביי טאָג אין קאַפע, נאָר בלויז ביי דער פאָרשטע־לונג זענען זיי געווען צוזאַמען.

אַזוי האָבן זיי געאַרבעט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין אַזאַ שטימונג זענען זיי אין רוסלאַנד אַרומגעפאָרן און געשפּילט טעאַטער און אויך געזעסן אין תפיסה. און ווען זיי זענען אַרויס פון תפיסה, זענען זיי צוריקגעפאָרן קיין פּוילן, געמאַכט קאָנצערטן אין פּוילן, אין דייטשלאַנד און שפּעטער אין פראַנקרייך; פון פראַנקרייך געפאָרן קיין אַרגענטינע און פון דאָרט געפאָרן צוזאַמען קיין ישראל. דאָרט האָבן זיך אָנגעהויבן די ריכ־טיקע רייבונגען.

אויב זיי האָבן נאָך געהאַט איינער צום אַנדערן אַביסל בינע־צוטרוי, איז עס אינגאַנצן פאַרשוואונדן אין ישראל. מיט דער צייט האָט דזשיגאַן באַשלאָסן זיך צו דערווייטערן פון זיין שותף און אַזוי איז געשען.

דזשיגאַן איז אַוועק און איז גלייך צוגעטראָטן מאַכן אַ פּראָגראַם, און שומאַכער איז געגאַנגען שפּילן טעאַטער. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס שומאַכער איז גע־גאַנגען שפּילן אַ פּיעסע, און דאָס איז אים געווען פרעמד. און ער איז טאַקע אַדורכגעפאַלן. דזשיגאַן — פון זיין זייט — איז געגאַנגען זיין אויסגעטראָטענעם וועג און האָט געשטעלט אַ רעווי, מיט יונגע חברה פאַרשטייט זיך. די רעווי האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. שומאַכער האָט זיך שוין דאַן געפילט נישט געזונט און דאָס איבעררייסן מיט דזשיגאַנען ווי אויך דער דורכפאַל מיטן שפּילן טעאַטער האָט אים צוגעשפּילט און ער איז געוואָרן ערנסט קראַנק.

„די מיזינקע אויסגעגעבן"

דער צווייטער פּראָגראַם אין „אַרט" האָט געהייסן „די מוזינקע אויסגעגעבן". נאָך דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס מיר האָבן געהאַט פון ערשטן פּראָגראַם, זענען מיר צוגע־טראָטן מיט נאָך מער ברען און מיט מער קלאָרקייט צום צווייטן פּראָגראַם. מיר האָבן געוואָלט זיך איינבירגערן. מיר האָבן געהאַלטן אין איין זוכן נייע וועגן. די רעצענזיעס זענען געווען זייער גוטע. מיר האָבן אָנגעהויבן איינפירן אין פּראָגראַם אַ קאַמעראַלן נומער און מיט דער צייט האָבן מיר איינגעפירט יעדן מאָנטיק אַ קאַמעראַלע פאָרשטעלונג פון ערנסטע נומערן פאַר דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ. דאָס האָט צוגעצויגן אַ גרויסן עולם און די פּראָגראַמען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג.

די „אַרט"־אַקטיאָרן האָבן געשפּילט אָן געלט. באַ־צאָלט האָט מען די בילעטערן, די טעכנישע אַרבעטערס און די שניידערס, וואָס האָבן געמאַכט קאָסטיומען. וויפל מיר האָבן נישט באַקומען מאַטעריאַל אָן געלט, האָבן מיר אַלץ געמוזט צוקויפן. מיר האָבן געדאַרפט באַצאָלן פאַר עלעק־טרישע איינריכטונגען. מ'האָט געמוזט מאַכן אַ העכערונג פאַר די בענקלעך אין זאַל, כדי איינער זאָל דעם צווייטן נישט פאַרשטעלן. מיר האָבן זייער ליב געהאַט דאָס טעאַטער „אַרט". אָבער אינסטינקטיוו האָט יעדער איינער עפּעס געצילט און נישט גערעדט קיין וואָרט.

דער צווייטער פּראָגראַם האָט זיך שוין אָנגעהויבן

מיט מער סטאַבילקייט: סקעטשן, גראָטעסקעס, חסידישע מאָטיוון, קאָמעראַלע און פאָלקסטימליכע נומערן און אַ מאָנאָלאָג.

„אררט״ האָט זיך אָנגעהויבן איינבירגערן אויפן לאָד־זשער באָדן. אַלע אַקטיאָרן האָבן געהאַט דערפאָלג. ס׳האָבן זיך אָבער צווישן זיי אויסגעשיילט אייניקע, וואָס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. ס׳האָט זיך געפילט אַן אומצו־פרידנקייט ביי געוויסע מיטגלידער און מיט דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן קליינע אינטריגעלעך און שפּעטער גרויסע אינטריגעס. אין גאַנג פון די אינטריגעס, האָט זיך שמעון דזשיגאַן אַריבערגעצויגן צו משה בראָדערזאָן. דאָרט האָט ער באַקומען אַ צימער צו וווינען. און פון דער צייט אָן איז די שטימונג אין „אררט״ געוואָרן נאָך אַן ערגערע.

משה בראָדערזאָן האָט דאָך דעם גרעסטן טייל פון פּראָגראַם געשריבן פאַרן „אררט״ און שיינע מרים בראָדער־זאָן איז דאָך געווען זיין פרוי...

פלעגן פון צייט צו צייט אויסברעכן מיספאַרשטענדנישן ביי די פרויען.

משה בראָדערזאָן איז געווען דער קינסטלערישע לייטער אין „אררט״. ער איז געווען זייער אַ טייערער מענטש. אָבער מ׳האָט אים זייער שנעל געקענט באַאיינפלוסן. און מיט דער צייט האָבן זיך געשאַפן צוויי לאַגערן. ס׳זענען געווען פּריווילעגירטע און נישט־פּריווילעגירטע און ביי אַזאַ לאַגע איז געווען זייער שווער צו אַרבעטן און מ׳האָט אַ סך ביטערע פילן אַראָפּגעשלונגען.

שוין ביים ערשטן פּראָגראַם זענען פאָרגעקומען געוויסע רייבונגען, ווער ס׳זאָל שטיין אויפן אַפיש, ווי דער רעזשי־סער. מיט אונדז איז דעמאָלט געווען ראָמאַן ראָזענטאַל און ער האָט געוואָלט מ׳זאָל אים שטעלן אויפן אַפיש אַלס רעזשיסער. איז אָבער געווען אַ גרויסע קעגנערשאַפט און

ס׳איז געוואָרן באַשלאָסן, אַז אויפן אַפיש זאָל זיין גע־שריבן: קאָלעקטיווע רעזשי.

איך בין געווען זייער פאַרנומען ביים רעזשיסירן, פראָיעקטירן און ביי די קאָסטיומען און די דעקאָראַציעס. כ׳האָב גאָרנישט געזען אַרום זיך. כ׳האָב נאָר געוואָלט אַז דער פראָגראַם זאָל זיין שענער און בעסער.

ביים צווייטן פראָגראַם איז שוין אויפן אַפיש געווען: רעזשי משה פולאַווער. אזוי איז געווען ביי זעקס אָדער אַכט פראָגראַמען און אפשר מער: רעזשי משה פולאַווער.

ווי איך האָב שוין אויבן דערמאָנט, איז די לופט אין „ארַרט" געווען אַ שטיקנדיקע. האָב איך געמאַכט אַ האַלבן פראָגראַם און דעם צווייטן האַלבן פראָגראַם האָט געמאַכט שמעון דזשיגאַן.

אין די האַלבע פראָגראַמען וואָס איך האָב רעזשיסירט האָט זיך שטענדיק אַדורכגעריסן אַ נומער, וואָס איז געווען דער פרעסטיזש פון „אַררט".

איינער פון די פרעכטיקסטע נומערן איז געווען „וואַ־סער־טרעגער" פון משה בראָדערזאָן, וואָס איז פאַרבליבן אַ שלאַגער ביזן הייַנטיקן טאָג.

די שטימונג אין טעאַטער איז געווען זייער אַ שלעכטע. דעם נומער „וואַסער־טרעגער" האָב איך שוין נישט געמאַכט אין טעאַטער, נאָר אין דער היים. איך האָב מיטגענומען שמואל גאָלדשטיינען און מיט אים איינגעשטעלט דעם נומער. און ווען מיר זענען געקומען צו דער גענעראַל־פראָבע, האָבן די טייערע חברים אַרויסגעקוקט פון הינטער די קוליסן מיט ווייסע נעז. זיי האָבן שוין געפילט, אַז דאָס וועט זיין אַ שלאַגער. און אויף דער פרעמיערע, ווען מיר האָבן ביידע געשפילט די „וואַסער־טרעגער", האָט דער עולם אונדז אויפגענומען מיט גרויס ענטוזיאַזם. די אַפּלאָ־דיסמענטן האָבן געדויערט אַ לאַנגע צייט. דער נומער איז

געוואָרן אַ שלאַגער און האָט געבראַכט כבוד דעם טעאַטער „אררט".

די „וואַסער־טרעגער" האָט מען געשפּילט יאָרן און נאָך היינט אַז מען שפּילט דעם נומער, האָט ער גרויס דערפאָלג. איך האָב געבראַכט אַ ביישפּיל פון איין נומער, ס'זענען געווען אַ סך אַנדערע טייערע נומערן.

ס'האָט זיך אָבער געפּילט אַ ריס אין טעאַטער צווישן די מיטגלידער. נאָך לאַנג ראַנגלען זיך איז דער טעאַטער „אררט" זיך צעפאַלן אין יאָר 1933.

דזשיגאַן און שומאַכער זענען געפאָרן קיין וואַרשע. גאָלדשטיינען האָט מען גענומען אין יידישן טעאַטער אין לאָדזש צו שפּילן קאָמישע ראָלן. אין דער אָפּערעטע האָט גאָלדשטיין געהאַט דערפאָלג. אָבער לאַנג האָט ער אין יידישן טעאַטער נישט געשפּילט.

ער איז אַוועק קיין וואַרשע צו דזשיגאַנען און שומאַכערן און געשפּילט מיט זיי אַ געוויסע צייט אין דער „באַנדע". שפּעטער איז ער פון זיי אַוועק און איז אַריין אין „באַלאַגאַן", אַ קליינע קונסטבינע וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע אין 1938.

ס'איז אינטערעסאַנט צו וויסן, אַז ווען משה בראָדערזאָן האָט געהערט דעם נאָמען האָט ער גלייך געזאָגט: נישט באַל־אַגאַן, נאָר „בעל־גן־עדן" און אַזוי איז דער נאָמען פאַרבליבן. „בעל־גן־עדן" איז געווען זייער אַ פיינער קליינקונסט טעאַטער. משה בראָדערזאָן איז געווען זייער פאַראינטערעסירט אין אים.

נאָכן צעפאַלן זיך פון טעאַטער „אררט" האָט זיך בראָדערזאָנס באַציונג צו דזשיגאַנען און שומאַכערן געענדערט... ער האָט אָנגעהויבן שטיצן די יונגע אַנטיילנעמערס פון „בעל־גן־עדן" און זיי אָפט געשיקט מאַטעריאַלן. אָבער די מאַטעריעלע לאַגע פון טעאַטער איז געווען זייער אַ

שלעכטע, כאַטש מאָראַליש האָט עס געהאַט דערפאָלג. און האַרט פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה האָט זיך דער „בעל־גן־עדן" ליקווידירט. ער האָט עקזיסטירט איין יאָר צייט.

די אַנטיילנעמערס זענען געווען: דוד בירענבוים, יואל בערגמאַן, שמואל גאָלדשטיין, יעקב ריינגלאַס, מאָטל קאָן, חיה'לע שיפּער, מאַניע פּעטערמאַן, זיסעלע גאַרליצקאַ.

נאָך דעם ווי דער לאָדזשער „אררט" איז זיך צעפאַלן, האָב איך אָנגעהויבן אַרבעטן מיט אַ דראַמאַטישן קרייז, „די גרינע קאַטשקע".

מיר האָבן איינגעשטעלט אַ פּראָגראַם, געמאַכט די פּרעמיערע אין ענגלישן זאַל, וואָס איז געווען געפּאַקט. מיר האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג.

לאַנג האָב איך נישט געקענט אַרבעטן מיט דעם קרייז, ווייל איך בין אַריין אין נייעם „אַררט"־טעאַטער אין וואַרשע וואָס האָט דעמאָלט געשפּילט אין נאָוואָשטשי־טעאַטער. מיר האָבן געשפּילט אַ פּאָר חדשים און האָבן זיך געגרייט צו מאַכן אַ טורנעי אין אויסלאַנד. דאָס איז געווען אין יאָר 1935. מיר זענען געפאָרן קיין לאָנדאָן, פּאַריז, בריסל. מיר זענען אַרויסגעפאָרן מיט פּרעכטיקע קאָסטיומען און הערלעכע דעקאָראַציעס.

דער טורנעי האָט געדויערט צוועלף וואָכן. מיר האָבן געשפּילט מיט גרויס דערפאָלג. דעם גרעסטן דערפאָלג האָבן מיר געהאַט אין פּאַריז. ווען מיר זענען געקומען קיין פּאַריז האָט שוין אויף אונדז געוואַרט אונדזער טייערער ליבער פריינד, דער שרייבער משה דלוזשנאָווסקי, און ער האָט זיך שוין מיט אונדז פאַרנומען. גאַנצע טעג איז ער מיט אונדז אַרומגעלאָפן ווייזן אונדז די שטאָט פּאַריז, די היסטאָרישע פּלעצער, די מוזעאומס. ער האָט אונדז אויך געוויזן פּאַריז

ביינאַכט. דאָס איז עפּעס אַזעלכעס וואָס מען קען זיך נישט פֿאָרשטעלן.

דאָס שפּילן אין פּאַריז און אונדזער גרויסער דערפֿאָלג — אַלץ צוזאַמען האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איך האָב אַ סך פֿאַרבראַכט מיט מיין טייערן פֿריינד דלוזשנאָווסקי. ווען מיר האָבן פֿאַרענדיקט דעם טורנעי זענען מיר צוריקגעקומען אַהיים קיין לאָדזש, און דאָ זענען מיר זיך אַלע פֿונאַנדערגעגאַנגען און יעדער איינער האָט אָנגעהויבן מאַכן פֿאַרשידענע פּלענער.

ס'איז שוין נישט געווען „אררט" פֿון אַמאָל. שמואל גאָלדשטיין איז ווידער געגאַנגען שפּילן אין יידישן טעאַטער. דזשיגאַן און שומאַכער זענען געפֿאָרן שפּילן קיין וואַרשע און איך בין פֿאַרבליבן אין לאָדזש און געטראַכט צו גרינדן אַ נייע גרופּע פֿון יונגע פֿעיקע מענטשן אין גייסט פֿון „אררט".

איזאַ האַראַרי (ווײַנבערג)

ווען איזאַ האַראַרי (ווײַנבערג) איז נאָך געווען אין שול, האָט מען שוין געזען, אַז זי האָט טאַלאַנט צו טאַנצן און בײַ פֿאַרשידענע געלעגנהײטן איז זי אויפֿגעטראָטן און געטאַנצט.

פֿאַקטיש האָט איזאַ האַראַרי (ווײַנבערג) אָנגעפֿאַנגען איר טאַנץ־קאַריערע אינעם קלײנקונסט־טעאַטער „אררט" אין לאָדזש. דער ערשטער טאַנץ אירער איז געווען אַ חסי־דישער נומער, דער „פּושקע־טאַנץ", וועלכע האָט גלײַך געהאַט דערפֿאָלג. אין די שפּעטערדיקע פּראָגראַמען אין „אררט" האָט זי אויסגעפֿירט פֿאַרשידענע חסידישע מאָטיוון.

איזאַ האַראַרי איז געווען אַ גרויסע שטיפֿערקע.. אַ סך מאָל האָט זי געקענט יענעם אַרײַנזאָגן ביז אין דער זיבעטער ריפּ, און אַלץ מיט אַ שמייכל, אַז זי מײנט גאָרנישט ווען ווײ צו טאָן. זי איז געווען זייער אויפֿריכטיק צו מענטשן און מען האָט זי ליב געהאַט דערפֿאַר וואָס זי ווײַזט זיך אין אַזאַ ליכט.

הענריק יאַבלאָן איז געווען דער ערשטער קאָמפּאָזיטאָר, וואָס האָט אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין „אררט" און ער איז אויך געווען דער מוזיקאַלישער לײטער. הענעך קאָן האָט אָנגעפֿאַנגען מיטצואַרבעטן בײַם צווייטן פּראָגראַם. ער האָט געזען, אַז איזאַ האַראַרי (ווײַנבערג) איז זייער פֿעיק און ער האָט איר טאַקע אַ סך געהאָלפֿן. ער האָט

פאַר איר געשריבן חסידישע מאָטיוון אין „אררט״. איזאַ האַראַרי איז געווען די סאָלאָ־טענצערין אין „אררט״.

אין דעם אַנסאַמבל אין „אררט״ זענען אויך געווען אַנדערע פרויען, וואָס האָבן פּרעטענדירט צו טאַנצן. פאַר־שטייט זיך, אַז דאָס האָט געשאַפן אַ קידער־ווידער צווישן דעם פרויען־אַנסאַמבל און אָפט איז געקומען צו רייבונגען, וואָס האָבן געהאַט אַ בייגעשמאַק.

איזאַ האַראַרי (וויינבערג) איז געווען זייער צופרידן מיט איר טאַנצן אין „אררט״ און זי האָט אויך געהאַט דערפאָלג. אָבער פון די רייבונגען, וואָס האָבן זיך געשאַפן, איז זי געוואָרן זייער פאַרביטערט. אַזוי האָט זי געטאַנצט מיט דער פאַרביטערונג ביז ס׳איז געקומען אַ מאָמענט און איזאַ האַראַרי איז אַוועק פון „אררט״ און געפאָרן קיין וואַרשע.

קומענדיק אין וואַרשע האָט שוין איזאַ האַראַרי גע־הייסן יהודית בערג. זי איז אַריינגעטראָטן אין „יונג טעאַטער״ און באַגעגנט דאָרט יונגע טאַלאַנטירטע מענטשן. זי האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין „יונג טעאַטער״ און איז געוואָרן באַגייסטערט און אָנגעהויבן איינשטעלן טענץ מיט זיי. זי איז געווען זייער צופרידן פון דער אַרבעט.

צווישן די טאַלאַנטירטע איז געווען אַ בחור: ה. פּיביך, איינער פון די פעיקסטע. יהודית בערג, די לערערין, און פ. פּיביך דער שילער, זענען אַ צייט שפּעטער געוואָרן אַ פּאָרל און זיי האָבן אָנגעהויבן טאַנצן צוזאַמען. ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, זענען ביידע אַוועק קיין רוס־לאַנד, וווּ זיי האָבן חתונה געהאַט. זיי זענען אַריין אין דער טרופּע פון דזשיגאַן און שומאַכער און זענען מיט זיי געפאָרן אויף דעם גרויסן טורנעי איבער רוסלאַנד און געהאַט גרויס דערפאָלג.

אַ צייט שפּעטער, ווען דזשיגאַן און שומאַכער זענען

געוואָרן אַרעסטירט אין רוסלאַנד, איז זיך די טרופּע צע־פאַלן. יהודית בערג און פ. פּיביך האָבן דאַן אָרגאַניזירט אַ טאַנץ־גרופּע און אָנגעהויבן טאַנצן אין פאַרשידענע רוסישע טעאַטערס. זייער פאַרצווייפלונג איז פאַרשווונדן. זיי זענען אויך געפאָרן אויף קאָנצערטן.

ווען זיי זענען געקומען אין דער שטאָט אַשכאַבאַט אין רוסלאַנד איז דאָרט פּלוצעם פאָרגעקומען אַן ערד־ציטערניש. די גאַנצע שטאָט איז געוואָרן צעשטערט. יהודית בערג און פ. פּיביך האָבן געזען ווי ערנסט די לאַגע איז און האָבן נישט געוווסט וואָס צו טאָן. אָבער פ. פּיביך האָט זיך אָריענטירט און האָט אָנגעהויבן צו האַנדלען.

זייער מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך בליץ שנעל גע־ענדערט. נאָכן אָפּזיין אַ קורצע צייט אין אַשכאַבאַט האָבן זיי באַשלאָסן, אַז זיי װעלן זיך לאָזן אין װעג אַריין צוריקצו קיין פּוילן. דאָס איז נישט געווען פון די לייכטע זאַכן. זיי האָבן געטאָן וואָס ס'איז געווען מעגלעך און זענען אָנגעקומען אין פּוילן. מ'האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. זיי זענען געפאָרן אויף קאָנצערטן, וואָס האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. זיי האָבן אויך מיטגעאַרבעט אין פאַרשידענע פּוילישע טעאַטערס.

זייענדיק אין פּוילן האָבן זיי זיך אַרומגעזען, אַז זיי קענען דאָרט נישט בלייבן, די אַנטיסעמיטישע אויסברוכן אין פאַרשידענע טיילן פון לאַנד האָבן זיי באַוויזן ווי אַמשנעלסטן צו פאַרלאָזן פּוילן.

פּוילן איז דעמאָלט געווען אַ גיהנום פאַר יעדן איינעם ייד, וואָס איז צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער פון אוישוויץ אָדער פון רוסלאַנד. די פּאָליאַקן, ווען זיי האָבן דערזען אַ ייד, וואָס איז צוריקגעקומען, האָבן זיי אים גלייך געפרעגט ווי אַזוי ער איז געבליבן לעבן און זיי האָבן געזאָגט צו יעדן איינציקן יידן: „אַנטלויף פון דאַנען, אַז

נישט וועסטו קיין לעבעדיקער נישט אַרויס". הונדערטער ייִדן זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין פּוילן, דורך פּאַ־יהודית בערג האָבן זיך געזאָגט: „מען דאַרף מאַכן שנעל דאָס פּעקל און אַוועקפאָרן פון דער בלוטיקער ערד, אויף וועלכער דייטשן האָבן אָנגעהויבן און פּאָליאַקן ווילן פאַרענדיקן זי זאָל ווערן ייִדנריין".

פ. פּיביך און יהודית בערג זענען אַרויס פון פּוילן און געפאָרן קיין פראַנקרייך. ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין פּאַריז, איז די שטימונג פון פ. פּיביך און יהודית בערג געוואָרן אַ געהויבענע. זיי האָבן גלייך אָנגעהויבן מאַכן פּלענער און זיך געווענדט צו פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס מ׳זאָל זיי איינאָרדענען קאָנצערטן.

זיי האָבן געהאַט דערפאָלג און האָבן געטאַנצט. זייער לאַגע האָט זיך קאָלאָסאַל געענדערט צום גוטן. אָבער נישט פראַנקרייך איז געווען דאָס אָרט וווּ זיי זאָלן בלייבן.

זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן פּלענער און האָבן געטראַכט וועגן דעם גאָלדענעם לאַנד אַמעריקע און האָבן זיך דער־טראַכט און עפּעס אויך געטאָן. און די צוויי קינסטלערס, פ. פּיביך און יהודית בערג, זענען געקומען אין גאָלדענעם לאַנד אַריין. געבליבן זענען זיי וווינען אין ניו־יאָרק. דאָ האָבן זיי געבראַכט צום אויסדרוק דעם חסידישן טאַנץ אין אַ מאָדערנער פאָרם. פ. פּיביך האָט אויך צו פאַר־דאַנקען זיין פרוי יהודית בערג דאָס צו וואָס ער איז דערגאַנגען אַלס טענצער און כאָרעאָגראַף ביז היינט.

די פיר משה׳ס

משה בראָדערזאָן איז געווען זייער באַליבט ביים לאָדזשער עולם. ער איז געווען אַ פיינער דיכטער. אַ מיט־אַרבעטער פון דעם „לאָדזשער פאָלקסבלאַט", און שפּעטער איינער פון די גרינדער פון דעם קליינקונסט־טעאַטער „אררט". ער איז אויפגעטראָטן אויף אָוונטן, אויף וועלכער ער האָט געלייענט זיינע לידער. ער האָט געהאַט אַ פּרעכטיקע שטימע און אַ וואונדערבאַרע דיקציע.

משה בראָדערזאָן איז געווען אַ האַרציקער און צוגע־לאָזענער מענטש. ווען מען האָט מיט אים גערעדט, האָט מען זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון אים. ער איז אויך געווען אַ גרויסער טעאַטראַל און האָט זייער ליב געהאַט טעאַטער.

משה בראָדערזאָן האָט געהאַט אַ גוטע פיגור. ער איז געווען אַ הויכער, מיט אַ שוואַרצן קאָפּ האָר און מיט לאַנגע באַקנבערד.

עס איז געווען אַ צייט, וואָס דער „הבימה"־טעאַטער האָט אים געוואָלט אַנגאַזשירן אַלס אַן אַקטיאָר. פאַרשטייט זיך, אַז משה בראָדערזאָן האָט נישט געהאַלטן פון ווערן אַן אַקטיאָר.

אין לאָדזש האָט מען זייער געהאַלטן פון משה בראָדערזאָנען, און ווען דער „אררט" איז געגרינדעט גע־וואָרן, איז ער געוואָרן נאָך מער באַליבט ביים לאָדזשער עולם.

משה בראָדערזאָן האָט זיך דעמאָלט אַריינגעוואָרפן

מיט לייב און לעבן אין דעם טעאַטער „אררט". ער האָט זיך געקענט אַוועקזעצן אַרבעטן אַ גאַנצע נאַכט און צו־גרייטן מאַטעריאַל פאַר צען אָדער צוועלף נומערן צו דעם פּראָגראַם, וואָס מ'האָט צוגעגרייט. אויף צו מאָרגנס, אין דער פרי, איז ער געקומען און האָט געבראַכט דעם מאַטעריאַל אין טעאַטער, וו מיר האָבן געמאַכט פּראָבע.

איך בין דאַן געווען דער רעזשיסאָר פון דעם „אררט". ווען עס איז געקומען צו דער פּרעמיערע, האָט איר געקענט זען משה בראָדערזאָנען אין די לעצטע רייען פון דעם טעאַטער. ער האָט דאָרט געפיבערט אפשר מער ווי די אַקטיאָרן גופא. ער האָט אויך געפיבערט פאַר איטלעכן איינעם, וואָס איז אַרויף אויף דער בינע.

אַז דער סקעטש, אָדער דער מאָנאָלאָג, אָדער דער מוזיקאַלישער נומער האָט געהאַט דערפאָלג, איז די כמאַרע אַראָפּ פון זיין פּנים. דעמאָלט האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל ביי אים. ווען ער איז אַריינגעקומען הינטער די קוליסן האָט ער אויסגעשריען:

— גוט, זייער גוט!

און זיין פּנים האָט דעמאָלט געשטראַלט פון פרייד.

דער צווייטער משה אין דעם טעאַטער „אררט" איז געווען משה קאַזאַנאָווער (קאַסמאַן), ער איז געווען דער ערשטער קאָנפעראַנסיע. משה קאַסמאַן, אַן אינטעליגענ־טער און ערנסטער בחור, האָט געהאַט אַן ערנסטע באַציונג צום טעאַטער. אויך ער איז געווען באַליבט ביי יעדן איינעם. פון פאַך איז משה קאַסמאַן געווען אַ דרוקער־אַרבעטער. זיין קאָנפעראַנסיערקע איז שוין אָבער געווען צו ערנסט. די וויצן זיינע פלעגן נישט אַרויסקומען אַזוי גוט.

ער האָט אָבער געווירקט אויף דער בינע און פון איר. ער איז אויך געווען אַ גוטער אַקטיאָר פאַר דראַמאַטישע ראָלעס. האָט משה בראָדערזאָן פאַר אים אָנגעשריבן אַ

דראַמאַטישן נומער „זש'אַקיז" (כ'באַשולדיק), ווו ער האָט געשפּילט די הויפּט־ראָלע און האָט טאַקע געהאַט גרויס דערפאָלג.

אין דעם נומער „זש'אַקיז" האָבן אויך אָנטייל גענומען שיינע מרים בראָדערזאָן, משה נעלקען, משה פּולאַווער און יעקב רײַנגלאַס.

משה קאַסמאַן האָט אויך געהאַט אַן אַנדערע פונקציע אין דעם טעאַטער. ער איז געווען דער, וואָס האָט געזאַמלט דעם אַרכיוו פון דעם „אררט"־טעאַטער.

משה קאַסמאַן איז געווען אַ גוטער חבר. ער איז שפּעטער אַוועקגעפאָרן קיין פּאַריז, פון וואַנען ער איז בעת דער מלחמה, אונטער די נאַצים, דעפּאָרטירט געוואָרן.

דער דריטער משה איז געווען משה נעלקען. משה נעלקען האָט איבערגענומען די קאָנפעראַנסיערקע פון משה קאַסמאַנען.

משה נעלקען איז אויך נישט געווען פון די ריכטיקע קאָנפעראַנסיעס. ער איז געווען אַביסל בויגזאַמער ווי משה קאַסמאַן. אויף דער בינע האָט ער זיך פּרעזענטירט שיין. ער האָט אַלעמאָל אָנטיילגענומען אין מוזיקאַלישע נומערן. ער האָט געהאַט אַ פיינע שטימע. ער איז געווען אַן איבער־געגעבענער חבר אין דעם טעאַטער „אררט".

משה נעלקען איז געבליבן אין לאָדזשער געטאָ צוזאַמען מיט מיר. אין געטאָ איז ער געווען אַ לערער און האָט זיך נישט פאַרנומען מיט טעאַטער.

אין אויגוסט 1944 איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאָדזשער געטאָ.

ווען איך בין געווען אינעם לאַגער וויסטער־גיסדאָרף, איז צו מיר דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז משה נעלקען געפינט זיך נישט ווייט פון אונדזער לאַגער. איך האָב דעמאָלט צוגעגרייט אַ פאָרשטעלונג אין לאַגער. עס זענען דערגאַנגען



ערשטער קאָנפעראַנסיער אין „אררט” משה קאַזאַנאָווער (קאַסמאַן)

צו אונדז קלאַנגען, אַז נישט ווייט פון אונדזער לאַגער געפינען זיך מיטגלידער פון מיין סטודיע, וואָס איך האָב מיט זיי געהאַט געשפילט טעאַטער אין לאָדזשער געטאָ. האָב איך שוין מער נישט גערוט. כ׳האָב זיך געווענדט צום הויפט־שרייבער פון לאַגער, אַ געוויסער „שוואַרצער מאַקס״ (אַזוי האָט מען אים גערופן). און דער דאָזיקער מאַקס האָט טאַקע געהאַט דעם כח צו ברענגען עטלעכע מיטגלידער פון מיין סטודיע פון יענעם לאַגער צו אונדז. אָבער משה נעלקען איז אין יענעם לאַגער נישט געווען. האָט מען אים פאַר־שטייט זיך, נישט געקאָנט ברענגען. אָבער די, וואָס מען האָט יאָ געבראַכט פון יענעם לאַגער, כדי זיי זאָלן שפילן מיט אונדז, האָט מען געמוזט צוריקפירן אין זייער לאַגער גלייך נאָך דער פאָרשטעלונג.

איך האָב זיך געבעטן ביי זיי, זיי זאָלן שוין בלייבן מיט אונדז אין לאַגער, אָבער זיי האָבן נישט געקענט בלייבן, וואָרום איינער פון זיי האָט געהאַט איבערגעלאָזט אין לאַגער זיין פאָטער און זיי האָבן זיך נישט געוואָלט שיידן פון דעם אַלטן מאַן.

עס איז דעמאָלט ביי אונדז אין לאַגער געווען אַ גרויסע פאָרשטעלונג. דאָס גאַנצע פובליקום, אין געשטרייפטע קליידער, איז געזעסן אויף דער ערד, און בעת די פאָרשטע־לונג האָט אָנגעהאַלטן האָט יעדער איינער פון דעם עולם געקאָנט אַביסל פאַרגעסן אין די צרות און אין דעם טויט, וואָס האָט געלויערט אויף איטלעכן פון אונדז.

און מיר די אַקטיאָרן, זענען געשטאַנען אויף דער בינע, וואָס איז געווען געמאַכט פון פעסער און פון ברעטער. מיר האָבן געזונגען און געטאַנצט. און געענדיקט האָבן מיר יענע לאַגער־פאָרשטעלונג מיט דעם זינגען פון דער „התקוה״.

און דער עולם האָט מיטגעזונגען מיט די לעצטע כחות.

דער פערטער משה איז געווען: משה פולאַווער.

הענעך קאָן —

קאָמפּאָזיטאָר און קאָנפֿעראַנסיע

הענעך קאָן איז נישט קיין פּנים חדשות אין דער יידישער מוזיקאַלישער וועלט. ער האָט אַ צוגאַנג צו ערנסטער און צו חסידישער און פֿאָלקסטימלעכער מוזיק. זיינע לידער און מאָטיוון זיינען געזונגען איבער דער גאַנצער יידישער וועלט.

הענעך קאָן האָט געענדיקט אַ קאָנסערוואַטאָריע ווי אַ קאָמפּאָזיטאָר אין דייטשלאַנד מיט אַ גאָלדענעם מעדאַל.

ווען הענעך קאָן איז צוריקגעקומען פֿון דייטשלאַנד קיין לאָדזש, האָט ער זיך פֿאַרנומען מיט געבן לעקציעס פֿון געזאַנג. ער האָט דעמאָלט קאָנצענטרירט אַרום זיך אַ גרופּע פֿיינע און יונגע זינגערס און זינגערינס.

ווען דער קליינקונסט־טעאַטער „אַזאַזעל" איז געגרינדעט געוואָרן אין וואַרשע, איז הענעך קאָן דאָרט געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. פֿאַרשטייט זיך, אַז ער איז געוואָרן דער מוזיקאַלישער לייטער פֿון „אַזאַזעל". ער האָט געשאַפֿן וווּנדערלעכע מאָטיוון, וועלכע דער עולם האָט גלייך אויפֿגעכאַפּט און זיי געזונגען אין שטוב און אין גאַס.

ער האָט אויך געשריבן מוזיק פֿאַר די פּיעסן, וואָס די „ווילנער טרופּע" האָט אויפֿגעפֿירט מיט גרויס דערפֿאָלג.

הענעך קאָן איז געווען אַ גוטער פֿריינד פֿון משה בראָדערזאָנען, פֿון דעם מאָלער איציק ברוינער, פֿון יעקב

אַדלערן, דעם אַקטיאָר, און פון מאַרק שוואַרצן. דאָס איז געווען אַ גרופּע שרייבערס, מאָלערס און מוזיקערס, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן זייער נאָענט.

הענעך קאָן איז אויך געווען באַקאַנט ווי אַ גוטער דערציילער. ער האָט אויך געקאָנט איבערגעבן אַ גוטן וויץ. ווען דער „אַזאַזעל" איז געקומען קיין לאָדזש אויף גאַסט־ראָלן, איז גאָדיק איין מאָל פּלוצעם קראַנק געוואָרן. ער איז געווען דער קאָנפעראַנסיע. ס'איז דעמאָלט נישט געווען ווער עס זאָל פירן די קאָנפעראַנסיערקע און מעלדן דעם עולם וועגן די באַזונדערע נומערן.

די טרופּע פון „אַזאַזעל" האָט געוווסט, אַז הענעך קאָן איז אַ פיינער וויצלער און אַז מען לאַכט פון זיינע וויצן. האָט זי באַשלאָסן, אַז אויף יענעם אָוונט, ווען גאָדיק איז פּלוצעם קראַנק געוואָרן, זאָל הענעך קאָן פירן די קאָנפעראַנסיערקע. ווען מען האָט אים דאָס פאָרגעלייגט, האָט הענעך קאָן זיך געפונען אין אַ מאָדנער לאַגע. אָבער נאָך דעם ווי ער האָט אַביסל איבערגעטראַכט דעם ענין, האָט ער מסכים געווען. אָבער ער האָט געשטעלט איין באַדינג: ער וועט עס מאַכן בלויז אין יענעם אָוונט.

ווען ס'איז געקומען דער מאָמענט און הענעך קאָן האָט געדאַרפט אַרויסגיין אויף דער בינע, פאַר דעם פאָרהאַנג, ווו עס שטייט דער קאָנפעראַנסיע, האָט ער מיט אַמאָל דערפילט עפּעס אַזוינס, וואָס ער האָט קיינמאָל פריער אין זיין גאַנץ לעבן נישט געפילט. ס'איז אים באַפאַלן אַ גרויסע מורא ווען ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן עולם. ער האָט איינגאַנצן געציטערט און בשום אופן נישט געקענט אויפמאַכן דאָס מויל. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז די פינצטערניש פון דעם זאַל וויל אים שוין איינשלינגען.

אָבער הענעך קאָן האָט זיך צוזאַמענגענומען. ער האָט אָנגעהויבן זאָגן דעם ערשטן וויץ. אָבער דער עולם האָט

נישט געוואָלט לאַכן. אויך ביי די אַנדערע וויצן איז דער עולם געבליבן אַן איינגעשפּאַרטער און האָט בשום אופן נישט געוואָלט לאַכן. ווען הענעך קאָן איז אַראָפּ פון דער בינע און איז אַריינגעקומען אין דער גאַרדעראָבע, האָט ער אויסגעזען ווי אַ מת.

אין יענעם אָוונט האָט הענעך קאָן זיך געגעבן אַ נדר, אַז מער וועט ער אַזוינס קיין מאָל אין זיין לעבן נישט טאָן.

די מעשה גופא האָט ער נישט געקענט אַראָפּשלינגען און אויך נישט פאַרגעסן. ער האָט אַנטדעקט, אַז עס איז נישט אַזוי לייכט צו שטיין פאַר אַן עולם און זאָגן וויצן, כדי דער עולם זאָל לאַכן. און ביי יעדער געלעגנהייט פלעג הענעך קאָן דערנאָך דערציילן:

„נו, וואָס זאָגט איר נישט צו דעם? עס האָט זיך מיר פאַרגלוסט צו ווערן אַ קאָנפעראַנסיע! איך קען אייך זאָגן, יידן, אַז עס איז נישט אַזוי לייכט, ווי מענטשן מיינען. דאָס שטיין דעמאָלט פאַרן עולם, וואָס האָט נישט געוואָלט לאַכן, איז פאַר מיר געווען אַ פיינע לעקציע, וואָס איך וועל זי לאַנג געדענקען".

אַזוי האָט הענעך קאָן דערציילט זיינע באַקאַנטע, וועלכע זענען נישט געווען אין „אַזאַזעל" אין יענעם אָוונט, ווען ער האָט פאַרטראָטן גאָדיק'ן. און גערעדט האָט ער מיט דעם געשמאַקן לאָדזשער יידיש, וואָס איז אים געווען אַזוי טיף איינגעבאַקן אין דיביינער זיינע.

ווען הענעך קאָן האָט איבערגענומען די מוזיקאַלישע לייטונג פון דעם „אַזאַזעל", האָט ער באַלד דערזען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ גרופּע טאַלאַנטירטע מענטשן, מיט וועמען ער וועט קענען אַרבעטן. ס'איז אים געפעלן געוואָרן זייער צוגאַנג צו דער קליינקונסט פון דעם „אַזאַזעל" טעאַטער.

האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין זיין מוזיקאַלישער אַרבעט. ער האָט דערפילט, אַז ער האָט

דאָרטן מיט וועמען צו אַרבעטן. ער האָט גלייך פאַראויס־געזען אַ גרויסן דערפאָלג פאַר דעם קליינקונסט־טעאַטער „אַזאַזעל". דעמאָלט זענען דאָרטן געווען אַזעלכע טאַלאַנטן ווי אָלאַ לילית, וולאַדעק גאָדיק, און אַ צאָל אַנדערע.

אָלאַ לילית איז געווען באמת אַ גרויסער טאַלאַנט. ווען זי איז אַרויס אויף דער בינע מיט אַ סאָלאָ, איז דער עולם געוואָרן זייער באַגייסטערט. זי און איר געזאַנג זענען געווען פריש און ניי, אַזוינס וואָס מען האָט פריער נישט געהאַט געהערט. און דאָס זעלביקע איז געווען ווען וולאַדעק גאָדיק איז אַרויסגעקומען ווי דער קאָנפעראַנסיע (מאַסטער אָוו סערעמאָניס, ווי מען רופט עס אין אַמעריקע). ער האָט תמיד געמאַכט אויפן עולם אַ גוואַלדיקן איינדרוק. ער האָט אויך געהאַט אַ מאָנאָלאָג, וואָס איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג.

מיט דער צייט זענען וולאַדעק גאָדיק און אָלאַ לילית געוואָרן אַ פאַרהייראַט פּאָרל און דאָס איז נישט געווען גוט פאַר דעם „אַזאַזעל". עס האָבן זיך גלייך אָנגעהויבן פאַרשיידענע הינטערקוליסן־אינטריגעס. וולאַדעק גאָדיק האָט גע־האַלטן, אַז נאָר ער מיט זיין ווייב, אָלאַ לילית, זענען די איינציקע שטערן פון דעם „אַזאַזעל". דער סוף איז געווען, אַז מיט אַ צייט שפּעטער זענען זיי ביידע טאַקע אַרויסגע־טראָטן פון יענעם קליינקונסט־טעאַטער.

הענעך קאָנען האָט זייער שווער געטראָפן דאָס אַרויס־טרעטן פון אָלאַ לילית׳ן און וולאַדעק גאָדיק׳ן פון דעם „אַזאַזעל". ער האָט געפרווט צו טאָן אַלץ, וואָס איז נאָר געווען אין זיינע כוחות, אַז די דאָזיקע צוויי אַרטיסטן זאָלן בלייבן אין דעם „אַזאַזעל". ער האָט גערעדט מיט גאָדיק׳ן און איט געבעטן צו פאַרשטיין, אַז ער, גאָדיק, דאַרף אַזוי נישט האַנדלען, אַז מיט זיין פאַרלאָזן דעם „אַזאַזעל" וועט ער צעברעכן אַלץ, אויף וואָס מען האָט דאָך אַזויפיל אַרבעט

אַריינגעלייגט, כדי עס זאָל ווערן אַ דערפאָלג און אַז עס וועט זיין נישט גוט נישט בלויז פאַר דעם טעאַטער, נאָר אויך נישט פאַר זיי גופא, פאַר לילית׳ן און גאָדיק׳ן. אָבער וולאַדעק גאָדיק האָט געהאַט איין ענטפער:

— מיר וועלן נישט בלייבן!.

וולאַדעק גאָדיק איז געווען אַ מאָדנער מענטש. אין זיין פריוואַטן לעבן האָט ער גערעדט נאָר פויליש, אַפילו אין דעם יידישן אַרטיסטן־פאַראיין האָט מען פון אים נישט געקענט הערן קיין איינציק יידיש וואָרט. ער איז קיין מאָל נישט געזעסן ביי אַ טיש צוזאַמען מיט אַנדערע אַקטיאָרן. ער האָט כסדר אַרומשפּאַצירט איבער דעם זאַל אַהין און צוריק. פון דער נאַטור איז ער געווען אַ זייער נערוועזער מענטש.

דאָס אַרויסטרעטן פון לילית׳ן און גאָדיק׳ן פון דעם „אַזאַזעל״ איז טאַקע געווען אַ גרויסער קלאַפּ פאַרן דאָזיקן קליינקונסט־טעאַטער. גאָדיק און לילית האָבן גענומען אַרומפאָרן איבער פּוילן אויף קאָנצערטן. ווו נאָר זיי זענען געקומען, זענען זייערע קאָנצערטן געווען אויספאַרקויפט, און זיי האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג. איצט איז גאָדיק געווען איבערצייגט, אַז ער און לילית האָבן גוט געטאָן מיט דעם, וואָס זיי האָבן פאַרלאָזט דעם „אַזאַזעל״. אָבער מיט זייער אַוועקגיין האָבן זיי טאַקע גורם געווען דעם אָנהויב פון סוף פון יענעם קליינקונסט־טעאַטער.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט יוסף סטרוגאַטש איבער־גענומען די דירעקציע פון דעם „אַזאַזעל״. ער האָט צוגעצויגן אַ צאָל אַנדערע אַקטיאָרן און האָט צוזאַמענגעשטעלט אַ פּראָגראַם אָן אַלאַ לילית׳ן און אָן וולאַדעק גאָדיק׳ן. דערנאָך איז יוסף סטרוגאַטש, מיט זיין נייער טרופּע, אַרויס־געפאָרן אויף אַ טורנעי איבער פּוילן.

יוסף סטרוגאַטשעס נייער פּראָגראַם איז באַשטאַנען

פון נומערן פון דעם „ארט״־טעאַטער און פון דעם „אַזאַזעל״, ווי: „יידן שמידן״, „דער וואַסער־טרעגער״, „פריילין מייטעל״, און אַ צאָל אַנדערע. די פרעמיערע איז פאָרגעקומען אין לעמבערג. אָבער דאָס נייע פראָגראַם איז נישט געווען קיין גרויסער דערפאָלג.

האָט יוסף סטרוגאַטש באַשלאָסן אַרומצופאָרן מיט זיין טעאַטער איבער די קלענערע שטעטלעך אַרום לעמבערג. די שטערן פון דעם נייעם „אַזאַזעל״ זענען געווען: יוסף סטרוגאַטש, מאַלווינא ראַפּעל, און י. סוזאַנאָוויץ. די אַנדערע שוישפילערס זענען געווען: א. פּאָטאַשינסקי, פרוי פוקס, און אַ צאָל אַנדערע. און הגם יוסף סטרוגאַטשעס דירעקציע האָט גורם געווען גרויסע מאַטעריעלע פאַרלוסטן, האָט ער אָבער נישט געוואָלט זיך אָפּזאָגן פון דעם כבוד צו זיין דער דירעקטאָר.

נאָך דעם ווי די „אַזאַזעל״־טרופּע איז געהאַט אַרומגע־פאָרן אַ געוויסע צייט איבער די שטעטלעך אין פוילן, איז זי געקומען קיין לאָדזש אויף אַ פּאָר געציילטע פאָרשטעלונגען.

לאָדזשער „הזמיר"

די „הזמיר"־געזעלשאַפט אין לאָדזש האָט פאַרנומען אַ בכבודיק אָרט אין יידישן קולטורעלן לעבן. דער „הזמיר" האָט געפירט אַ פאַרצווייגטע אַרבעט: קאָנצערטן, אויפטריטן מיט סאָליסטן; ער האָט געהאַט אַן אייגענעם אָרקעסטער און אַ דראַמאַטישן קרייז, וואָס איז אויפגעטראָטן מיט פאָרשטעלונגען.

דער דיריגענט פון „הזמיר" איז געווען דער אומדער־מידלעכער א. פייווישעס, וועלכער האָט אָנגעפירט מיטן כאָר און אויך מיטן אָרקעסטער. די סאָליסטן זענען געווען מיטגלידער אין „הזמיר": י. קראַפּיעניק, סאָפּראַן; א. קאָרן, לירישער טענאָר; ע. יאָסקאָוויטש, באַס. עס איז אויך אויפגעטראָטן ביי פאַרשידענע יום־טובים דער באַרימ־טער חזן משה קוסעוויצקי.

דער דראַמאַטישער קרייז פון „הזמיר" האָט אויפגע־פירט פּיעסן פון שלום עליכם, י. ל. פּרץ און מענדעלע מוכר ספרים. דער רעזשיסאָר איז געווען י. מאָסקאָוויץ, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט אין לאָדזש מיט אויפטרעטן אין „הזמיר". י. מאָסקאָוויץ איז אויך געווען איינער פון די רעזשיסאָרן וואָס האָט מיטגעאַרבעט אין דער לאָדזשער טעאַטער־סטודיע איידער „ארט" איז געגרינדעט געוואָרן. י. מאָסקאָוויץ איז געווען איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן. ער האָט זייער ליב געהאַט צו רעזשיסירן. ער האָט רעזשי־סירט „מסעות בנימין השלישי" פון מענדעלע מוכר ספרים,

וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג און איז געשפּילט גע־וואָרן אַ לאַנגע צייט. פישמאַן, וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער פּיעסע „מסעות בנימין השלישי", איז געווען זייער באַפריינדעט מיט מיר און איך האָב געוואָלט אים אַריינציען אין „אררט"־טעאַטער. איך האָב געוווּסט, אַז פישמאַן איז זייער געווונטשן פאַרן טעאַטער, אָבער פישמאַן האָט דעמאָלט געקוקט מיט אַנדערע אויגן אויף טעאַטער, און ער האָט מיר געזאָגט: „וואָס וועט שוין זיין, אַז כ'וועל ווערן אַן אַקטיאָר? פּרנסה וועל איך סיי ווי סיי נישט האָבן. כ'וויל נישט אַוועקגיין פון מיין אַרבעט".

פישמאַן איז געקומען צו יעדער פּרעמיערע אין „אררט". נאָך יעדער פּרעמיערע האָט ער געהאַט וואָס צו רעדן. פאַר־שטייט זיך, אַז ער האָט שטענדיק קריטיקירט, און מיין ענטפער איז געווען אַז מיט דער צייט וועלן מיר די פעלערן אויסבעסערן. „פאַרגעס נישט, פלעג איך אים זאָגן, אַז מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן, און מיר וועלן געפינען דעם ריכטיקן וועג". אָבער פון זיין קריטיק האָב איך שטענדיק אַרויס־געפילט, אַז ער פילט זיך עפּעס שולדיק וואָס ער איז נישט אַריינגעטראָטן אין דעם „אררט".

מיר האָבן געמאַכט נייע פּראָגראַמען, און יעדער פּראָגראַם האָט געהאַט גרויס דערפאָלג. דער עולם איז געקומען מאַסנווייז. צווישן זיי איז אויך געווען פישמאַן, וואָס איז געוואָרן באַגייסטערט, פּונקט ווי דער גאַנצער עולם. פישמאַן וואָלט זיכער געווען אַ געווינס פאַר „אררט". ער האָט אָבער שלום געמאַכט מיטן גורל צו בלייבן אין אַ דראַמאַטישן קרייז. ער האָט ליב געהאַט טעאַטער און ס'איז געווען אַ געוויסע טרייסט פאַר אים וואָס ער האָט געהאַט די מעגלעכקייט אויפצוטרעטן אין פאַרשידענע פּיעסן, וווּ ער האָט זיך געקענט אַביסל אויסלעבן.

דער צווייטער פּיקער מיטגליד איז געווען י. יאַגאָ.

ער האָט ליב געהאַט צו שפּילן נאָר ראָלן פון אינטריגאַנטן. דאָס איז געווען זיינס אַ שוואַכקייט, אפשר דערפאַר וואָס אין לעבן איז ער געווען אַ שטיקל ציניקער. אין אַלגעמיין איז יאַגאָ געווען אַ פיינער בחור. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטגליד אין דראַמאַטישן קרייז אין „הזמיר".

וו. גרינבערג איז געווען דער דריטער פון די גאָר פעיקע אין דראַמאַטישן קרייז. ער איז געווען הויך און געהאַט אַ גוטע פיגור. ער האָט פאַרמאָגט אַ קלינגענדיקע שטימע און אַ וואונדערבאַרע דיקציע. אַז מען האָט מיט גרינבערגן גערעדט וועגן דראַמאַטישע קרייזן, איז זיין „הזמיר" געווען דער בעסטער. אַנדערע דראַמאַטישע קרייזן האָבן פאַר אים נישט עקזיסטירט. מען האָט מיט אים גלייך נישט געקענט רעדן נאָר אַמפערן זיך. אָבער דעם אמת געזאָגט, איז ער געווען זייער אַ באַגאַבטער.

דער „הזמיר" האָט רעקרוטירט אַרום זיך אַ בעסערן עולם, וואָס איז געקומען צו די קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען מאַסנווייז.

אַ גאָר גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט דער קאָנצערט פון דער „ניינטער סימפאָניע". דער עולם האָט געשטורעמט דעם זאַל. דאָס איז געווען איינער פון די גרעסטע דערפאָלגן וואָס די „הזמיר"־געזעלשאַפט האָט געהאַט. דער לאָדזשער עולם האָט דאָס לאַנג געדענקט.

דוד בייגעלמאַן —

דער קאָמפּאָזיטאָר פון „אררט"

דוד בייגעלמאַן איז געווען אַ קינד פון יידישן טעאַטער. זיינע עלטערן זענען געקומען פון אַ קליין שטעטל, אָס־טראָווצע, ראַדאָמער גובערניע. קומענדיק קיין לאָדזש, האָבן זיי אָנגעהויבן צו שפּילן אין גרויסן יידישן טעאַטער. ס'איז ביי זיי געווען אַ שטוב פון מוזיקערס. דוד איז געווען דער פּעיקסטער. שפּילנדיק אין יידישן טעאַטער, האָט זיך דוד אַרויסגעוויזן אַלס קאָמפּאָזיטאָר, און אַ צייט שפּעטער איז ער געוואָרן דער דיריגענט אין גרויסן יידישן טעאַטער, אויף קאָנסטאַנטינער גאַס נומער 20.

דוד איז געווען דער עלטסטער פון דער משפחה. זיין ברודער, אברהם, איז געוואָרן אַ פיינער פּיאַניסט. נאָך צוויי ברידער: שלמה אַ פידלער, און העניעק אויך אַ פידלער: מיט איין וואָרט — אַ שטוב מיט מוזיקערס.

איך בין געווען אַן אָפטער אַריינגייער צו דער משפחה בייגעלמאַן. אַלס ייִנגל פלעגן זיי מיך אָפט מיטנעמען אין טעאַטער אַריין. דאָס איז געווען מיין ערשטער קאָנטאַקט מיט יידישע אַקטיאָרן און מוזיקערס.

דוד איז נישט בלויז געווען דער דיריגענט פון יידישן טעאַטער; ער האָט אויך געשריבן מוזיק צו פאַרשידענע פּיעסן. מען האָט זייער געהאַלטן פון אים אַלס קאָמפּאָזי־טאָר. ער איז געווען זייער פאָלקסטימלעך אין זיינע ניגונים.

דוד האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט דער באַקאַנטער כאַראַקטער־שפּילערין ל. פאָדערמאַן. זיי האָבן געהאַט אַ זון פיניעק, וועלכער איז אויך געוואָרן אַ מוזיקער — אַ סאַקסאָפאָניסט.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ביי דער אַנטשטייאונג פון „אררט", איז דוד בייגעלמאַן געוואָרן דער קאָמפּאָזיטאָר פון דעם טעאַטער. מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט.

דוד בייגעלמאַן האָט זיך אַריינגעפּאַסט אין דער פאָלקסטימלעכער מוזיק. אַ סך פון זיינע מעלאָדיעס זענען געוואָרן שלאַגערס, ווי : „דער יידישער וואַלד־גזלן", „וואַסער טרעגער", „פריילין מייטל", „באַלוט־באַלעט", „מנחם־מענדל", „ציגיינער", „יידן־שמידן", „אַ מויד אַ צימער", א. א.

דער לאָדזשער עולם האָט געזונגען די ניגונים ביי דער אַרבעט, אין די געשעפטן און אויפן מאַרק.

דוד בייגעלמאַן האָט געשאַפן אין די הונדערטער מעלאָדיעס, וואָס ווערן געזונגען איבער דער גאַנצער וועלט. זיין יינגערער ברודער, אברהם, דער פּיאַניסט, האָט אויך געשריבן מוזיק פאַר געוויסע נומערן אין „אררט". שלמה בייגעלמאַן איז געווען דער שעף פון אָרקעסטער אין „אררט".

דער גורל האָט געוואָלט, אַז דוד בייגעלמאַן, מיט זיין פרוי און קינד, און זיין ברודער שלמה מיט זיין פרוי, זאָלן בלייבן אין לאָדזשער געטאָ, וואָס איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן אין 1940.

אַ צייט שפּעטער, האָט זיך געגרינדעט אַ סימפאָנישער אָרקעסטער, ווו די לייטערס זענען געווען דער באַקאַנטער דיריגענט, פּראָפעסאָר רידער און דוד בייגעלמאַן.

פּראָפעסאָר רידער האָט דיריגירט די סימפאָנישע

קאָנצערטן, און דוד בייגעלמאַן האָט דיריגירט יידישע פאָלקסטימלעכע ניגונים.

אין דער זעלבער צייט האָב איך געגרינדעט אַ גרויסע סטודיאָ, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דאָס לאָדזשער געטאָ־טעאַטער, און ווו דוד בייגעלמאַן האָט מיטגעאַרבעט אַלס מוזיקאַלישער לייטער. די סטודיאָ איז געוואָרן אַ קולטור־צענטער פון מוזיק, געזאַנג און טעאַטער.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען די דייטשע מערדערס האָבן געוואָלט מען זאָל שפּילן טעאַטער, און עס זאָלן פאָרקומען קאָנצערטן. אין יאָר 1943 האָבן די דייטשן פאַרווערט אַלע אונטערנעמונגען, און אַלץ האָט זיך געשלאָסן.

אין אויגוסט 1944 האָט מען אָנגעהויבן ליקווידירן דאָס לאָדזשער געטאָ.

דוד בייגעלמאַנס פרוי, ל. פאָדערמאַן, איז געשטאָרבן פלוצעם פאַר דער אויסזידלונג. דוד מיט אַ טייל פון זיין משפחה זענען געווען צווישן די אַרויסגעשיקטע פון געטאָ נאָך אוישוויץ.

ווען דוד בייגעלמאַן איז שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, האָט זיך די געסטאַפּאָ דערוווּסט, אַז בייגעלמאַן איז געווען אַ מוזיקער, און זיי האָבן געדאַרפט אַזאַ מענטש, וואָס זאָל קענען אָנפירן מיט אַן אָרקעסטער. לײדער איז שוין דוד בייגעלמאַן נישט געווען.

אין אַ געוויסן טאָג האָט מען אַרומגערינגלט אַלע בלאָקן אין אוישוויץ, און מען האָט גענומען אַרויסנעמען די מענטשן. צווישן די אַרויסגעפירטע איז אויך געווען שלמה בייגעלמאַן. דער לייטער פון „אררט"־אָרקעסטער. כ'האָב זיך זייער דערפרייט מיט אים, און אים געזאָגט: „גיי נישט אַוועק, בלייב מיט מיר".

די נאַכט איז געווען זייער אַ פינצטערע, און מיר האָבן זיך פאַרלוירן. מיר האָבן נישט געוווּסט וווּהין מען

פירט אונדז. אַ מאָדנער געפיל האָט יעדן איינעם אַרומגענומען. עפּעס קומט פאָר, אפשר וועלן מיר שוין נישט זיין, שפּעטער, צווישן די לעבעדיקע. מען האָט אונדז געפירט באַוואַכט מיט ביקסן, ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַן אָרט ווו עס זענען געשטאַנען וואַגאָנען. דעמאָלט האָבן מיר אַלע לייכט אָפּגעאָטעמט, געפילט, אַז מען גייט אונדז נאָך נישט פאַרניכטן.

פון דער משפחה בייגעלמאַן איז געבליבן דוד בייגעלמאַנס זון, וואָס ווינט אין קאַליפאָרניע, און דוד'ס ברודער הענעך, וועלכער ווינט אין ניו־יאָרק.

דאָס איז דער סך הכל פון דער משפחה בייגעלמאַן.

אַבערזשאַנעק דער הומאָריסט

יעקב אַבערזשאַנעק איז געווען אַ פיינער שרייבער און הומאָריסט. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין דעם לאָדזשער „פאָלקסבלאַט" און אַ גוטער פריינד פון משה בראָדערזאָנען. אַבערזשאַנעק האָט אָנגעפירט מיט דעם הומאָריסטישן טייל אין לאָדזשער „פאָלקסבלאַט". איטלעכן פרייטיק האָט ער געהאַט קאָמישע סצענקעס, ווי אַזוי ווייבער רעדן צווישן זיך, ווי זיי קויפן אויף שבת, און דאָס גלייכן. פאַרשטייט זיך, אַז זיינע ווייבער האָבן זיך אויך דערציילט איינע די אַנדערע אַ היבש ביסל פליאָטקעס און רכילותלעך.

אַ גרויסן דערפאָלג האָט געהאַט אַבערזשאַנעקס פעליעטאָן „פיניעלע מזיק", וואָס האָט זיך געדרוקט יעדן פרייטיק אין „פאָלקסבלאַט". „פיניעלע מזיק", פון דעם שמאָלן געסל, אויפן לאָדזשער באַלוט, איז געווען די פאַרקערפערונג פון אַ ייִנגל, וואָס איז געווען גאַנצע טעג אויף דער גאַס, געטשעפעט מיט יעדן איינעם און יעדן איינעם אַריינגעזאָגט. ער האָט נישט קיין מורא געהאַט פאַר קיינעם. ביזן היינטיקן טאָג גרויסט מען זיך מיטן נאָמען „פיניעלע מזיק". אַז מען טרעפט היינט אַ לאָדזשער, וועלכער האָט אַמאָל געוווינט אויף דעם שמאָלן געסל, אין באַלוט, וועט ער זיך פאַר אייך גלייך פאָרשטעלן:

— איך בין פיניעלע מזיק, פון דעם שמאָלן געסל.

אַזוי פאָפּולער איז געווען אַבערזשאַנעקס פעליעטאָן.

דאָס שמאָלע געסל איז טאַקע געווען אַ קליין געסל, מיט קליינע הייזלעך, אָנגעפּאַקט מיט טייערע יידישע קינדערלעך. אַ סך יידישע וועבערס האָבן געוווינט אין דעם שמאָלן געסל. אַז איר האָט זיך דערנענטערט צום דאָזיקן געסל, האָט איר גלייך געקענט דערהערן דאָס ריטמישע קלאַפּן פון די האַנט־וועבשטולן.

אַבערזשאַנעק האָט זייער ליב געהאַט דאָס שמאָלע געסל. ער איז אָפט געווען אַ גאַסט אינעם דאָזיקן געסל. דאָרט האָט ער טאַקע געשעפּט די מאַטעריאַלן פאַר זיינע הומאָריסטישע סצענקעס. ער האָט גערעדט מיט די קינדער אין יענעם געסל, מיט די ווייבער, און מיט יעדן איינעם, וואָס ער האָט דאָרט באַגעגנט. אין זיינע קאָמישע דיאַלאָגן האָט מען גלייך דערקענט דאָס לשון פון דעם שמאָלן געסל.

א. אַבערזשאַנעק אַליין איז געווען אַ קאָמיש מענטשעלע, אין זיין גאַנג און אין זיין אָנטאָן. ער איז נישט געווען צו הויך. ער איז געווען אַ ביסל שטייפלעך אין זיינע באַוועגונגען און זשעסטן. דאָס קאַפּעליושל זיינס האָט ער געטראָגן אין אַ זייט, „נאַ באַקיער”, ווי מ'פלעגט זאָגן אויף פּויליש, און פון זיינע גרויסע אויגן האָט שטענדיק עפּעס אַרויסגעלאַכט.

אין יאָר 1927 איז געגרינדעט געוואָרן דאָס קליינקונסט־טעאַטערל „אררט”. א. אַבערזשאַנעק איז באַלד צוגעשטאַנען צו אונדז און האָט צוגעגרייט פאַרשידענע מאַטעריאַלן פאַר דעם „אררט”. זיין רעווי „די אַלטע שטאָט”, למשל, איז געווען אָנגעפּיקעוועט מיט סאַטירע אויפן חשבון פון די לאָדזשער געזעלשאַפטלעכע טוערס און פּאָליטישע עסקנים. ער האָט זיי אַלעמען גענומען אויפן צימבל, און יעדן איינעם דערלאַנגט זיין חלק, וואָס איז אים געקומען. די רעווי „די אַלטע שטאָט” האָט געמאַכט אַ רושם אין לאָדזש.

נאָך דעם פּאָפּולערן פעליעטאָן „פּיניעלע מזיק״, וואָס האָט געהאַט דערפאָלג אין לאָדזשער „פּאָלקסבלאַט״, איז צוגעקומען די דערפאָלגרייכע רעווי „די אַלע שטאָט״ אין דעם „אררט״. און אַבערזשאַנעקס פּאָפּולאַריטעט איז גע־וואַקסן פון טאָג צו טאָג. האָט ער טאַקע געהאַט אַ סך נחת פון דעם. ער איז אָפט אַרונטערגעקומען הינטער די קוליסן און געהאַלטן אין איין שמייכלען מיט צופרידנקייט. ער איז ממש פאַרכאַפּט געוואָרן פון די יונגע ענטוזיאַסטן אין „אררט״. זיינע אויגן האָבן געשיינט פון פרייד.

מיט דער צייט האָט זיך דער „אררט״ אויסגעברייי־טערט, און עס זענען צוגעקומען אַזעלכע שרייבערס־הומאָ־ריסטן, ווי: י. ש. גאָלדשטיין, מ. נודעלמאַן, דער טונקעלער (יוסף טונקל), וועלכע האָבן אָנגעהויבן צוצושיקן מאַטעריאַל פאַרן דאָזיקן טעאַטער. פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע מאַטע־ריאַלן זענען געווען גוט פאַר דעם „אררט״.

ממילא, איז מיט דער צייט אויסגעקומען, אַז אַבער־זשאַנעק איז געווען ווייניקער פאַרטראָטן מיט זיין מאַטעריאַל אין די פּראָגראַמען פון „אררט״. דאָס איז אים נישט געווען צום האַרצן. האָט מען אַבערזשאַנעקן טאַקע ווייניקער באַנוגנט אין אונדזער טעאַטער.

די מאַטעריאַלן, וואָס מיר האָבן באַקומען פון די אַנדערע שרייבערס, אויב זיי זענען נאָר געווען פּאַסיק האָבן מיר זיי מיט דער צייט אויפגעפירט. אַזוי אַרום זענען געווען פאַרטראָטן עטלעכע שרייבערס אין יעדן פּראָגראַם. די דאָזיקע פאַרשיידנאַרטיקייט אין איטלעכן פּראָגראַם איז געווען דער סוד פון דעם גרויסן דערפאָלג פון „אררט״.

א. אַבערזשאַנעק האָט זיך געפילט געטראָפן, ווען מען האָט פון זיינס אַ מאָנאָלאָג, אָדער פון עפּעס אַ סצענקע זיינער, אַרויסגענומען געוויסע וויצן, וואָס מיר האָבן גע־האַלטן, אַז זיי זענען נישט פּאַסיק פאַרן טעאַטער, און

מיר האָבן אויף דעם פּלאַץ פון די אַרויסגענומענע וויצן אַריינגעשטעלט אַנדערע, וואָס מיר האָבן באַטראַכט פאַר מער פּאַסיקע. אַבערזשאַנעק האָט נישט געקענט שלום מאַכן מיט דעם געדאַנק, אַז נישט אַלע וויצן זיינע, וואָס זענען גוט פאַר די לייענערס פון זיין הומאָר אין לאָדזשער „פאָלקסבלאַט", קענען זיין פּאַסיק פאַרן טעאַטער־עולם פון „אררט". ער האָט נישט געקענט זען דעם אונטערשייד צווישן אַן אָפּגעדרוקטן וויץ און אַ וויץ, וואָס מען רעדט אים אַראָפּ פון דער בינע.

אָבער נישט געקוקט אויף זיינע אַלע פּאַרדרוסן צוליב דעם, איז א. אַבערזשאַנעק געבליבן אַן איבערגעגעבענער פריינד פון „אררט", און האָט תמיד געהאַט אַ גוט וואָרט צו זאָגן וועגן אונדזער קליינקונסט־טעאַטער.

אַ גנבה אין קליינקונסט־טעאַטער „אררט"

„אררט" האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אין לאָדזש אין דעם ווייסן זאַל, זאַכאָדניע 43. דער בעל הבית פון דער געביידע איז געווען אַ דייטש. ער האָט אונדז פאַרדונגען דעם זאַל מיט אַ באַדינג, אַז ווען ער וועט האָבן אַ באַל אָדער אַ טאַנץ־אָוונט, וועלן מיר נישט קענען שפּילן. פאַר־שטייט זיך, אַז ווען עס איז אויסגעקומען אַ שבת אָדער אַ זונטיק, האָבן מיר נישט געשפּילט. ס'איז געווען אַ גרויסע אַרבעט אַרויסצונעמען דעם גאַנצן דיל פון זאַל.

די „אררט"־פאָרשטעלונגען זענען געווען די סענסאַציע פון טאָג אין לאָדזש. די באַזוכערס זענען געקומען פון אַלע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, אַריינגערעכנט די גנבהשע וועלט. זיי האָבן געקויפט די בעסטע בילעטן, האָבן זיך געפילט זייער היימיש. די חברה האָבן קיין פּרעמיערע קיינמאָל נישט פאַרפעלט.

איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז נאָך אַ פּרעמיערע, ווען דער עולם האָט זיך געפּאַקט ביי דער גאַרדעראָבע אָפּצונע־מען די מלבושים, האָט איינע אַ פרוי שוין מער נישט געפונען איר קאַראַקול־מאַנטל אין דער גאַרדעראָבע. די פרוי האָט זיך געווענדט צו דער קאַסע פון „אררט"־טעאַטער און געטענהט אַז מען האָט ביי איר צוגעגנבעט דעם מאַנטל. אין דער קאַסע איז דעמאָלט געווען דער נישט־באַצאָלטער דירעקטאָר פון „אררט", ד"ר מאַנדעלבוים, אַ ברודער פון שיינע־מרים בראָדערזאָן. ד"ר מאַנדעלבוים האָט באַרואיקט

די פרוי און איר צוגעזאָגט, אַז אויב איר מאַנטל וועט זיך נישט אָפּגעפינען, וועט דער „אררט" באַצאָלן פאַר אים.

מען האָט אָנגעהויבן צו אַלאַרמירן פאַרשידענע מענטשן. אַ טאָג שפּעטער איז געקומען אַ מאַן צו משה בראָדערזאָנען און אים געזאָגט, אַז דער הויפּט פון די גנבים וויל זיך מיט אים זען אויף אַ באַשטימט אָרט. משה בראָדערזאָן האָט געענטפערט, אַז ער וועט קומען.

ווען דער מאַן איז אַוועק, האָט מען בראָדערזאָנען נישט געקענט דערקענען. דער גאַנצער ענין איז אים נישט געווען צום האַרצן. אָבער ער איז געגאַנגען, ווייל דער „אררט" האָט נישט געהאַט קיין געלט צו באַצאָלן פאַרן מאַנטל.

ווען בראָדערזאָן איז אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט, האָט מען שוין אויף אים געוואַרט. מען האָט אים אויפגענומען מיט גרויס דרך ארץ. דער הויפּט האָט גלייך גענומען דרשענען: „פּאַניע בראָדערזאָן! איר זאָלט וויסן, אַז אונדזערע יאַטן האָבן דאָס נישט געמאַכט. דאָס האָבן זיכער געמאַכט אָנפאַנגערס, וואָס זענען נישט לאַנג אין דעם פאַך. פּאַניע בראָדערזאָן, מיר וועלן טאָן אַלץ צו געפינען דעם מאַנטל. מיר שווערן ביי אונדזער פרייהייט, פּאַניע בראָדערזאָן, אַז מיר וועלן אַלץ טאָן, אַז דער מאַנטל זאָל געפונען ווערן".

משה בראָדערזאָן איז געזעסן מיט אַ ציטערדיק האַרץ. די חברה האָבן זיך געזעגנט און צוגעזאָגט, אַז אין אַ טאָג אָדער צוויי וועט מען דאָס פּעקל אָפּשיקן צו אים אַהיים.

ווען ער איז צוריקגעקומען אַהיים, איז משה בראָדערזאָן נישט געווען צו דערקענען.

דער פירער פון דער חברה האָט גלייך אַרויסגעשיקט שטאַפעטן איבער דער גאַנצער שטאָט און מען האָט געזוכט און גענישטערט אין אַלע ווינקלעך ביז מען האָט דעם מאַנטל

געפונען. צומאָרגנס איז שוין דער מאַנטל געווען ביי בראָ־דערזאָנען אין הויז און די פרוי האָט אים צוריקגעקראָגן.

זינט דאַן האָט מער קיינמאָל נישט פּאַסירט קיין גנבה אין „אררט". טאַקע ביי דער „זיצונג" האָבן זיי פאַר־זיכערט בראָדערזאָנען, אַז מער וועט מען אין „אררט" נישט גנבענען. און אַזוי איז געווען. ווען נישט משה בראָדערזאָן, וואָלט זיכער גאָרנישט געוואָרן, ווייל זיי האָבן געוואָלט נאָר מיט אים רעדן.

משה בראָדערזאָן האָט זיך אַ לאַנגע צייט נישט געקענט באַרואיקן פון דעם טרעפן זיך מיט דער חברה. דאָס האָט אויף אים אַזוי געווירקט, אַז ווען ער האָט באַגעגנט, האָט ער דאָס ערשטע געזאָגט: „נו, וואָס זאָגט איר צו מיינע צרות, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט די לעצטע טעג?".

משה בראָדערזאָן האָט געהאַט אַ סך דאגות אויפן קאָפּ, זייענדיק אין „אררט". אָבער אַלץ וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיטן „אררט"־טעאַטער איז פאַר אים נישט געווען צו שווער.

משה בראָדערזאָן

נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געהערשט אין רוסלאַנד אַ גרויסער כאַאָס. ס'האָבן זיך דעמאָלט געפונען יידישע שרייבערס, וועלכע זענען געוואָרן אומרואיק און האָבן דערפילט, אַז זיי דאַרפן זיך פון דאָרט אַרויסרייסן וואָס פריער.

איינער פון זיי איז געווען דער דיכטער משה בראָדערזאָן. ער איז געווען אַ הויכער און אַ שלאַנקער, אַ שיינער בחור מיט פעך־שוואַרצע האָר. פון דעם באָלשעוויסטישן רוסלאַנד איז ער דאַן געקומען קיין לאָדזש. אַ געוויסע צייט שפעטער האָט זיך אין לאָדזש געשאַפן אַ פיינע גרופע יונגע דיכטערס, וועלכע האָט זיך גערופן „יונג־אידיש", און פאַרשטייט זיך, אַז משה בראָדערזאָן איז גלייך געוואָרן איינער פון זיי.

געקומען איז משה בראָדערזאָן פון מאָסקווע. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פעלץ און אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ הויכן קאַראַקורלענעם הוט. ער האָט מיט זיין הילוך זיך געוואָרפן יעדן איינעם אין די אויגן. און איט־לעכער האָט זיך געפרעגט : „ווער איז ער דאָס, דער מיטן פעלץ און קאַראַקולענעם הוט ?".

אָבער מיט דער צייט האָט זיך משה בראָדערזאָן איינ־געבירגעט אין לאָדזש. עס האָט נישט לאַנג גענומען און ער איז געוואָרן באַקאַנט ביי די ברייטע יידישע מאַסן, און שפעטער אַפילו אויך באַרימט. ער פלעגט קומען אויף פאַרשידענע ליטעראַרישע אָוונטן, און אַז מען האָט זיך

מיט אים נענטער באַקענט, האָט מען אין אים אַנטדעקט אַ סימפּאַטישן מענטש. מען האָט אים אָפטער פאַרבעטן אויף אַלערליי אונטערנעמונגען, ווו ער האָט געלייענט זיינע

משה בראָדערזאָן

לידער, וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביים עולם צוהערערס.

מיט אַ צייט שפּעטער האָט משה בראָדערזאָן אָנגע־הויבן צו אַרבעטן אין דעם „לאָדזשער פאָלקסבלאַט". אין יענער צייט האָט זיך אין לאָדזש געשאַפן אַ גרופּע יידישע דיכטערס, מוזיקערס, קונסטמאָלערס. משה בראָדערזאָן

האָט אויך געהערט צו דער דאָזיקער קינסטלערישער גרופּע. די מיטגלידער פון דער קינסטלערישער גרופּע זענען זיך אָפט צוזאַמענגעקומען און משה בראָדערזאָן איז געוואָרן זייער נאָענטער פריינד.

און טאַקע אין לאָדזש האָט משה בראָדערזאָן זיך דאַן באַקענט מיט שיינע־מרימען, וועלכע איז אין יענע יאָרן געווען אַ לערערין פון טאַנץ אין אַ שולע אין לאָדזש. זי איז באמת געווען אַ שיינהייט פון אַ מיידל. די ליבע האָט זיך צעפלאַקערט ווי אַ פלאַם־פייער צווישן די דאָזיקע צוויי שיינע יונגע מענטשן. זיי האָבן חתונה געהאַט, און האָבן געוווינט אויף דער זאַוואַדזקע גאַס נומער 49.

זייער שטוב איז באַלד געוואָרן אַ צענטער פון קינסט־לערס. תמיד, ווען דער באַרימטער מאָלער מאַנע קאַץ פלעגט קומען קיין לאָדזש, פלעגט ער זיך זען מיט משה בראָדערזאָנען. דאָס זעלביקע איז אויך געווען דער פאַל מיט אַנדערע קינסטלערס.

איציק ברוינער, דער באַרימטער מאָלער, איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביי משה בראָדערזאָנען. אויך הענעך קאָן, דער קאָמפּאָזיטאָר, איז געווען אַ פריינד פון משה בראָדערזאָנען און פלעגט אָפט צו אים אַריינקומען.ביידע האָבן אויך מיטגעאַרבעט אין „אַזאַזעל" ווען ער איז שפּעטער געגרינדעט געוואָרן און שפּעטער אין דעם „אררט". ס'האָט געהערשט אַן אמתע האַרמאָניע צווישן דעם קאָמפּאָזיטאָר און דעם דיכטער אין יענער צוזאַמענאַרבעט. ביידע זענען כמעט תמיד געווען צוזאַמען.

אין יענער צייט איז געקומען קיין לאָדזש דער קינסטלער און מעטאַל־פּלאַסטיקער מאַרק שוואַרץ. פאַר־שטייט זיך, אַז משה בראָדערזאָן האָט אים באַלד פאַרבעטן צו זיך אַהיים און שפּעטער אויך צו קומען אין טעאַטער אַריין. נאָך דער פאָרשטעלונג איז מאַרק שוואַרץ אַריין צו

אונדז הינטער די קוליסן, אין דער גאַרדעראָבע. ער איז געווען באַגייסטערט פון דער גאַנצער כאַליאַסטרע אונדזערער.

איך האָב דעמאָלט אָנגעפירט מיט דער רעזשי. מאַרק שוואַרץ האָט זיך באַלד גענומען אינטערעסירן מיט מיר. ער האָט מיך אויך פאַרבעטן צו זיך אַהיים, און מיר דאָרטן געגעבן געוויסע אָנווייזונגען וועגן בינע־דעקאָראַציעס, פאַר וואָס איך בין אים טאַקע געווען זייער דאַנקבאַר.

מאַרק שוואַרץ האָט געהאַט אַ פרוי פון לאָדזש. זי האָט געשטאַמט פון אַ רייכער, אַסימילירטער יידישער פאַמיליע. ער און זיין פרוי זענען אָפט אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט, ווו ער האָט געהאַט זיינע קונסט־אויסשטעלונגען. זעלטן ווען פלעגט ער איצט קומען קיין לאָדזש. זיין שטענדיק וווינאָרט איז געוואָרן פאַריז.

איין מאָל ווען מאַרק שוואַרץ איז געקומען קיין לאָדזש, האָט ער געבעטן משה בראָעדרזאָנען, ער זאָל אים אַרומפירן איבערן באַלוט און ווייזן אים די דאָרטיקע יידישע אָרעמקייט. ביידע זענען אַוועק אויף די באַלוטער גאַסן.

מאַרק שוואַרצן האָבן דעמאָלט זייער אינטערעסירט די אַלטע יידישע שילדן, וועלכע זענען געהאַנגען איבער די אָרעמע קרעמלעך. פאַר מאַרק שוואַרצן זענען יענע אַלטע שילדן געווען ממש אַן אוצר פון קונסט־טעמעס. מאַרק שוואַרץ איז געווען אַ מייסטער אין אויסקלאַפּן אויף מעטאַלענע בלעכן זיינע וווּנדערבאַרע בילדער. זיינע קינסט־לערישע שאַפונגען הענגען אין די גרעסטע מוזעאומס איבער דער גאָרער וועלט.

נאָך דעם ווי ער איז אָפּגעווען אַ קורצע צייט אין לאָדזש און זיך גוט אָנגעזאַפּט מיט יידישער טעמאַטיק פאַר זיינע ווייטערדיקע שאַפונגען, איז מאַרק שוואַרץ צוריקגעפאָרן קיין פאַריז.

אויך איך בין געווען אַן אָפּטער אַריינגייער צו משה בראָדערזאָנען. איך בין געווען דער, וואָס האָט געהאַט אַנטדעקט טאַלאַנטירטע יונגע חברה, וועלכע זענען געווען פעיק צו שפּילן טעאַטער. און מיט איטלעכער אַנטדעקונג מיינער בין איך גלייך אַוועק צו משה בראָדערזאָנען.

איין מאָל, ווען איך בין אַריינגעקומען צו בראָדערזאָנען, האָב איך באַמערקט, אַז ער איז זייער טרויעריק. אויף מיין פראַגע וואָס עס איז געשען, האָט מיר משה בראָדערזאָן געענטפערט:

— כ'האָב נאָר וואָס באַקומען זייער שלעכטע נייעס, חבר פולאַווער. איך וועל אייך גלייך איבערלייענען אַ בריוו פון מיינעם אַ גוטן חבר.

און בראָדערזאָן האָט אָנגעהויבן צו לייענען דעם טרויעריקן בריוו. דער בריוו איז געווען פון דעם קינסטלער מאַרק שוואַרץ, וועלכער האָט משה בראָדערזאָנען געשריבן מיט גרויס גדולה, אַז ער האָט ענדלעך געפונען דעם ריכטיקן גאָט, און אַז איצט פילט ער זיך אין גאַנצן אַ נייער מענטש...

און משה בראָדערזאָן האָט טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— אַ שאָד... אַ שאָד... אַ גרויסער יידישער קינסטלער איז אַוועק פון אונדז... און ער האָט צוגעגעבן:

— איר פאַרשטייט, חבר פולאַווער, מאַרק שוואַרץ איז אין פּאַריז אינגאַנצן אַוועק פון דער יידישער סביבה. איר קענט זיך פאָרשטעלן די טראַגעדיע, וואָס עס שטעקט אין מאַרק שוואַרצס ווערטער „איך האָב געפונען דעם ריכטיקן גאָט"? לויט מיין מיינונג, איז דאָ שולדיק זיין ווייב. זי איז נאָך אין דער היים געווען שטאַרק אַסימילירט. זי האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן פון יידן.

משה בראָדערזאָן האָט מער פון מאַרק שוואַרצן קיין מאָל נישט געהערט. ער האָט יענעם פאַרלוסט שטאַרק

איבערגעלעבט. פאַר אים איז דאָס דאַן געווען אַ טאָפּלטע אבידה. ער האָט פאַרלוירן אַזאַ נאָענטן און גוטן פריינד, און דאָס יידישע פאָלק האָט פאַרלוירן אַ גרויסן אָריגינעלן קינסטלער...

מאַריאָנעטן - טעאַטער

א. טאַבאַק איז געווען אַ יונגער טאַלאַנטירטער קינסטלער, אַ שילער פון דעם באַרימטן מאָלער איציק ברוינער. איך בין געווען באַפריינדעט מיט א. טאַבאַקן. מיר האָבן זיך געטראָפן אין קאַפע „אַסטאָריאַ״, אין לאָדזש, דער טרעף־פּונקט פון שרייבערס, מאָלערס און אַקטיאָרן. מען איז געזעסן ביי טישלעך, געטרונקען טיי, און געפירט דיסקוסיעס.

זיצנדיק ביי אַ טישל פלעגט טאַבאַק אָנהויבן צו צייכענען קאַריקאַטורן פון פאַרשידענע פערזענלעכקייטן אויף פאַפּירענע סערוועטקעס.

איין מאָל האָב איך, זיצנדיק מיט אים צוזאַמען ביי אַ טישל, אַ זאָג געטאָן צו טאַבאַקן :

— אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן צו מאַכן אַ מאַריאָנעטן־טעאַטער.

דער פּלאַן איז טאַבאַקן געפעלן געוואָרן. מען האָט גערופן אַ זיצונג פון אַ גרופּע, און אַלעמען איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן, אויף אַזוי ווייט, אַז יעדער איינער האָט זיך באַשטייערט. מיר האָבן אָנגעהויבן איינקויפן מאַטעריאַלן, און טאַבאַק האָט זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. טאַבאַק האָט דעמאָלט געאַרבעט ביי דעם מאָלער ברוינער, און דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן מאַכן די ליאַלקעס. אָנצוטאָן די ליאַלקעס איז נישט געווען קיין פּראָבלעם.

די ליאַלקעס זענען געווען פּאָליטישע פיגורן, ווי: וו.

זשאַבאָטינסקי, ד״ר הערצל, ד״ר חיים ווייצמאַן, טשעמ־בערלעין, היטלער, מוסאָליני און אַנדערע. די טעקסטן זענען געווען געשריבן פון משה בראָדערזאָן.

ס׳האָט געדויערט אַ ביסל צייט. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַן אָרט, וווּ מען קען אָנהויבן שפּילן.

מיר האָבן געוווּסט, אַז דער דירעקטאָר צעלמייסטער האָט אַ קאַפע אויף פּיעטריקאָווער גאַס, וואָס געפינט זיך אין אַ גאָרטן. האָבן מיר זיך גלייך געווענדט צו אים. ער האָט אונדז אויסגעהערט און אויפגעקלערט, אַז ער קען דאָס נישט מאַכן.

— ווען דאָס וואָלט געווען אין פּויליש, וואָלט איך עס אָקצעפּטירט — האָט ער געזאָגט — ליידער קען איך דאָס נישט מאַכן, ווייל עס איז אין יידיש. ניינציק פּראָצענט פון מיינע געסט זענען נישט־יידן.

פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נישט גערוט, נישט געקענט געפינען אַ צווייט אָרט, וווּ אָנצוהויבן; האָט מען באַשלאָסן אָפּצוואַרטן; מיר האָבן איינגעפּאַקט די ליאַלקעס אין צוויי גרויסע וואַליזעס און זיי אַוועקגעשטעלט אין מיין שטוב. דער גאַנצער מאַריאָנעטן־טעאַטער איז געבליבן אין דער לופטן. דערווייל האָב איך געשפּילט מיטן „אררט״ ביז צום אויסברוך פון קריג. ווען איך בין אַהיימגעקומען פון קראָקע, זענען שוין געווען אַלע סימנים פון מלחמה.

אַריינקומענדיק אין שטוב, זענען מיינע ערשטע בליקן געפאַלן אויף די וואַליזעס מיט די ליאַלקעס. כ׳בין געוואָרן אומרואיק. אַ קליינִיקייט — אַ ליאַלקע פון היטלערן, אַ ליאַלקע פון מוסאָליניך און אַליין האָב איך געשפּילט היטלערן אויף דער בינע.

ס׳זענען שוין געלאָפן בילדער פאַר מיינע אויגן, וואָס מען וועט מאַכן פון מיר. איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן,

וואָס מאַכט מען פון די ליאַלקעס ? דער ענטפער איז בליץ־שנעל געקומען : צעברעכן אויף שטיקלעך און אַוועקוואַרפן ! האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מיר האָבן אַ קליין קעמערל, וואָס איז זייער נידעריק און ס׳איז שווער אַהין אַריינצוגיין. דאָרט איז דאָס ריכטיקע אָרט זיי אַריינצוּוואַרפן. כ׳בין צוגעגאַנגען צו די וואַליזעס און זיי אויפגעמאַכט. דערזען די מאַסקעס פון היטלער, מוסאָליני, בין איך אויפגעציטערט געוואָרן. כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך מוז וואָס אַמשנעלסטן פּטור ווערן פון דעם. אין דער זעלבער נאַכט איז אַלץ פאַרשוווּנדן. צומאָרגנס האָב איך זיך נאָכגעפרעגט, ווו טאַבאַק איז. טאַבאַק איז שוין געווען אין פּוילישן מיליטער.

אין לאַדזשער געטאָ האָט מען מיר איבערגעגעבן, אַז טאַבאַק איז געווען צווישן די זעלנער אין לובלינער געגנט, וואָס די דייטשע מערדערס האָבן נישט געוואָלט נעמען אין געפאַנגענשאַפט ; האָט מען זיי געבראַכט מיט באַנען צו אַן אָרט, ווו מען האָט זיי געהייסן אַראָפּגיין פון די וואַגאָנען און לויפן. די הונדערטער זעלנער האָבן אָנגעהויבן לויפן אונטער אַ האָגל פון מאַשין־ביקסן ; און צווישן די געפאַלענע איז אויך געווען דער יונגער, טאַלאַנטירטער קינסטלער א. טאַבאַק.

דער ישיבה־בחור אין „אררט״-טעאַטער

פריד איז געווען דער זון פון דעם באַלוטער רב. ער איז נישט געווען צו הויך. אַן אויסגעדאַרטער טיפּישער ישיבה־בחור. די ברילן, וואָס ער האָט געטראָגן, האָבן נישט געקענט געפינען דאָס ריכטיקע אָרט אויף זיין נאָז. פריד האָט בלויז אויסגעזען ווי אַ ישיבה־בחור, און געווען איז ער גאָר, גאָר פון די גרויסע אַפּיקורסים.

פריד האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שפּילן טעאַטער. איז ער טאַקע אַרומגעפאָרן איבער די שטעטלעך פון פּוילן און געשפּילט טעאַטער. דורך אַ צופאַל האָב איך זיך מיט אים באַקענט. ער האָט מיר אָנגעהויבן צו דערציילן, אַז ער האָט גרויס דערפאָלג און אַז ער וואָלט געוואָלט שפּילן אין „אררט״־טעאַטער. איך האָב אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז מיר האָבן נישט קיין אָרט דערווייל אין „אררט״ פאַר אים. פריד האָט אַלץ נישט געוואָלט הערן, וואָס איך זאָג; איך האָב אים געראָטן, אַז ער זאָל זיך זען מיט משה בראָדערזאָנען.

פריד איז נישט געווען פון די פוילע, און אַ טאָג שפּעטער איז ער שוין געווען ביי בראָדערזאָנען. ער האָט זיך אַוועק־געשטעלט אין אַ פּאָזע, ווי דער גרעסטער אַקטיאָר, און אָנגעהויבן צו רעציטירן, זינגען, טאַנצן. בראָדערזאָן האָט שוין געזען מיט וועמען ער האָט צו טאָן, האָט ער אים געזאָגט:

— זייט אַזוי גוט, פריד, גיט מיר אייער אַדרעס, און איך וועל אייך לאָזן וויסן.

פריד איז נישט מיד געוואָרן; ער איז אָפּט געקומען צו מיר אַהיים, און ממש מיך פּאַרמאַטערט מיטן פרעגן, ווען ער וועט שוין שפּילן אין „ארדט״.

ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן קאָמיקער. ער פלעג אונטערשטרייכן, אַז ער קען בעסער מאַכן די אַלע ראָלן, וואָס שמואליק גאָלדשטיין קען מאַכן; און רעדנדיק אַזוי, זאָגט ער צו מיר איין מאָל:

— ח׳ פּולאַווער, איך וויל אייך דערציילן אַ סוד, וואָס האָב איך שוין אין מיין לעבן מיטגעמאַכט. אַזוי ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך שוין געגאַנגען אין אַ „גרינעם״ דאַנערשטיק מיט אַ גרויסן צלם צווישן דער מאַסע.

דעם „גרינעם דאַנערשטיק״ האָבן די פּאָליאַקן זיך געצויגן אין דער פּראָצעסיע מיט צלמים איבער די לאָדזשער הויפּט־גאַסן שעהן־לאַנג.

איך בין געוואָרן אויפגעציטערט און גלייך געפרעגט:

— פריד, וואָס האָט איר געוואָלט באַצוועקן מיט דעם גיין אין פאַראַד צווישן גוים?

ווי אומבאַהאָלפן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, האָט פריד אָנגעהויבן:

— דאָס איז געווען די צייט, וואָס איך בין אַרויס פון דער ישיבה, און אַנטלאָפן פון דער היים. כ׳האָב אַליין נישט געוווּסט, ווער איך בין, און וואָס איך טו. כ׳בין נישט געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. ס׳האָט געדויערט אַ געוויסע צייט, ביז כ׳האָב זיך אַרומגעזען, ווו איך בין.

פרידס פּנים האָט זיך געענדערט, און ער האָט אָפּגעזיפצט ווי ס׳וואָלט אים לייכטער געוואָרן. ער איז געוואָרן

אַן אַנדערער מענטש, און אָנגעהויבן דערציילן פאַרשידענע מעשיות פון דער ישיבה, ווו ער האָט געלערנט...

פון צייט צו צייט איז פריד אַרויסגעפּאָרן אויף דער פּראָ־ווינץ און געגעבן קאָנצערטן. ער האָט מיטגעפירט מיט זיך זיין ביכעלע אין וועלכן ס׳זענען געווען פאַרנאָטירט אַלע וויצן, לידעלעך פון „אררט״, וואָס ער האָט נאָכדערציילט און נאָכגעזונגען.

ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ „סטאַר״; אַ קליינינקייט, אויפטרעטן איינער אַליין און מאַכן אַ פּראָגראַם. ער איז נישט געווען דער איינציקער; אַנדערע אַמאַטאָרן האָבן דאָס אויך געמאַכט. „אררט״ איז פאַר אַמאַטאָרן געווען אַ קוואַל פון מאַטעריאַלן. עס זענען געקומען אַמאַטאָרן פון ווי ווייט, וואָס האָבן געזען די פאָרשטעלונגען און אַהיים געקומען מיט מאַטעריאַלן וואָס האָבן נישט גע־קאָסט קיין געלט.

פרידן האָט איר געקענט זען ביי יעדער „אררט״־פּרע־מיערע זיצן אין זאַל און מאַכן פאַרשידענע באַוועגונגען מיט זיינע לאַנגע אויסגעדאַרטע הענט.

אַזאַ איז ער געווען דער ישיבה־בחור, וואָס האָט נאָר געוואָלט שפּילן טעאַטער, און נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון „אררט״.

אַ געוויסע צייט האָט מען אים נישט געזען און אַלע האָבן געטראַכט: אפשר וועט ער שוין נישט קומען. אָבער אין אַ שיינעם טאָג, האָט ער זיך ווידער באַוויזן, און ווידער אָנגעוואָרפן אויף אַלע אַ שרעק.

אַ צייט שפּעטער איז פאָרגעקומען אַ קאָנפליקט אין „אררט״: אַ ריי מיטגלידער זענען אַרויסגעטראָטן פון טעאַטער. מ׳האָט געשיקט נאָך פרידן און אַנדערע מיטגלידער, וואָס האָבן אויך געוואָלט אַריין אין „אררט״. אָבער לאַנג האָט זיך פריד נישט געפרייט; די אַרויס־

געטראָטענע מיטגלידער זענען ווידער אַריין אין „אררט״, און פרידס חלום, וואָס ער האָט אַזוי לאַנג נאָך אים גע־בענקט, איז אויסגערונען.

„ארט" אין ווילנע

אין יאָר 1930 איז פאָרגעקומען אַ סכסוך אין „ארט" טעאַטער, און ס'זענען אַרויסגעטראָטן פון אים אַ גרופּע אַקטיאָרן: ישראל שומאַכער, יעקב ריינגלאַס, שמואל גאָלד־שטיין, מינאַ בערן, משה פּולאַווער, משה נעלקען, מאַניע פּעטערמאַן און לאה זילבערמאַן.

די גרופּע האָט אָנגעהויבן זוכן וועגן, ווי אַזוי צו שפּילן טעאַטער. אין דער זעלבער צייט האָט זיך צו אונדז געווענדט דער באַקאַנטער, לאַנג־יאָריקער דירעקטאָר פון לאָדזשער סקאַלאַ־טעאַטער, א. קופּערמאַן, און פאָרגעלייגט, אַז ער וויל מיט אונדז מאַכן אַ טור.

די ערשטע שטאָט, וואָס ער האָט אויסגעקליבן, איז געווען ווילנע. מיר האָבן אַלע געוווּסט, אַז ס'וועט זיין פאַר אונדז אַ גרויס געשעעניש דורכצומאַכן דעם עקזאַמען פון דער ווילנער קריטיק און דעם ווילנער עולם.

מיר האָבן אַקצעפּטירט דעם פאָרשלאַג פון דירעקטאָר א. קופּערמאַן צו פאָרן אויף דעם טור.

א. קופּערמאַן האָט זיך מיט ברען גענומען צו דער אַרבעט: צוגרייטן דעקאָראַציעס, קאָסטיומען, ליכט־עפעקטן; און ווען אַלץ איז פאַרטיק געוואָרן, האָט מען גענומען איינפּאַקן די זאַכן און מ'איז געפאָרן קיין ווילנע.

ווילנע האָט אויף אונדז געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט דעם זאַפטיקן יידיש, מיט די יידישע גימנאַזיעס, די גרויסע שילדן מיט די יידישע אותיות, וואָל האָבן מיט

שטאָלץ אַראָפּגעקוקט צו אונדז. אַלץ האָט אויף אונדז געמאַכט אַ רושם, ווייל אין אַנדערע שטעט פון פּוילן איז נישט געווען אַזאַ צאַפּלדיק יידיש קולטור־לעבן ווי אין ווילנע.

ווילנע איז געווען אַ קולטור־צענטער, ווו יעדער קינסטלער האָט געדאַרפט דורכמאַכן דעם עקזאַמען...

ווען מען איז געקומען צו פאָרן פון ווילנע, מיט דער־פאָלג, האָט מען געפילט, אַז מען האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. אין ווילנע האָט זיך פאַר אונדז אָנגעהויבן אַ שווערע צייט.

דער פאַראיין פון יידישע אַקטיאָרן האָט אונדז נישט דערלויבט צו שפּילן טעאַטער אין ווילנע. מיר זענען נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין מיטגלידער פון אַקטיאָרן־פאַראיין. אונדז האָט דער פאַראיין געשטערט ביים קלעפּן אַפישן און ביי אַנדערע טעכנישע בינע־אַרבעטן; אַזוי אַרום האָבן מיר אַלץ געמוזט אַליין מאַכן.

ס׳איז געוואָרן אַ געזעלשאַפטלעכער סקאַנדאַל. פאַר־שטייט זיך, אַז די געזעלשאַפט איז געווען אויף אונדזער זייט. נאָך אַ פאַרביסענעם קאַמף מיטן יידישן אַקטיאָרן־פאַראיין זענען מיר אַרויס די זיגערס.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער ערשטער פּרעמיערע. מיר האָבן אַלע געפיבערט. מיר האָבן געוווּסט, אַז ווילנע איז אַ שטאָט, וואָס קען קריטיקירן.

ס׳זענען געוואָרן איינגעלאַדן קולטור־טוערס, שרייבערס און פירערס פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס. די פּרעמיערע איז אַדורך מיטן גרעסטן דערפאָלג.

דער ערשטער פּראָגראַם: „יידן־שמידן" האָט אַזוי אויסגענומען, אַז גאַנץ ווילנע איז געגאַנגען אויף רעדלעך. די „וואַסער־טרעגער", אויסגעפירט פון פּולאַווער און גאָלדשטיין, זענען געווען פון די שלאַגער־נומערן. גאַנץ

ווילנע האָט גערעדט מיט ענטוזיאַזם וועגן די פּרעכטיקע פאָלקסטימלעכע נומערן, ספּעציעל וועגן די „וואַסער־טרעגער״.

יעדע נאַכט נאָך דער פאָרשטעלונג זענען מיר געווען פאַרבעטן צו באַזוכן יידישע גימנאַזיעס, יידישע פאָלקסשולן, אָרגאַניזאַציעס, ווו מיר האָבן זייער גוט פאַרבראַכט.

מיר זענען, אַגב, געווען פאַרבעטן צו מוסיע דייכעס עלטערן. מוסיע דייכעס איז געווען אַ וווּנדערקינד־טענצערין. זיי האָבן פאַר אונדז געמאַכט אַ שיינע אויפנאַמע. נאָך דער אויפנאַמע זענען מיר אַריין אין אַ גרויסן צימער, ווו עס איז געשטאַנען אַ פּיאַנע. ראָמאַן ראָזענטאַל האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי דער פּיאַנע און גענומען שפּילן. מוסיע דייכעס האָט אָנגעהויבן צו אימפּראָוויזירן טאַנץ־באַוועגונגען.

מען איז אַריין אין אַזאַ שטימונג, אַז מיר האָבן אָנגעהויבן מיטטאַנצן. דאָס וווּנדערקינד, מוסיע דייכעס, איז שפּעטער אויפגעטראָטן מיט קאָנצערטן איבער גאַנץ פּוילן מיט גרויס דערפאָלג.

מיר האָבן געשטעלט צוויי פּרעמיערעס אין ווילנע: „יידן־שמידן״, און „שמחות ביי יידן״. דאָס איז געווען אַן אויסוואַל פון די בעסטע נומערן פאָלקסטימלעכע, קאָמעראַלע סקיצן און מאָנאָלאָגן. ביידע פּראָגראַמען האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג.

פון ווילנע זענען מיר אַרומגעפאָרן איבער די שטעטלעך. דער עולם האָט אונדז אויפגענומען מיט באַגייסטערונג. דער „ארטס״־טעאַטער איז עפּעס געווען ניי, די פּראָגראַמען האָבן געהאַט חן, סאַטירע.

נאָכן עקזאַמען, וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין ווילנע, ביי די קריטיקערס און ביים ווילנער עולם, האָבן מיר געפילט, אַז מיר זענען אַקטיאָרן.

ווילנע, ירושלים ד׳ליטא, איז געווען איינע פון די אינטערעסאַנטסטע קאַפּיטלען אין אונדזער לעבן אין „אררט״.

אַסטאָריאַ, ברודיקער שמואל און זייערע שטאַמגעסט

קאַפע אַסטאָריאַ האָט זיך געפונען אויף פּיעטערקאָווער גאַס, ראָג צעגעלניאַנע, עס איז געווען אַ טרעפפונקט פון אַקטיאָרן, שרייבערס, מאָלערס, מוזיקערס און געזעלשאַפט־לעכע טוערס. אַז מען האָט וועמען געוואָלט טרעפן נאָך אַ פאָרשטעלונג, נאָך אַ קאָנצערט, אָדער נאָך אַ פאָרלעזונג האָט מען געמוזט קומען אין אַסטאָריאַ. דאָס איז אויך געווען אַ טרעפפונקט, ביי טאָג, פאַר סוחרים. אין די אונטן זענען אַלע טישלעך געווען באַזעצט פון שרייבערס, מאָלערס, פּאַרטיי־מענטשן. אין די שפּעטי שעהן פלעגן קומען אַקטיאָרן און דעמאָלסט פלעגט ווערן פריילעך אויפן האַרצן.

איר האָט דאָרט געקענט זען ביי איין טישל, ווי מען צייכנט אַ קאַריקאַטור. איר האָט געקענט הערן ביי אַן אַנדער טישל, ווי מען לייענט אַ ליד, וואָס איז נאָך נישט געווען געדרוקט.

די יידישע אינטעליגענץ פלעג זיך טרעפן אין אַסטאָריאַ, וו מען האָט געטרונקען דאָס בעסטע גלעזל טיי, ביי די טישלעך האָט מען געפירט דיסקוסיעס און מ׳האָט זיך געוויצלט און די שטענדיקע געסט, וואָס זענען דאָרט געזעסן ביז אין די שפּעטע שעהן — זיי האָט מען נישט געקענט אַוועקרייסן. זיי זענען געווען ווי צוגענעגלט. געסט פלעגן אויך קומען פון אויסער לאָדזש, ווייל אין אַסטאָריאַ האָט מען געקענט טרעפן וועמען מ׳האָט נאָר געוואָלט.

משה בראָדערזאָנען, איטשל ברוינערן, הענעך קאָנען האָט איר אָפט געקענט זען אין אַסטאָריאַ. איר האָט געקענט זען ווי ברוינער צייכנט, ווי אַזוי משה בראָדערזאָן טרינקט טיי, אָדער ווי ער לאַכט, רויכערט זיין פּאַפּיראָס און הויבט אָן הוסטן. די אַרומיקע זיצערס האָבן געלאַכט ביז טרערן פון ברוינערס קאַריקאַטורן. די געלעכטערס פלעגן דערגיין ביז צו דער גאַס.

ערשט דאָס בייטן זיך ביי די טישלעך: אַקטיאָרן פלעגן אַריבער צו די שרייבערס און שרייבערס פלעגן אַריבער צו אַקטיאָרן און עס איז געוואָרן פריילעך. און דער טומל פלעגט ווערן גרעסער און גרעסער, ביז דער בעל הבית שאול בערנהיים האָט אָנגעהויבן וואַרפן בליקן צום טישל. אָפטמאָל איז ער צוגעגאַנגען, זיך איינגעהערט, געהויבן די פּלייצעס און איז אַוועק.

שאול בערנהיים האָט נישט געשטאַמט פון די פיינע לייט. אָבער פון דעם אויסזען זיינעם מיט די ברילן האָט מען געקענט מיינען, ווער ווייסט... אַלץ איז געווען זייער גוט. אָבער ווען ער האָט אָנגעהויבן רעדן האָט מען שוין געוווּסט פון וואַנען ער קומט...

נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען האָט אַסטאָריאַ אַריינגעצויגן דעם גרעסטן עולם.

נישט ווייט פון אַסטאָריאַ, אויף זאַוואַדזקע נומער 4, איז געווען אַ רעסטאָראַן, וואָס מ'האָט גערופן דער ברו־דיקער שמואל. דער רעסטאָראַן איז נישט געווען אַזוי ברודיק. אָבער אַזוי האָט מען אים גערופן. דער ברודיקער שמואל אַליין האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט קיינמאָל נישט געשלאָפן. דער רעסטאָראַן איז געווען אָפן ביז דריי־פיר אַ זייגער אין דער נאַכט. שמואלס פרוי, אַ הויכע און שיינע, האָט געהאָלפן איר מאַן און געפירט דאָס גאַנצע געשעפט. זי האָט געקענט אירע געסט, פאַר יעדן געהאַט

אַ גוט וואָרט און פון צייט צו צייט געוואָרפן בליקן צו איר מאַן, ער זאָל זיך שנעלער באַוועגן. מ׳האָט געפילט, אַז ער ציטערט פאַר אירע בליקן.

מען איז געקומען פון ווי ווייט צו כאַפּן אַ פּרעס ביים ברודיקן שמואל.

די פיש, די וועמפּלעך, דער טשאָלנט, דער גאַלער און דאָס פאַרבייסן מיט אַ גרויסער פוכיקער זעמל און מיט טייער געשמאַק ברויט — דאָס אַלץ האָט געהאַט טעם גן־עדן און די וואָס זענען געקומען, האָבן שטענדיק מיט־געבראַכט פריינד און מען האָט געגעסן ביז אין דער נאַכט אַריין.

דער עיקר האָט זיך ביים ברודיקן שמואל רעקרוטירט די באָהעמע־וועלט. אין די שפּעטע שעהן ביי נאַכט האָט איר דאָרט אויך געקענט זען אַקטיאָרן, שרייבערס. מ׳האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט — עסן. און אַזוי ווי דאָס עסן איז אויף אַן אמת געווען זייער אַ געשמאַקס, האָט מען געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט.

— און ווען אַלע זענען אַזוי געווען פאַרטאָן אין עסן, האָט זיך אין דער טיר באַוויזן אַ פיגור מיט אַן אָנגע־בלאָזטן פּנים, מיט פאַרלאָפענע אויגן און מיט אַ שפּיציק בייכל. אַלעמענס בליקן זענען געפאַלן אויף אים. דאָס איז געווען חיים וואָדניק.

חיים וואָדניק איז געווען אַ ייד, אַ תלמיד חכם, אַ גרויסער קענער פון דער יידישער ליטעראַטור, זייער אַ גוטער פריינד פון שלום אַשן. ווען שלום אש איז געקומען קיין לאָדזש האָט איר חיים וואָדניקן נישט געזען. ער האָט שוין פאַרבראַכט מיט שלום אַשן גאַנצע טעג און ווען שלום אַש איז אַוועקגעפאָרן, האָט זיך חיים וואָדניק ווידער באַוויזן, אַן אויפגעשטראַלטער. מ׳האָט געפילט, אַז

עס האָט אויף אים גוט געווירקט דאָס פאַרברענגען מיט זיין פריינד שלום אַש.

ווען איר האָט באַגעגנט חיים וואָדניקן, האָט ער שטענדיק אונטערגעברומט אַ ניגון פון אַ סימפאָניע און זיין פנים האָט געשיינט פון פאַרגעניגן.

חיים וואָדניק האָט געהאַט אַ פרוי מיט אַ זון. די פרוי האָט מען קיינמאָל נישט געזען. אָבער דעם זון האָט מען יאָ געזען. חיים האָט נישט געהאַלטן פון זון. און דער זון האָט נישט געהאַלטן פון טאַטן.

חיים וואָדניק האָט געהאַט אַ סך חסידים, וואָס האָבן געהאַלטן פון אים. ער איז געווען באַקאַנט אַלס דער, וואָס האָט אַראָפּגעפירט אַ סך ישיבה־בחורים פון גלייכן וועג. ער האָט זיי אָפּגעוואַרט ביי דער ישיבה, ווען די בחורים זענען אַרויסגעגאַנגען און אָנגעהויבן מיט זיי דיסקוטירן. ער האָט אַזוי לאַנג מיט זיי גערעדט ביי זיי זענען געוואָרן זיינע חסידים און חיים וואָדניק האָט געהאַט זיי וואָס צו דערציילן.

אַז מען האָט געוואָלט טרעפן חיים וואָדניקן, האָט מען שוין געוווסט, אַז מען קען אים טרעפן ביי ברודיקן שמואל. חיים איז דאָרט געזעסן ביי אַ טישל, אַ פאַרפלאַמטער פון די דיסקוסיעס ביז שפעט אין דער נאַכט אַריין. און ווען מ'האָט געשלאָסן דעם רעסטאָראַן איז חיים נאָך נישט אַהיימגעגאַנגען. ער איז צוגעגאַנגען מיט אַ וויזיט צו די גאַסנמיידלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט ביים ראָג, און האָט מיט זיי גערעדט און זיי געפרעגט ווי אַזוי זיי זענען געקומען צו דעם ברויט.

חיים האָט זיך איינגעהערט און אַוועק אַ טרויעריקער, אונטערברומענדיק אַ שטיקל ניגון און איז פאַרשוווּנדן אין די לאָדזשער גאַסן. דאָס איז געווען איינער פון די אינטע־

רעסטאַנטסטע טיפּן וואָס מ׳האָט באַגעגנט אויף די לאָדזשער גאַסן.

דער צווייטער אינטערעסאַנטער טיפּ איז געווען לייב אַנאַרכיסט. נישט קיין הויכער, אַן אָפּגעצערטער, ער פלעג נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן, אַרומגעגאַנגען איז ער מיט אַ קאָפּ לאַנגע צעשויבערטע האָר. איין אויג איז געווען ביי אים אַביסל פאַרצויגן אין אַ זייט. ס׳איז נישט געווען אַן אַרבעטער־ליד, אָדער אַ פאָלקס־ליד, וואָס לייב האָט נישט געקענט. לייב האָט געזונגען מיט האַרץ און נשמה. אַלע האָבן אים ליב געהאַט, נישט קוקנדיק, וואָס ער איז נישט געווען גוט אָנגעטאָן און נישט געווען ריין. ער האָט געקענט גאַנצע קאַפּיטלען פון אונדזערע קלאַסיקערס אויסנווייניק. ער האָט געהאַט אַ טייערן זכרון.

נישט ווייט פון ברודיקן שמואל, אויף פּאָלודניאָווע 7, איז געווען אַ קליינע קאַוויאַרניע. וואָס האָט זיך גערופן פּאָדשקלאַנקע, וו מען האָט געגעסן מילכיקס: רייז מיט מילך, קאַרטאָפל, קלויסקעלעך מיט מילך און לאַטקעס. דאָס איז געווען דער טרעפפּונקט פון עסן לאַטקעס.

פּאָדשקלאַנקע איז געווען באַקאַנט אין לאָדזש. דאָרט פלעגן זיך טרעפן פּראָגרעסיווע עלעמענטן און באַהעמער־לייט ווי אויך אַ סך פריינד פון חיים וואָדניק. אויך לייב אַנאַרכיסט איז געווען אַן אָפטער גאַסט אין פּאָדשקלאַנקע. ווען ער איז אַריינגעקומען, האָבן אים פריינד גלייך פאַר־בעטן צו אַ טישל. און ס׳האָט זיך גלייך אָנגעהויבן אַ דיס־קוסיע איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען. און אַז מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט די דיסקוסיעס, האָט לייב אָנגעהויבן זינגען זיינע האַרציקע פאָלקס־לידלעך און אַרבעטער־לידער, וואָס האָבן אַלעמען פאַרכאַפּט.

לייב אַנאַרכיסט איז געווען אַ גרויסער אָנהענגער פון „אררט״־טעאַטער. ער האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין

פראָגראַם אין „אררט״. זיצנדיק אין טעאַטער ביי אַ פאָר־שטעלונג, האָט ער זיך אין גאַנצן צעגאָסן פון די ניגונים. נאָך דער פאָרשטעלונג האָט ער געהאַט יעדן איינעם וואָס צו זאָגן.

אין פּאַדשקלאַנקע האָט איר געקענט זען אַ סך שילערס, וואָס האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמלט; לייב האָט זיי געקענט און ער האָט זיך דאָרט געפילט ווי ביי זיך אין שטוב. ער האָט געהאַט קאָנטאַקט מיט די שילערס, ער האָט פאַר זיי גערעדט און געזונגען זיינע האַרציקע לידלעך.

לייב איז אין אַסטאָריאַ נישט געקומען. דאָרט איז געווען צו עלעגאַנט פאַר לייבן. אָפט פלעגט ער קריטיקירן: „ער איז דאָך אַן אַסטאָריאַ־מענטש״, און מיט דעם האָט ער אַלץ דערזאָגט.

ער איז געווען אַ האַרציקער חבר און דאָס האָבן זיינע נאָענטע געוווסט, יעדער איינער האָט געהאַט אַ באַציאונג צו לייבן.

לייב האָט אויך געשריבן לידער און אָפט זיי געלייענט אין פּאַדשקלאַנקע. ער האָט די לידער שטענדיק געטראָגן מיט זיך. קיינער האָט נישט געוווסט ווו ער וווינט, ווו ער לעבט, ווו ער אַרבעט. לייב האָט מער דיסקוטירט ווי געאַרבעט. אָבער יעדער איינער האָט געהאַט אַ סענטימענט פאַר אים.

לייב האָט זיך נישט איבערגענומען דערמיט וואָס ער גייט נישט אַזוי גוט אָנגעטאָן, וואָס ער איז נישט אָפט ראַזירט. ביי אים איז געשטאַנען אויפן ערשטן אָרט דאָס לייענען זיינע לידער, וואָס ער האָט ערשט אָנגעשריבן. אַז ער האָט געטראָפן זיינעם אַ פריינד, האָט ער אים גלייך אָנגעהויבן לייענען זיינס אַ ליד, נישט געפרעגט אפילו צי ער וויל הערן.

לייבן האָבן געקענט קינד און קייט. אַז ער האָט געשמייכלט האָט מען געמיינט, אַז ער איז בייז — אַזוי האָט זיך זיין פּנים פאַרענדערט. אָבער ער איז געווען האַרציק, חבריש און אַלע האָבן אים גערן געהאַט. און ווען ער האָט באַגעגנט ווען ער האָט פון „עררט״, האָט ער גלייך אָנגעהויבן זינגען אַ לידל פון „עררט״.

מ׳האָט אים שטענדיק געזען מיטן פּעקל לידער זיינע אונטערן אָרעם. ער האָט זיך מיט זיי אַרומגעטראָגן און געטראַכט וועגן בעסערן מאָרגן וואָס דאַרף קומען...

צווייטער טייל

לאָדזשער טיפּן און הויף-זינגערס

יידישע הויף־כלי־זמרים אין לאָדזש

זינגער און הויפקלעזמאָרים

אַ קאַפּעליע הויף־כלי־זמרים איז באַשטאַנען פון פיר: ערשטער פידלער, צווייטער פידלער, אַ קלאַרנעט און אַן אויסגעריבענע פּויק, און צוויי אָפּגעבלאַקירטע טאַצן. דאָס איז געווען דער צוזאַמענשטעל פון אַן „אָרקעסטער", וואָס מען האָט געקענט הערן אויף די לאָדזשער הויפן. קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען זיי קומען און ווער זיי זענען. זייער אויסזען און זייערע קליידער זענען געווען פאַרשידנאַרטיק: היטלען מיט גלאַנציקע דאַשיקעס, גרינע קאַפּעליושן, איינצלנע מיט וואָנצעס, אַנדערע אַביסל באַוואַקסן, און אפשר האָבן זיי זיך פאַרשטעלט מען זאָל זיי נישט דערקענען.

ווען אַזאַ קאַפּעליע איז געקומען אויף אַ הויף געבן זייער „קאָנצערט" — האָבן די שפּילערס דאָס ערשטע זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, געקוקט אין די פענצטער צי עס וועט זיך לוינען... אויב דער פירער פון דער קאַפּעליע האָט געזען, אַז דער הויף איז נישט גענוג באַוווינט, האָט מען נישט געשפּילט. אין אַ הויף וואָס איז געווען געדיכט באַוווינט, האָט מען יאָ געשפּילט. דער רעפּערטואַר פון אַזעלכע קאַפּעליעס איז באַשטאַנען פון רוסישע ראָמאַנסן, לידער פון יידישן טעאַטער און פון אַביסל ציגיינער־מוזיק, וואָס דער עולם האָט געלעקט דערפון די פינגער. די אויגן פון די כלי־זמרים זענען געווען געווענדט צו די מענטשן וואָס האָבן אַרויסגעקוקט דורך די פענצטער.

מטבעות איינגעוויקלט אין שטיקלעך פּאַפּיר האָבן אָנגעהויבן פאַלן פון די פענצטער און דער פּויקער פון אָרקעסטער איז געווען דער, וואָס האָט איינגעזאַמלט,

איילנדיק זיך, די מטבעות, אַריינגעלייגט זיי אין קעשענע און געשריען: „דזשענקויע", „דזשענקויע" (אַ דאַנק). ער איז געווען זייער פאַרנומען מיטן אַראָפּנעמען דאָס פּאַפּיר פון די מטבעות וואָס זענען געווען איינגעוויקלט. דאָס שפּילן פון די כלי־זמרים האָט נאָך אַלץ אָפּגעהילכט אי־בערן הויף. און ווען דער פּויקער האָט שוין געהאַט דאָס געלט אין קעשענע, האָט ער געגעבן אַ זייטיקן ווונק. מען האָט אויפגעהערט אין מיטן שפּילן און מען איז אַוועק אויף אַ צווייטן הויף. די קאַפּעליע איז שטענדיק געוואָרן באַגלייט דורך אַ גרופּע מיטגייערס פון הויף צו הויף.

די, זענען נישט געווען פון די געבערס...

דאָס איז געווען אַ פּובליקום וואָס איז געווען זייער וויכטיק פאַר די כלי־זמרים. די מיטגייערס זענען געווען די וואָס האָבן געמאַכט די שטימונג אויף יעדן הויף. עס האָט אויסגעזען, אַז די כלי־זמרים האָבן דערפֿאָלג...

קומענדיק אויף אַ צווייטן הויף, האָט זיך דער ערש־טער פידלער געגעבן אַ שטעל אַוועק אין אַ פּאָזע, אַז מ'האָט געקענט מיינען, ווער ווייסט וואָס. אָבער די ערשטע טענער וואָס האָבן זיך דערהערט, האָבן דעם עולם נישט איבער־ראַשט. דער פּויקער האָט פון צייט צו צייט דערלאַנגט אַזאַ קנאַק אין פּויק, אַז די שפּילערס אַליין האָבן זיך דער־שראָקן, און דער ערשטער פידלער האָט געוואָרפן בייזע בליקן צום פּויקער, וואָס איז אַראָפּ פון די רעלסן...

ס'זענען אויך געווען קאַפּעליעס, וואָס זיי האָט נישט געפּאַסט צו שפּילן אויף די הויפן. זיי האָבן געשפּילט אויף די לאָדזשער שענערע און רייכערע גאַסן. זיי זענען שוין באַשטאַנען מער ווי פון פיר פּערזאָן. די האָט מען גע־רופן די גרויסע פּאַרדינערס. זיי זענען געווען בעסער אָנגע־טאָן ווי די הויף כלי־זמרים. זיי האָבן געטראָגן טונקעלע ברילן, מען זאָל זיי נישט דערקענען. ס'זענען צווישן זיי

געוועו מוזיקערס, נישט כלי־זמרים. אויף דער עלטער האָט מען זיך גענומען צו דער נייער פּרנסה: צו שפּילן אויף די גאַסן, אַנדערע זענען געווען אַנטוישט אין לעבן, האָבן זיי שלום געמאַכט מיטן גורל צו שפּילן איבער די גאַסן.

קאַפּעליעס פון מוזיקערס כלי־זמרים זענען געוואַקסן ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן אין לאָדזש. די אַלטע קאַפּעליעס האָבן זיך אויסגעמישט מיט נייע קאַפּעליעס, איינער איז אַרויס פון איינער און אַריין אין אַ צווייטער קאַפּעליע אַזוי, אַז מען האָט שוין נישט געוווסט ווער עס איז פון די „אַלטע" און ווער פון די „נייע". און ווען די קאַפּעליע האָט אָנגעהויבן צו שפּילן, האָבן די דורכגייערס זיך אָפּ־געשטעלט צו הערן די אויסגעבענקטע מעלאָדיעס, וואָס דאָס האָט זיי באַוויגן אַריינצוואַרפן אַ גרעסערע מטבע.

יעדע קאַפּעליע האָט געהאַט אירע גאַסן, וווּ צו שפּילן. יעדער קאַפּעליע האָט אויך געהאַט איר סאָליסט, וואָס אַלע האָבן אויף אים געקוקט מיט דרך־ארץ. נאָך אַ טאָג שווערער אַרבעט שפּילן און שלעפּן זיך אויסגעמאַטערטע, איבער די לאָדזשער גאַסן, זענען די שפּילערס געקומען אין די שענקען — און דאָרט האָט מען זיך אָפּגערעכנט. יעדער האָט באַקומען זיין חלק. נאָכן אָפּרעכענען זיך, איז אַ טייל אַוועק צו זייערע משפּחות, און די וואָס זענען געבליבן, האָבן געהאַט זייערע געליבטע, וואָס האָבן שוין געוואַרט אויף זיי. מען האָט גענומען אַ כוסה נאָך אַ כוסה...

אויף מאָרגן, האָט איר געקענט טרעפן די זעלבע גאַסן־קאַפּעליעס שלעפּן זיך איבער די לאָדזשער גאַסן און אויך הערן די זעלבע מעלאָדיעס. אָבער דאָס קלינגען פון די לאָדזשער טראַמווייען האָט פון צייט צו צייט געשטערט דאָס שפּילן פון דער קאַפּעליע און שטיקער מעלאָדיעס זענען געבליבן הענגען אין דער לופטן ווי נישט פאַרענדיקטע...

ברוך דער בדחן

ביניש דער ווייסער, אַזוי האָט מען אים גערופן אין באַלוט, האָט געהאַנדלט מיט אַלטע מעלזעק. ער האָט אָפּגעקויפט די דאָזיקע זעק ביי די בעקערס און דער־נאָך זיי פאַרקויפט. דאָס איז געווען זיין פרנסה. אויף דעם גרויסן הויף אין באַלוט האָט ביניש געוווינט מיט זיין משפחה, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף נפשות: ביניש מיט זיין פרוי, יענטל, צוויי זין און אַ טאָכטער, שרה.

שרה איז דעמאָלט שוין געווען איבער אַכצן יאָר אַלט. און די עלטערן אירע האָבן שוין געטראַכט וועגן אַ שידוך פאַר זייער בת־יחידה. אָבער שטילערהייט האָט שרה שוין געפירט אַ ליבע מיט אַ שכנ׳ס אַ זון, מיט יאַנקלען. יאַנקל איז געווען אַ בייגל־בעקער, און ער האָט נישט שלעכט פאַרדינט. יאַנקל און שרה האָבן זיך געטראָפן פון צייט צו צייט אין די פינצטערע קאָרידאָרן פון זייער הויז, אין וועלכן זיי האָבן געוווינט.

אין יענער צייט איז נאָך נישט געווען קיין ליכט אין די קאָרידאָרן. אָבער אויף דעם גרויסן הויף איז נישט געווען פינצטער ביינאַכט ווייל די נאַפט־לאָמפן, וואָס האָבן געלויכטן אין די שטובן, האָבן אויך דורך די פענצטער באַלויכטן דעם הויף.

אין די זומערדיקע טעג זענען די שכנים געזעסן אין דרויסן און האָבן געשמועסט. דאָס בעסטע אָרט צו זיצן און מאָטלען איז געווען ביי דער פּלומפּ, וווּ די שכנים

פלעגן קומען מיט די וויאַדרעס נאָך וואַסער, און עס איז דאָרט דעריבער געווען קיל און באַקוועם צו זיצן.

דאָרטן טאַקע האָט מען אָפט אויך געקענט זען זיצן יאַנקלען מיט שרה'ן. און ביי די שכנים אין הויז האָט מען שוין אָנגעהויבן צו רעדן, אַז יאַנקל און שרה וועלן זיין אַ געפּאַסט פּאָרל. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז גלייך דערגאַנגען צו די עלטערן פון שרה'ן. שרה'ס עלטערן האָבן אויך נישט געקוקט קרום אויף דעם שידוך. און ביילניש האָט זיך אויך אַדורכגערעדט מיט זיין ווייב, מיט יענטלען. אָבער יענטל האָט זיך גלייך צעקאָכט, און זי האָט אָנגעהויבן צו שרייען:

— איז וואָס שטייסטו, ביילניש? מען דאַרף עפּעס טאָן! עפּעס טאָן!

און זיי האָבן טאַקע באַלד אָנגעהויבן עפּעס צו טאָן. זיי האָבן אַריינגערופן צו זיך יאַנקל'ס עלטערן, זיך גוט אַדורכגעשמועסט מיט זיי. און עס איז, מיט מזל, געוואָרן פון דעם שידוך.

האָט מען גלייך דערנאָך געשריבן תנאים, און עס איז אָפּגעשמועסט געוואָרן, אַז די חתונה זאָל זיין זעקס חדשים שפּעטער. יאַנקל מיט שרה'ן האָבן איצטער זיך שוין נישט געדאַרפט צו טרעפן אין די פינצטערע קאָרידאָרן, אָדער לעבן דער פּלומפּ ביינאַכט.. זיי האָבן שוין געקענט גיין צוזאַמען אין קאָלע־גאָרטן, און אפילו אויך אין דעם יוליאַנאָווער פּאַרק. זיי זענען אָפט געקומען איינער צום אַנדערן אין שטוב אַריין. שרה'ס פּנים האָט איצטער געלויכטן פון גליק. יאַנקל האָט תמיד געשמייכלט, און ער האָט געקושט שרה'ן אין די אויגן אַריין מיט אַ ים מיט ליבע...

יענטל, שרה'ס מאַמע, איז געוואָרן זייער פאַרנומען מיט איינקויפן דעם אויסשטייער. און געקויפט האָט יענטל

ליילעכער מיט ציכן און ציכלעך, טישטעכער און האַנטעך־
כער, און די אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס מען דאַרף האָבן פאַר
אַן אויסשטייער. דערנאָך האָט זי דאָס אַלץ אַריינגעלייגט
אין דעם גרויסן קופערט. דער דאָזיקער קופערט איז געווען
אַרומגעצויגן מיט אייזערנע רייפן און ער האָט געהאַט
אַ גרויסן שלאָס.

שרה איז געווען איבערגליקלעך. זי האָט זייער ליב
געהאַט יאַנקלען. יאַנקל איז געווען אַ גוטער פון דער
נאַטור. און ביי יאַנקלען איז שרה געווען דאָס שענסטע
מיידל אין דער וועלט.

ווען בייניש איז, נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט, אַהיימ־
געקומען, איז שוין די וועטשערע געווען צוגעגרייט. בייניש
האָט זיך אַרומגעוואַשן און האָט אָפּגעגעסן. און באַלד
האָט יענטל אָנגעהויבן:

— ווי מיינסטו, בייניש, ביי ווען זאָלן מיר מאַכן
די חתונה? ביי אונדז אין שטוב איז דאָך צו ענג.

בייניש האָט לאַנג נישט געטראַכט, און ער האָט אַ זאָג
געטאָן:

— מיר וועלן בעטן זיסלען, די וועבערקע, זי האָט דאָך
אַ גרויסע שטוב. און זי וועט דאָס זיכער טאָן פאַר אונדז.

עס האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון דער חתונה.
אַלץ אין יענעם באַלוטער הויף איז געגאַנגען אויף רעדלעך,
דער עיקר דאָס גאַנצע קליינוואַרג... און די שכנים האָבן
אַוועקגעשטעלט זייערע נאַפטלאָמפּן נאָענטער צו די פענצ־
טער, אַז עס זאָל זיין מער ליכט אויף דעם הויף.

בייניש האָט באַשטעלט די בעסטע קאַפּעליע פאַר
זיין טאָכטערס חתונה. און געקומען איז טאַקע בעריש
מיט זיין קאַפּעליע, און אויך אַ בדחן, און דאָס נישט
קיין אַנדערער ווי ברוך דער בדחן. און ברוך האָט טאַקע
געשמט ווי דער בעסטער בדחן אין גאַנץ באַלוט.

אין דער נאַכט פון דער חתונה איז טאַקע אַלץ געווען פאַרטיק. די געסט האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו פאַרזאַמלען אין זיסל דער וועבערקעס גרויסער שטוב. און בעריש מיט זיין קאַפּעליע האָט גלייך אָנגעהויבן צו שפּילן דעם פריילעכן אַריינפיר. די געסט האָבן פאַרנומען זייערע פלעצער און זיך געהאַלטן אין איין ווינטשן:

— מיערטשעם ביי דיינע קינדער! מיערטשעם ביי דיין טאָכטער! מיערטשעם ביי דיין זון!

איצט האָט ברוך דער בדחן זיך אויפגעשטעלט. ער איז גיך צוגעגאַנגען צו דער קאַפּעליע, און ער האָט געגעבן אַ רוף אויס:

— געערטע מוזיקערס! דערפילט אייער חוב! שפּילט אויף פאַר חתן־כלה אַ פריילעכן מזל־טוב!

נאָך דעם ווי די קאַפּעליע האָט געהאַט אויסגעפּאָלגט ברוך דעם בדחנס באַפעל, האָט דער בדחן ווידער אַמאָל אָנגעהויבן:

„טייערע כלה, ליבעס קינד,
באַרעכן, באַרעכן, זיך אַצינד.
היינט איז דאָך דער טאָג,
וואָס זי מאַכן אַ שריט
אין אינעס לעבן אַהין,
אָדער, חלילה, צוריק.
כלה'שי, כלה'שי וויין נישט!
ס'איז געקומען דער טאָג!
דיין מזל וועט שיינען.
חתנ'שי זאָלסט נישט פאַרגעסן,
אַז דיין אויסדערוויילטע זאָל
האָבן ביי דיר צו עסן...״

די געסט האָבן שוין געהאַט צוגערייט זייערע נאָז־

טיכלעך... אָבער דאַ האָט בעריש דער קאַפּעליעמייסטער זיך אַוועקגעשטעלט מיט זיין פידעלע און אָנגעהויבן צו שפּילן זיינע דינע, האַרציקע טענער. די געסט האָבן ממש זיך צעגאָסן פון נחת. און ביי די פיר מחותנים האָבן זיך שוין אָנגעהויבן צו באַווייזן די ערשטע חתונה־טרערן. פאַר־שטייט זיך, אַז די געסט האָבן נישט געוואָלט אָפּשטיין. האָבן זיי געטאָן אַלץ, וואָס אין זייערע כוחות, אַז אויך אין זייערע אויגן זאָלן זיך באַווייזן טרערן.

דערנאָך האָט מען געשטעלט די חופּה. דער באַלוטער רב האָט געגעבן חופּה וקידושין. עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מען האָט קוים געקענט דערהערן דעם „הרי את" פון יאַנקלען דעם חתן. ער איז געווען זייער דערשראָקן.

אָבער ווען מען האָט דערהערט דעם בראַזג פון דעם צעבראָכענעם גלאָז, זענען אַלע אַרויס מיט איין קול :

— מזל־טוב ! מזל־טוב ! מזל־טוב !

און ווידער אַמאָל האָט מען זיך אָנגעהויבן צו ווינטשן איינער דעם אַנדערן. און יאַנקלס פּנים האָט שוין איצט באַקומען מער פאַרב. און ער האָט געהאַלטן אין איין קוקן צו זיין באַשערטער און ליכטיקער שרה, וואָס איז שוין געוואָרן, מיט מזל, זיין ווייב.

דער עולם האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי די טישן, און יענטל האָט דערלאַנגט די פיינע מאכלים, וואָס זי האָט געהאַט צוגעגרייט און וואָס זענען זיך צעגאַנגען אין מויל. מען האָט געטרונקען און געגעסן, און געגעסן און גע־טרונקען. נאָכן עסן האָט דער עולם זיך גענומען אַוועקשאַרן פון די טישן, און מען האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן אַ שער. און אָנגעפירט מיט דער שער האָט ברוך דער בדחן, און ער האָט געהאַלטן אין איין שרייען :

— מאַכט דאָס ראָד גרעסער ! גרעסער דאָס ראָד !

און דער עולם האָט געפּאָלגט, און צום סוף האָט מען אויך אַריינגעשלעפּט בייניש דעם מחותן אינעם ראָד אַריין. און ווען בייניש האָט אָנגעהויבן צו טאַנצן, זענען אַלע געסט געוואָרן איבערראַשט. ער האָט געהויבן הענט און פיס און צוגעזונגען: „אַי! אַי! אַי!"

און ברוך דער בדחן האָט נאָך אַלץ געשריגן:

— גרעסער דאָס ראָד! מאַכט גרעסער דאָס ראָד!

דער עולם האָט ווידער אַמאָל געפּאָלגט. און דאָס מאָל האָט מען שוין אויך אַריינגעשלעפּט שרה'ן מיט יאַנקלען. אוןביידע האָבן זיך אַ נעם געטאָן מיט אמתן ברען צום טאַנצן.

די מוזיק האָט נישט אויפגעהערט, און בעריש מיט זיין קאַפּעליע האָבן איצט באַוויזן וואָס זיי קענען. און ווען דאָס טאַנצן האָט דערגרייכט דעם העכסטן עקסטאַז, האָט ברוך דער בדחן זיך אַרויסגעדרייט פון טאַנצן. אַזוי האָט זיך ברוך דער בדחן געפירט ביי יעדער חתונה. ער האָט אַריינגעפירט דעם עולם אין אַזאַ שטימונג, אַז דער עולם איז געוואָרן ווילד טאַנצנדיק...

מיט אַמאָל האָט זיך ווידער דערהערט ברוך דעם בדחן'ס קול:

— דרשה־געשאַנק!

אין איין אויגנבליק האָבן זיך אָנגעהויבן אויפצו־פלעכטן די הענט פון טאַנצן, און דער עולם האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי די טישן.

ברוך האָט אויסגערופן דרשה־געשאַנק פון דער כלה'ס צד, און מען האָט אָנגעהויבן צו דערלאַנגען מעשענע לייכ־טערס, קופּערנע פאַנען, בשמים־ביקסלעך, און פאַרשידענע פעקלעך מיט טישטעכער, ליילעכער, האַנטעכער, ציכן און ציכלעך.

נאָך דעם האָט ברוך דער בדחן אָנגעהויבן אויסצורופן

דרשה־געשאַנק פון דעם חתן׳ס צד און ווידער אַמאָל האָבן די געסט דערלאַנגט פאַרשידענע געשירן פון אַלערליי קאַ־לירן, און פעקלעך פון וועש און געצייג. יעדער איינער פון די געסט האָט געהאַט עפּעס געבראַכט. דאָס גאַנצע דרשה־געשאַנק איז איצט געלעגן אויף דעם טיש. די געסט האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון דעם אַלעם. און ווידער אַמאָל האָבן אַלע זיך געווונטשן איינער דעם אַנדערן, און אַלע צוזאַמען דעם נייעם פּאָרפאָלק:

— אַ סך נחת! מזל־טוב! מזל־טוב!

איצט האָט ברוך דער בדחן געגעבן אַ ווונק צו בערישן מיט זיין קאַפּעליע, און ווידער האָבן זיך דערהערט די פריילעכע קלאַנגען פון טאַנץ־מוזיק, וואָס האָט נישט געלאָזט זיצן ביי די טישן דעם גרויסן עולם. דאָס מאָל האָט בערישעס קאַפּעליע אָנגעהויבן צו שפּילן פּאָלקעס און וואַלצן. און דאָ האָט זיך טאַקע אָנגעהויבן די אמתע פאַרוויילונג. דער עולם האָט געטאַנצט ביז ער האָט אָנגע־הויבן צו פאַלן פון די פיס. טייל פון די געסט האָבן שוין אָנגעהויבן צו גיין אַהיים. און ווידער אַמאָל האָט מען ביים אַהיימגיין זיך געווונטשן איינער דעם אַנדערן:

— מזל־טוב! אַ סך גליק! אַ סך נחת! מיערטשעם ביי דיינע קינדער!

לאַנג האָט מען אין באַלוט גערעדט וועגן יענער חתונה. אַזאַ חתונה אין באַלוט איז טאַקע געווען אַ זעלטנקייט. און דער עולם אין באַלוט איז געווען שטאָלץ מיט יאַנקלס און שרהס חתונה.

דער לאָמזשער ישיבה־בחור

אין די צוואַנציקער יאָרן האָט זיך אויף די לאָדזשער הויפן באַוויזן אַ שלאַנקער אויסגעמאַטערטער בחור אין ברילן, אין אַ סאַקל מיט אַ שוואַרץ קאַפּעליושל, און מיט אַ קליין שטעקעלע אין דער האַנט.

קומענדיק אויף אַ הויף, האָט ער אויסגעטאָן זיין סאַקל און געבליבן שטיין אין מיטן הויף. אַ ווײַלע האָט ער געוואַרט ביז די קינדער האָבן זיך באַרואיקט, און ער האָט ערנסט געקוקט איבער די ברילן. אַז עס איז שטיל געוואָרן אויפן הויף, האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען מיט אַ הייזעריקער שטימע פאַרשידענע לידלעך פון טעאַ־טער, פאָלקסלידער, און נאָך יעדן לידל האָט ער צו־געפּיפן און געמאַכט פאַרשידענע באַוועגונגען מיט די פיס, צוגעקלאַפּט מיטן שטעקעלע. ער האָט זיך שטענדיק צו־גערוקט צו אַ רער דורך וועלכער דאָס וואַסער רינט אַראָפּ פון דאַך, אַזוי אַז זיין קלאַפּן האָט מען בעסער געהערט. נאָכן זינגען און טאַנצן, האָט ער געהאַלטן אַ שטיקל „ספּיטש״. גערעדט האָט ער צו די מיידלעך וואָס קוקן אַרויס פון די פענצטער. און ער האָט אָנגעהויבן: „און איצט, ליבע מיידלעך, קענט איר מיר אַראָפּלאָזן אַ פּאָר לאָקשן דורכן זליוו, און אַז איר ווילט וואַרפט מיר אַראָפּ אַ קאָטלעטל, ווייל איך בין זייער הונגעריק, און אויב עץ ווילט נישט, האָב איך אייך אין דר'ערד״.

אויב ס'איז ווער געשטאַנען אויפן הויף און האָט זיך

צעלאַכט, איז ער צוגעגאַנגען און געקוקט אים גלייך אין די אויגן און געזאָגט: — „וואָס לאַכסטו, בהמה, איך האָב דיך אין דר'ערד. — דאָווידזעניאַ", און געמאַכט מיט דער האַנט צו אַלע וואָס קוקן פון די פענצטער.

דאָס קליינגעלט וואָס איז געלעגן אין פאַרפאַקטע פאַפּירלעך, איז אַזוי לאַנג געלעגן אויף דער ערד, ביז ער האָט פאַרענדיקט זיין „פּראָגראַם". שפּעטער האָט ער צוזאַמענגענומען די אַלע פאַפּירלעך, אַרויסגענומען דאָס געלט און עס באַהאַלטן אין די קעשענעס פון דער מאַרי־נאַרקע. דער פוטער פוןביידע קעשענעס איז געווען אַרויס־געריסן, אַז עס זאָל קענען אַריינגיין אַ סך קליינגעלט, ווייל דער לאָמזשער ישיבה־בחור איז געווען אַ גרויסער „פאַרדינער".

ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין טאָג אַרבעט איבער די לאָדזשער הויפן, האָט מען אים געקענט זען זיצן אין אַ קנייפּע און עסן פון שענסטן און פון בעסטן, און פאַר־טרינקען מיט אַ פּאָר גלעזלעך ביר. עס זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע ווערסיעס וועגן דעם לאָמזשער ישיבה־בחור. מען האָט דערציילט, אַז ער האָט אַ ווייב מיט אַ קינד אין לאָמזשע און אַז ער איז פון זיי אַנטלאָפן.

אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ משוגענעם, אָבער זיין פירונג נאָך דער „אַרבעט", דאָס זיצן אין קנייפּעס און עסן און טרינקען און שפּעטער זיך פיין ווײלן... איז נישט געווען פון אַ משוגענעם. בייטאָג אויף די באַלוטער הויפן, ווען ער האָט געזונגען און געטאַנצט און געהאַלטן „ספּיטשעס", האָט מען געהאַט דעם איינדרוק אַז דאָס איז נישט קיין נאָרמאַלער מענטש. פון צייט צו צייט פלעגט ער פאַרפאַלן ווערן און שפּעטער זיך ווידער באַ־ווייזן אויף די באַלוטער הויפן. אַז ער פלעגט זיך באַווייזן, זענען געווען פיל מענטשן וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען

פון איין הויף אויפן צווייטן, ווייל דער עולם האָט זיך געווײלט פון זיינע משוגענע שטיק. די קינדער זענען אים דערגאַנגען די יאָרן. פלעג ער מיט זיין שטעקן, וואָס האָט אים געהאָלפן מיטשפּילן, דערלאַנגען די קינדער קלעפּ. און דאָס האָט אַרויסגערופן גרויסע סקאַנדאַלן צווישן די עלטערן, אַזוי אַז מען האָט אים פאַריאָגט פון אַ סך הויפן און ער פלעגט זיך מער אין זיי נישט באַווייזן.

האָט מען אים געזען אין אַ צווייטער געגנט פון באַלוט, און ווידער האָט ער געזונגען, געפּיפן און געטאַנצט, און צוגעקלאַפּט מיטן שטעקעלע. און אַז ער האָט דערזען אַ שיין מיידל האָט ער זיך אויסגעדרייט צו איר, געוווּנקען און געטאַנצט מיט מער ברען, און אויך אפילו געשמייכלט, וואָס מען האָט עס זעלטן געזען אויף זיין פּנים.

דער לאָמזשער ישיבה־בחור איז געווען אַזוי באַקאַנט אויף די לאָדזשער גאַסן, אַז מען האָט אים אפילו קאָפּירט און נאָכגעמאַכט אין טעאַטער אַזאַ באַקאַנטע „פיגור" איז ער געווען.

ווען ער פלעג אַריינקומען אין אַ הויף ווו ס'האָט זיך געפונען אַן עולם, האָט ער זיך תמיד אַרומגעקוקט צווישן די מענטשן און געזוכט, אפשר געפינט זיך אַן אַקטיאָר פון טעאַטער, ווייל ער האָט געהערט, אַז מען מאַכט אים נאָך. פלעג ער זיך ווענדן צו איינעם, וואָס ער האָט געהאַט אַ פאַרדאַכט אַז ער איז פון טעאַטער, און אים גלייך געזאָגט: „גייסט מיר שוין ווייטער נאָכמאַכן? היינט וועסטו מיר נישט נאָכמאַכן, אַז דו וועסט נישט אַוועקגיין, וועל איך היינט גאָרנישט מאַכן". און ער האָט געהאַלטן וואָרט. דער עולם האָט זיך הילכיק צע־לאַכט, אָבער דער לאָמזשער ישיבה־בחור האָט געקוקט איבער די ברילן און נישט קיין שמייכל געגעבן, געוואַרט ביז דער מענטש זאָל אַוועקגיין. און אויב האָט זיך דער

מענטש איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט אַוועקגיין, איז דער „קאָנצערט" אויף דעם הויף נישט פאָרגעקומען, און דער עולם האָט זיך געוויילט פון דעם.

דער לאָמזשער ישיבה־בחור האָט דאַן אַ געשריי געטאָן: „וואָס לאַכט איר, בהמות, — איך האָב אייך אַלע אין דרערד", און געכאַפּט דאָס שטעקעלע און האָט אָנגע־הויבן אַרויסלויפן פון הויף, און דער עולם האָט אים באַגלייט מיט אַ הילכיק געלעכטער.

אויף צו מאָרגנס האָט מען ווידער געהערט דעם לאָמ־זשער ישיבה־בחור טאַנצן, זינגען און פייפן אויף די באַלוטער הויפן.

שיע מיטן ליעק

שיע איז נישט געווען קיין גרעַטענער, נישט קיין קלוגער, און נישט אַלץ האָט ער געקענט אַרויסרעדן. אַז שיע האָט אָנגעהויבן ברומען, האָט איר געקענט מיינען אַז אַ חיה שטייט פאַר אייך. געקומען איז ער אויף גאָטס וועלטל ביי אָרעמע מענטשן אין באַלוט, ווו מען איז געשטאָרבן צען מאָל אין טאָג פאַר הונגער. און דאָ איז געבוירן געוואָרן אַ גולמ׳ל. מ׳האָט באַלד דערקענט אַז דאָס קינד איז נישט מיט אַלעמען. ווערט נאָך געבוירן ביי אָרעמע מענטשן אַ קינד מיט לייטן גלייך, הויבט מען אָן צו האָפן, אַז עס וועט אויסוואַקסן, וועט מען אַמאָל אפשר עפּעס האָבן פון קינד, אָבער דאָ זענען די עלטערן געווען זייער פאַרביטערט. עס איז דאָך אַ קינד, וואָס קען מען טאָן ? קליינערהייט איז שיע געווען אַ האַלבע צרה. אַז שיע איז אויסגעוואַקסן, האָבן די עלטערן נישט געוווסט וואָס זיי זאָלן טאָן מיט אים. די שכנים פון הויף האָבן געראָטן די עלטערן, זיי זאָלן שיען אַוועקגעבן אין אַ שפּיטאָל. די עלטערן האָבן נישט געוואָלט. די מאַמע זיינע האָט געזאָגט : „וואָס וועל איך אים אַוועקגעבן, כ׳האָב דאָך נאָך קינדער, זיי הונגערן, וועט שיע אויך מיטהונגערן, כ׳וויל נישט אַוועקגעבן מיין קינד״...

שיע איז זעלטן אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף. די אַנדערע קינדער פון הויף האָבן אים אָפּגעטאָן געברענטע צרות. האָט מען אים נישט אַרויסגעלאָזט, איז ער געווען אין שטוב. שיע האָט זיך אויך געשפּילט, אָבער אַנדערש ווי אַנדערע

קינדער. איינמאָל האָט ער גענומען אַ ליעקל און האָט אָנגעהויבן בלאָזן, און דאָס איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט געבלאָזן אַ גאַנצן טאָג.

שיעס פאָטער האָט אים געשלאָגן האַלב טויט, ער זאָל אויפהערן בלאָזן אין דעם ליעק. אָבער שיע האָט אַלץ געבלאָזן. דאָס איז געווען זיין בעסט שפּילן. און די מאַמע האָט שטענדיק געזאָגט: „וואָס ווילסטו פון אים, מערדער, ער איז דאָך נעבעך געשטראָפט פון גאָט, וואָס העלפט דיין שלאָגן אים, זעסט דאָך, ער בלאָזט ווייטער אויפן ליעק". שיע האָט זיך אַזוי איינגעאַרבעט מיט דעם בלאָזן, אַז ס'האָבן זיך אַרויסבאַקומען ווילדע טענער, און שיע האָט געשמייכלט פון פרייד, פון דעם גרויסן אויפטו צו בלאָזן דורכן ליעק. עס האָט טאַקע נישט געהאָלפן קיין שרייען און שלאָגן. שיע האָט געבלאָזן אַ גאַנצן טאָג. ווען שיע איז געוואָרן אַ גרויסער יונג, איז אים אַ ביסל שכל צוגעקומען... אָבער דעם ליעק האָט ער נישט פאַר־געסן און ער האָט ווייטער געבלאָזן.

איינמאָל זאָגט ער צו דער מאַמען: „מאַמע! איך האָב אַ גרויסן ליעק געפונען", און ער צעלאַכט זיך. די מוטער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס זיין לאַכן באַדייט, אָבער שפּעטער איז איר שוין קלאָר געוואָרן. ער האָט געפונען אין מיסטקאַסטן אַן אַלטע גראַמאָפאָן־טרובע, האָט ער זי אַריינגעבראַכט אין שטוב און באַהאַלטן אונ־טערן בעט. אַזוי ווי דער פאָטער איז נישט געווען אין דער היים, האָט ער די טרובע אַרויסגעשלעפּט פון אונטערן בעט און געוויזן דער מאַמען. און זיין נאַריש פּנים האָט זיך צעשמייכלט.

— איך מאַמע , וועל האָבן געלט... איך, מאַמע, וועל בלאָזן און האָבן געלט...

די מוטער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז שיע וועט גיין

אויף די הויפן און שפּילן אויף דער גראַמאַפאָן־טרובע. אַ צייט שפּעטער האָט מען שוין געזען אויף די לאַדזשער הויפן שיען מיטן ליעק. שיע האָט אַרייַנגעבלאָזן אין ליעק און מענטשן האָבן אים געגעבן מטבעות. זיין נאַריש פנים האָט זיך אין גאַנצן צעגאָסן. און מיט דער צייט איז שיע געוואָרן דער גאַנצער פּרנסה־געבער אין דער היים.

מענטשן האָבן אויף אים גרויס רחמנות געהאַט, האָט יעדער עפּעס געגעבן, און שיע האָט געהאַט דערפאָלג. און די מאַמע זיינע האָט אָנגעהויבן אים אַ ביסל צוזען, פאַרריכטן אים די קאַפּאָטע, וואָס איז געווען פאַרפּעצט פון זיין גאַווערן פון מויל, און די נאַרישע פּאָר האָר, וואָס ער האָט געהאַט אויפן פּנים, האָבן אויסגעזען ווי אַן אויסגעצופּטע באָרד. אָבער שיע האָט יעדן טאָג געבראַכט אַ פּאָר גראָשן אַהיים, און מען איז שוין פון אים צופרידן געווען. און נישט איינמאָל זאָגט די מוטער צום פאָטער: „זעסט, מען האָט אַ גוטן גאָט, ער פאַרלאָזט נישט קיינעם אויף דער ערד, אַזוי דעם קלוגן, אַזוי דעם נאַר".

אין גאַנץ באַלוט האָט מען געקענט שיען מיטן ליעק. די ערשטע צייטן זענען אים די קינדער נאָכגעלאָפן, אָבער מיט דער צייט, האָבן די קינדער אָנגעהויבן זיך ווילן פון זיין בלאָזן. אַז מען האָט געזען גיין שיען מיטן ליעק, זענען די קינדער אַנטקעגן געלאָפן אויף דעם הויף, וו שיע איז געגאַנגען געבן אַ „קאָנצערט". און אַז עס איז געקומען אַ יום־טוב, האָט מען דעם פאַרגאַווערטן שיען געזען טראָגן אַ ריינע קאַפּאָטע מיט אַ נייע פּאָר שטיוול, און דאָס איז געווען זיין פאַרדינסט.

שיע האָט געהאַלטן דעם ליעק, אַזוי ווי דער גרעסטער פידל־שפּילער זיין פידל.

דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן געהאַט אויף דער עלטער גרויס נחת פון זייער שיען מיטן ליעק...

דער בלינדער מאַקס

אויף די לאָדזשער הויפן און גאַסן פלעג צווישן די פאַרשידנאַרטיקע הויף־זינגערס אָפט דערשיינען אַקראָבאַטן, באַלעם־וואַרפערס, שווערדן־שלינגערס און אַלטע ציר־קאָווצעס, וואָס זייער „שטערן" האָט זיך געלאָשן, און האָבן ווייטער נישט געקענט אַרבעטן אין די „שלעפ־צירקן". פלעגן זיי נעמען אַן אַלט שטיקל אָפּגעקראָכענעם דיוואַן און אַ קליין פּייקל און מאַכן שותפות מיט אַן אַלטן קאַטאַרינקע־פירער צו גיין איבער די לאָדזשער הויפן, מאַכן קונצן און צוקלאַפּן אין פּייקל, צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן. פון דעם שפּילן און קונצן־מאַכן האָבן הונדערטער אַזעלכע הויף־זינגערס געמאַכט אַ לעבן.

מען האָט זיי אויך געקענט זען אויף פאַרשידענע מערק. פּויערים און מאַרק־זיצערס האָבן גערן געזען די „קונצנמאַכערס", און צוגעוואָרפן זיי צו גראָשנס אָדער צוויי.

עס האָט זיך אָנגעהויבן באַווייזן אַ בלינדער מיט אַ האַרמאָניע און אַ פידעלע. דער פידלער איז געווען אין דער יוגנט אַ גוטער מוזיקער, און אויף דער עלטער האָט ער געמוזט אָנקומען צו דעם ברויט, ווי גיין איבער די הויפן און שפּילן.

דעם בלינדן מיט דער האַרמאָניע האָט מען גערופן — דער „בלינדער מאַקס". ער האָט געזונגען און צוגע־שפּילט אויף דער האַרמאָניע. דער בלינדער מאַקס האָט

זייער האַרציק געזונגען און געהאַט גרויס דערפאָלג ביי די הויף־מענטשן. ער האָט געזונגען טעאַטער־שטיקלעך, רוסישע לידלעך. אַ סך מאָל האָט דער בלינדער מאַקס אַרויסגע־קוועטשט פון זיינע צוהערערס טרערן.

דער עולם איז אים נאָכגעלאָפן איבער די גאַסן. דער בלינדער מאַקס האָט געהאַט איינעם וואָס האָט אים געפירט, און ווען זיי זענען געקומען אויף אַ הויף, דער פידלער און דער וואָס פירט אים, האָט זיך דער בלינדער מאַקס געפרעגט שטילערהייט זיין אונטערפירער: — „יאַשע! — עס איז אַ גרויסער הויף?" אַז יאַשקע האָט געענטפערט יאָ, האָט מען אָנגעהויבן דעם „ספעקטאַקל", און אויב עס איז געווען אַ קליינער הויף, איז די קאַפעליע פון די צוויי שפילערס געגאַנגען ווייטער אויף אַ גרעסערן הויף. דער בלינדער מאַקס האָט געזונגען מיט אַ סך נשמה און האַרץ, איר האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער וויינט אויס אַ ליד. דער עולם איז פאַרגאַפט געשטאַנען און געוואַרט. די בעקער־געזעלן, וועבערס, היטל־מאַכערס, באַרשטן־בינדערס — אַלע זענען געקומען אים הערן. מען האָט אָפּגעשטעלט די אַרבעט אויף אַ פּאָר מינוט צו הערן דעם בלינדן מאַקס האַרציקע לידלעך.

דער בלינדער מאַקס האָט טאַקע אַ סך פאַרדינט. דאָס געלט וואָס מען האָט געוואָרפן פון די פענצטער אָדער געגעבן, האָט דער אונטערפירער געלייגט אין טאַש פון בלינדן מאַקס, און מאַקס עלאַסטישע פינגער האָבן געטאַפּט די מטבעות אין טאַש. ער האָט געפילט און געוווּסט, וויפל ער האָט געמאַכט אויף דעם הויף.

געענדיקט דעם טאָג אַרבעט, איז דער בלינדער מיט זיינע צוויי מיטהעלפערס געגאַנגען אין אַ באַשטימטע קנייפע. מען האָט זיך אַוועקגעזעצט, און דער בלינדער מאַקס האָט אַרויסגעשיט אויפן טיש דאָס גאַנצע קליינגעלד, און מאַקס

אַליין האָט אָנגעהויבן ציילן, וויפל עס איז געווען פון טאָג אַרבעט פאַרדינט. מאַקס האָט יעדן איינעם געגעבן זיין אָפּגערעדטן חלק. שפּעטער האָט מען געמאַכט אַ שנאַפּס, פאַרביסן מיט עפּעס, און דער פידלער איז אַוועקגעגאַנגען. יאַשקע האָט דעם בלינדן מאַקס אַהיים געפירט.

מאַקס האָט געהאַט אַ פאַמיליע, אַ פרוי מיט צוויי קינדער. אַריינקומענדיק אין שטוב, האָט מאַקס אַראָפּגענומען פון זיך די האַרמאָניע מיטן פּאַס, וואָס האָט אים אַ גאַנצן טאָג איינגעשניטן זיין פּלייצע, און זי אַוועקגעשטעלט אין ווינקל אויף אַ שענקל. מאַקס האָט שוין געהאַט זיין שטול, אין וועלכן ער איז געזעסן. די צוויי מיידלעך זיינע האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרען ביים טאַטן. איינע האָט צוגענומען די שטיוול, וואָס דער טאַטע האָט אויסגעטאָן, די צווייטע האָט געברענגט דעם טאַטן די שטעק־לאַטשן, און די פרוי האָט צוגעגרייט די וועטשערע. מאַקס איז געווען אַ גוטער פאַרדינער, האָט אין שטוב גאָרנישט געפעלט, און די קינדער זענען געגאַנגען באַלעבאַטיש אָנגעטאָן.

די צוויי טעכטערלעך האָבן דעם טאַטן זייער ליב געהאַט און ער איז געווען גליקלעך פון זיינע איבערגעגעבענע קינדער, וואָס האָבן דעם פאָטער געהאָלפן אויף שריט און טריט. ווען מאַקס האָט אָפּגעגעסן וועטשערע, האָט ער זיך גענומען זיין בעסטן פריינד, די האַרמאָניע, און איינפּרובירט נייע לידער פאַר זיין פּרנסה. מאַקס האָט געוווסט, אַז מען האָט אים ליב צו הערן זינגען און באַגלייטן אויף זיין האַרמאָניע. דאָס האָט ער געפילט לויטן פאַרדינסט וואָס ער האָט געמאַכט נאָך אַ טאָג אַרבעט איבער די הויפן.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויף די הויפן פון די לאָדזשער גאַסן, באַוויזן אַ נידעריקער שוואַרצער, אין

טונקעלע ברילן, אַ זינגער מיט אַ הערלעכן טענאָר. ער איז אויך געגאַנגען אויף די זעלבע הויפן, וואָס דער בלינדער מאַקס איז געגאַנגען. דער זינגער אין די ברילן האָט געגעבן אַלע הויף־זינגערס אַ שטאַרקן קלאַפּ, און עס האָט זיך געשאַפן אַ געוויסע קאָנקורענץ. די אַנדערע הויף־זינגערס האָט עס געשאַדט צו דער פּרנסה. ווען דער זינגער אין די ברילן איז געקומען אויף אַ הויף, איז דער הויף געווען שוואַרץ פון מענטשן. דער עולם האָט גערעדט, אַז אין טעאַטער וועט מען נישט אַזוי זינגען. ווו מען איז גע־גאַנגען האָט מען נאָר גערעדט וועגן דעם זינגער אין די טונקעלע ברילן.

קיינער האָט נישט געוווּסט פון וואַנען ער קומט. מענטשן האָבן גערעדט, אַז ער טראָגט די טונקעלע ברילן, כדי מען זאָל אים נישט דערקענען. די אַלע הויף־זינגערס, נאָך דער אַרבעט, האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אין אַ קנייפּע, און אַזוי ווי דער בלינדער מאַקס האָט געפילט, אַז דער זינגער אין ברילן איז זיין גרעסטער קאָנקורענט, האָט ער זיך געטשעפּעט צו אים, געזאָגט, אַז ער דאַרף נישט גיין די זעלבע גאַסן ווו ער גייט, ער דאַרף נעמען אַנדערע גאַסן.

דער זינגער אין די ברילן האָט געשריען: „די גאַס מיט די הויפן, זענען פאַר אַלע". פון דעם קריגן זיך איז געוואָרן אַ געשלעג. מען האָט אַרויסגעכאַפּט מעסערס, און דער בלינדער מאַקס האָט אַרויסגעכאַפּט דער ערשטער אַ מעסער. די קעגנערס פון בלינדן מאַקס, האָבן דאָס געזען און זענען געווען זיכער, אַז זיי וועלן אים בייקומען. מאַקס האָט זיך געוואָרפן דער ערשטער אויף זיין קעגנער, און צופעליק געטראָפן און אים גוט צעשטאָכן. מאַקס איז אַרויס אויפן הויף, און די קעגנערס האָבן אים נאָכגעיאָגט. מאַקס איז צוגעלאָפן צום פלויט און אַנטלאָפן. די גאַנצע

אונטערוועלט האָט געקאָכט — אַ בלינדער זאָל קענען שטעכן, און דערצו נאָך אַנטלויפן.

דער בלינדער מאַקס האָט טאַקע אָפּגעשראָקן אַנדערע זינגערס, זיי האָבן געוווּסט, אַז מיטן בלינדן מאַקס טאָר מען זיך נישט איינרייסן, אַז ער איז אַ גרויסער ריזיקאַנט, כאָטש ער איז בלינד, און מען האָט אים טאַקע אויסגעמיטן.

ווען דער בלינדער מאַקס איז געגאַנגען זינגען איבער די הויפן, זענען די אַנדערע הויף־זינגערס געגאַנגען אין אַ צווייטער גאַס. אַזוי האָבן די לאָדזשער הויף־זינגערס אויסגעמאָסטן צענדליקער גאַסן און הויפן, און יעדער האָט געזונגען און געשפּילט אויף זיין שטייגער.

קונצנמאַכערס

העניעק, דער קונצנמאַכער — אַזוי האָט מען אים גערופן. אַלע זיינע יאָרן האָט ער געאַרבעט אין צירק, געשלעפט זיך פון שטאָט צו שטאָט, פון שטעטל צו שטעטל. אַלס יונג יינגל איז ער אַנטלאָפן פון דער היים. פאַרשטייט זיך נישט פאַר נחת. אַלע זיינע יאָרן איז ער געווען פאַרביטערט, נישט געהאַט קיין נאָענטן פריינד, געווען זייער איינזאַם. די צייט איז נישט געשטאַנען, און די יאָרן זענען געלאָפן. ער האָט געפילט, אַז ער מוז דעם צירק פאַרלאָזן און זיך נעמען צו אַ נייער פרנסה.

קומענדיק אין לאָדזש האָט ער זיך אַרומגעקוקט און באַשלאָסן, ער וועט זיך צונעמען אַ שותף, איינעם וואָס שפילט אויף אַ קאַטערינקע, צונעמען אַ צוויי יונגע יינגלעך און זיי אויסלערנען ווי אַזוי צו גיין אויף די הענט, מאַכן קאָזשעלקעס און קלאַפּן אין אַ פייקל. ער וועט זיי אויך אויסלערנען ווי אַזוי מ׳דאַרף צוגיין מיט דעם פייקל צו די מענטשן, מאַכן אַ טרויעריק פנים און בעטן: „גיט עפּעס, פּראָשע פּאַניע, פּראָשע פּאַניע!". מיט דער צייט איז עס געוואָרן אַ גוטע פרנסה. דער אָנפאַנג איז געווען זייער אַ שווערער. ס׳איז געווען אַ גרויס רחמנות צו קוקן ווי העניעק האָט זיך געבראָכן און געבויגן זיינע פאַרשטייפטע גלידער. דאָס זעלבע איז געווען מיט די צוויי אויסגעדאַרטע יינגלעך, וואָס זענען געגאַנגען אויף די הענט, און זענען פון צייט צו צייט אומגעפאַלן.

דאָס איז אַלץ געווען דער אָנהויב. שפּעטער צו האָבן זיי זיך איינגעאַרבעט. און אַז מענטשן זענען פון איין הויף אויפן צווייטן מיטגעגאַנגען — דאַן איז שוין געווען גרויס דערפאָלג. העניעקס דעקאָראַטיווע אויסשטאַטונג איז באַשטאַנען פון צוויי שטיקלעך טערקישע אויסגע־ריבענע דיוואַנען.

קומענדיק אויף אַ הויף, האָט מען גלייך געמאַכט די אַרענע, אויסגעשפּרייט די שטיקלעך דיוואַנען. העניעק אין זיין פאַרביקן קאָסטיום מיט די גרינע זאָקן, און די צוויי יינגלעך מיט זייערע פאַרביקע קאָסטיומען, האָבן זיך אויס־געשטעלט אין אַ ריי, אַז די מענטשן, וואָס קוקן זאָלן זיי בעסער זען. העניעק האָט געגעבן אַ ווונק צום קאַטערינקע־שפּילער, געמאַכט די ערשטע קאָזשעלקעס און געבליבן שטיין אויף די פיס. גלייך נאָך אים איז געווען דאָס גרע־סערע יינגל און די אַטראַקציע איז געווען דאָס קליינע אויסגעדאַרטע יינגל. ער האָט זיך געבראָכן אין אַלע זייטן און געגאַנגען אויף די הענט און דער עולם איז געווען באַ־גייסטערט.

יעדער איינער האָט שוין געזוכט ביי זיך אין טאַש קליינגעלט אַריינצוואַרפן אין פּייקל אַריין. נאָכן אַריינ־וואַרפן דאָס קליינגעלט, איז העניעק שוין געווען ביים פּייקל, צוזאַמענגענומען דאָס געלט און אַריינגעלייגט אין דעם טאָרבעלע, וואָס איז געהאָנגען אויף דער קאַטערינקע.

העניעק האָט זייער ליב געהאַט די צוויי יינגלעך, ווייל זיי זענען געווען די פּרנסה־געבערס זיינע. ער האָט זיי ממש געהאַלטן ווי אייגענע קינדער, די צוויי יינגלעך זענען געווען אויסגעבאָרגט פון זייערע עלטערן. ער האָט זיי גע־צאָלט וואָכן־געלט. פאַרשטייט זיך נישט צופיל...

אַז מען האָט געהאַט פאַרענדיקט אַ טאָג אַרבעט, און מען האָט זיך געגרייט אַהיימצוגיין, האָט ער זיי געקויפט

הייסע וורשטלעך מיט בייגל, וואָס זיי האָבן שטאַרק ליב געהאַט. זיי האָבן זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון דעם קע־סעלע ווו די וורשטלעך האָבן זיך געוויקעט, און דער רויך האָט זיי געשלאָגן אין זייערע נעזלעך. העניעק האָט דאָס געטאָן יעדן טאָג, כדי די ייִנגלעך זאָלן נישט אַהיימגיין קיין הונגעריקע.

אויף מאָרגן, איידער זיי זענען אַרויף אויף אַ הויף, האָט זיי העניעק שטילערהייט געזאָגט:

— היינט וועט מען ווידער עסן הייסע וורשטלעך מיט בייגל.

די ייִנגלעך זענען געוואָרן לעבעדיק און לוסטיק, האָבן פלייסיק זיך גענומען צו דער אַרבעט, אויסגעשפּרייט די שטיקלעך דיוואַנען. די קלאַנגען פון דער קאַטערינקע האָבן זיי צוגעגעבן מער קוראַזש צו שפּרינגען און ברעכן זיך און גיין אויף די הענט. דער עולם האָט געקוואַלן פון די קונצנ־מאַכערס... דאָס פּייקעלע איז געוואָרן פולער און פולער מיט קליינגעלט. העניעקס אויגן האָבן געגלאַנצט. ער איז געווען זייער פאַרנומען ביים אַריינלייגן דאָס קליינגעלט אין דער טאָרבעלע, און געטראַכט ביי זיך: היינט וועט שוין זיין אַ גוטער טאָג. דאָס זעלבע האָט אויך געטראַכט דער שפּי־לער אויף דער קאַטערינקע. און אַזוי האָבן זיך די קונצנמאַכערס געשלעפּט פון הויף צו הויף.

העניעק האָט געקענט די לאַדזשער גאַסן זייער גוט, און אויך געקענט יעדן הויף.

אויף אַ הויף ווו ס׳האָבן געוווינט ווייניק מענטשן זענען די קונצנמאַכערס נישט געגאַנגען. די בעסטע גאַסן זענען פאַר העניעקן געווען: זגעזשער גאַס, נאָוואָמיעיסקע גאַס. פון די גאַסן האָט העניעק געוווּסט, אַז ער וועט אַהיימגיין מיט אַ טאָרבע געלט.

ווען די קונצנמאַכערס זענען געקומען אין הויף נאַוואָמיסקע 28 און מען האָט דערהערט די ערשטע קלאַנגען פון דער קאַטערינקע און דאָס קלאַפּן אין פּייקל, האָבן מענטשן זיך באַוויזן פון די פאַרשידענע געוועלבער און אויך פון דער גרויסער בעקעריי, וואָס איז געווען אויף דעם זעלבן הויף. די געזעלן פון דער בעקעריי זענען שוין געווען אויפן הויף. און עס איז געווען לעבעדיק און לוסטיק. מען האָט זיך געוויילט פון דעם ספּעקטאַקל פון די קונצנמאַכערס.

דער סטאַר איז געווען דאָס קליינע אויסגעדאַרטע ייִנגל. קליינגעלט אין פּייקעלע האָט שוין נישט געפעלט. אויב העניעק האָט נישט געמאַכט קיין סך אין פאַרשידענע הויפן, האָט ער אָבער געוווסט, אַז נאַוואָמיעיסקע גאַס וועט אים אויסגלייכן דעם דעפיציט; ער וועט אַהיים גיין נישט אַן אַנטוישטער נאָר אַ צופרידענער. אַזוי איז טאַקע געווען.

אין גאַס האָט מען געוווסט, אַז די קונצנמאַכערס מיט די צוויי ייִנגלעך נעמען אויס ביי די מענטשן; מ'האָט זיי ליב באַקומען, מען איז זיי ממש נאָכגעלאָפן פון הויף צו הויף.

העניעק איז געווען איבערגליקלעך און געטראַכט ביי זיך: איך האָב מיין גאַנץ לעבן זיך געשלעפּט מיט פאַרשידענע צירקן, און נישט געהאַט דאָס, וואָס איך האָב איצט מיט די צוויי ייִנגלעך.

אָבער לאַנג האָט דאָס גליק זיינס נישט אָנגעהאַלטן. העניעק איז געוואָרן שוואַכער און שוואַכער. ער האָט שוין נישט געקענט בויגן און ברעכן זיך און מאַכן קאָזשעלקעס. פאַרשטייט זיך, אַז די צוויי באַליבטע קונצנמאַכערס האָבן איבערגענומען די גאַנצע אַרבעט. העניעק האָט זיך בלויז פאַרנומען מיט קלאַפּן אין פּייקל און צוזאַמענעמען דאָס געלט.

די צוויי קונצנמאַכערס זענען געוואָרן זייער באַרימט אין די לאָדזשער גאַסן. העניעק האָט שוין נישט געקענט גיין אויף די הויפן. אָבער מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך געשלעפּט איבער די לאָדזשער גאַסן.

די צייט איז נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט. די צוויי קליינע קונצנמאַכערס זענען אונטערגעוואַקסן. העניעקן, וואָס האָט זיי אויסגעלערנט, האָט מען מער נישט געזען. מ'האָט שוין געזען אַ צווייטן אויף העניעקס אָרט, נישט קיין קונצנמאַכער, נאָר אַ פּייער־שלינגער, אין אַ רויטן אויסגעריבענעם קאָסטיום מיט גאָלדענע סטענגעס ביי די אַרבל, און אַ טערקיש היטל. קיינער האָט נישט געפרעגט וווּ העניעק איז. די צוויי אונטערגעוואַקסענע קונצנמאַכערס האָבן יאָ געוווּסט וווּ העניעק איז. העניעק איז געלעגן אַ קראַנקער אין זיין בעט, מיט די אויגן געווענדעט צו דער טיר — זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף די צוויי דער־וואַקסענע יינגלעך, וואָס זענען געווען פּונקט ווי זיינע קינדער.

אָבער די צוויי קונצנמאַכערס האָבן נישט פאַרגעסן אָן העניעקן, זייער לערער. ווען זיי האָבן פאַרענדיקט אַ טאָג אַרבעט, האָבן זיי זיך געאײלט צו גיין צו העניעקן און ברענגען אים אַ פּאָר גראָשן צו דערהאַלטן אים ביים לעבן... אַז העניעק האָט זיי דערזען, זענען זיינע אויגן געווען פאַר־לאָפן פון טרערן, און העניעק איז זיי געווען זייער דאַנקבאַר פאַר אַלעם, וואָס זיי טוען פאַר אים. זיי פאַרגעסן נישט אָן זייער לערער, וואָס האָט זיי אויסגעלערנט מאַכן קונצן.

אויף מאָרגן האָט איר ווידער געקענט זען די קונצנ־מאַכערס שלעפּן זיך איבער די לאָדזשער גאַסן מיט זייער באַגאַזש, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ קאַטערינקע, אַ פּייקל, אַ פּאָר שטעקעלעך מיט אַ פלעשל קעראָסין אָנצוצינדן די שטעקעלעך, וואָס זענען געווען אַרומגעוויקלט מיט וואַטע, אַז דער פּייער־שלינגער זאָל קענען שלינגען דאָס פּייער, די

צוויי אָפּגעריבענע שטיקלעך דיוואַנען, וואָס די קונצנמאַכערס האָבן געטראָגן פונאַנדערצולייגן אויף די לאָדזשער הויפן כדי אָנצוהויבן אַ נייעם טאָג אַרבעט.

כאַסקל מיטן גלעקל

לאָדזש איז געווען באַקאַנט מיט אירע אינטערעסאַנטע טיפּן, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין די לאָדזשער גאַסן, און אויך אויף די לאָדזשער הויפן. יעדן אין דער פרי האָבן פון פאַרוואָרפענע ווינקעלעך פון דער שטאָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן פאַרשידנאַרטיקע טיפּן, ווי הויף־זינגערס, גאַסן־קלעזמאָרים, קונצנמאַכערס, אַ בלינדער מיט אַ שטעקן, וואָס גייט אַליין, אַ בלינדער וואָס מען פירט, פרויען מיט פּיצעלעך קינדער, וואָס גייען בעטלען, בעטלערס, וואָס האָבן נישט גענומען קיין שטיקל ברויט, נאָר געלט, און בעטלערס, וואָס האָבן יאָ גענומען שטיקלעך צוקער.

איר האָט אויך געקענט זען פאַרשידענע טיפּן משוגעים: אַ משוגענער וואָס לאַכט, אַ משוגענער וואָס וויינט, אַ משו־גענער וואָס רעדט אויך, איינער, וואָס רעדט גאָרנישט און אַנדערע, וואָס רעדן בלויז געציילטע ווערטער.

צווישן זיי איז טאַקע געווען כאַסקל מיטן גלעקל. כאַסקל האָט געטראָגן אַ שווערן שוואַרצן פּאַלטן, און אַ הויכן טשאָפּיק (פּוטער־היטל). געטראָגן האָט ער אים זומער און ווינטער. אונטערן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ פּעקל מיט טאָוולען, און אין דער האַנט — אַ גלעקל. ווער עס איז פאַרבייגעגאַנגען די גאַס, האָט ער צו אים אויסגע־שטרעקט די הענט און געגעבן אַ קלונג און געפרעגט: „וואָס זאָגסטו? ס'וועט זיין פון מיר אַ מענטש?" און כאַסקל איז ווייטער געגאַנגען.

כאַסקל מיטן גלעקל איז געקומען יעדן טאָג פון זגער־זשער גאַס צו דער נאָוואָמיעיסקע גאַס און אַרויף פּיעטער־קאָווער גאַס און ווען ער איז אַדורכגעגאַנגען דעם פּלאַץ וואָלנאָשטשי (פרייהייט־פּלאַץ) ווו עס איז געשטאַנען פּיל־סודסקיס מאָנומענט, פלעג ער בלייבן אַ ווײַלע שטיין, געבן אַ קלונג און אַ פרעג טאָן: „וואָס זאָגסטו? ס'וועט זיין פון מיר אַ מענטש?" און איז ווייטער געגאַנגען.

אַזוי האָט זיך דער שאָטן פון כאַסקל מיטן גלעקל געצויגן איבער די פּיעטערקאָווער גאַס, ער איז צוגעגאַנגען צו יעדן טויער און אַ קלונג געטאָן אין אים. כאַסקל איז פריער נישט אַוועקגעגאַנגען פון טויער, ביז דער סטרוזש פון הויף איז אַרויסגעקומען. אַ סך סטרוזשעס האָבן אים געקענט — האָבן זיי בלויז געזאָגט: „וואַריאַט" (משוגענער). און די סטרוזשעס וואָס האָבן אים נישט געקענט, פלעגן אים געבן קלעפּ. און כאַסקל האָט געהאַלטן אין פרעגן: „ס'וועט זיין פון מיר אַ מענטש?"

אַזוי איז ער געגאַנגען פון טויער צו טויער. כאַסקלען האָט מען קיינמאָל נישט געזען עסן; ער איז געווען פאַרנומען מיטן קלינגען ביי די טויערן. אַזוי האָט ער זיך געשלעפּט איבער דער ראַשיקער פּיעטרעקאָווער גאַס, וואָס איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן. עס זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן אים געוואָלט געבן עפּעס צו עסן. אָבער כאַסקל האָט נישט גענומען. איר האָט געקענט הערן: נעבעך אַ משוגענער.

אַ סך האָבן געפרעגט: ווער איז ער? קיינער האָט נישט באַקומען קיין ענטפער: מען האָט אים יעדן טאָג געטראָפן. ער איז געווען זייער פאַרנומען מיטן קלינגען. אין די אָוונט־שעהן האָט איר געקענט זען כאַסקלען אַן אויסגע־מאַטערטן, אַ דערשעפּטן צוריקגיין פון זיין מאַרשרוט.

אויף מאָרגן האָט איר ווידער געזען כאַסקלען, נישט געקוקט וואָס פאַר אַ וועטער עס איז געווען. אַז עס האָט

גערעגנט, האָט כאַסקלס שווערער פּאַלטן געווישט דעם טראָטואַר; מ׳האָט געזען, ווי שווער ס׳קומט אים אָן צו גיין. ער האָט זיך געאײַלט צו דעם וועג פון וואַנען ער איז געקומען. כאַסקלס קלינגען ביי די טויערן איז נישט געווען זיין פרנסה. די אַנדערע טיפּן וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבער די לאָדזשער גאַסן, די בעטלערס, זענען יאָ געגאַנגען מאַכן פרנסה...

יעדער בעטלער האָט געהאַט זיין פונקט וווּ צו שטיין אָדער וווּ צו גיין. און נאָך אַ טאָג אַרבעט האָט יעדער איינער געהאַט זיין אָרט וווּ צו וווינען. די גוטע פּאַרדינערס האָבן געהאַט אַן אייגן שטיבל און געהאַט לאָקאַטאָרן ווי: אַ בלינדע, אָדער אַ קאַליקע, וואָס האָבן געצאָלט וואָכן־געלט.

ס׳זענען געווען פּאָרלעך צווישן די בעטלערס. אַ בלינדער מיט אַ קאַליקע, אָדער פּאַרקערט. און ווען מען איז אַהיים־געקומען האָט זיך אָנגעהויבן אַ רכילות איינער קעגן צווייטן; און קללות האָבן זיך געשאָטן ווי אַרבעס פון זאַק.

עס זענען אויך געווען שדכנים ביי די בעטלערס, וואָס האָבן צוזאַמענגעפּאָרט פּאָרלעך. אַ בלינדער איז געווען אַ גוטער פּאַרדינער — האָט מען אים צוגעגעבן אַ קאַליקע און ס׳איז געוואָרן אַ שידוך. און מען האָט געגעבן שדכנות־געלט. און ווען איינער האָט נישט געוואָלט באַצאָלן האָט מען אים געשלאָגן ביז בלוט ביז ער האָט געמוזט באַצאָלן.

עס זענען אָפטער פּאָרגעקומען קריגערייען ביי די בעטלערס — האָט איינער דעם צווייטן פאָרגעוואָרפן: „גיי, דו געמיינער שנאָרער, דו בעטסט דאָך. מיר זעסטו גיט מען אַליין...“

ס׳האָט געטראָפן, אַז חברה מדינה־גייערס האָבן גע־טראָפן כאַסקלען אין גאַס — האָבן זיי אים באַדויערט, א רחמנות נעבעך — ער קען נישט מאַכן אַ גראָשן.

צווישן די בעטלערס האָט זיך געפונען פייוול דער הויקער. גערופן האָט מען אים „דאָס געשליפענע קעפל״. ער האָט אויסגעגלייכט אַלע קריגערייען, וואָס איינער האָט געהאַט צום צווייטן.

פייוול דער הויקער האָט אויסגעהערט ביידע צדדים און אַרויסגעטראָגן דעם אורטייל. און אַזוי איז געבליבן... אויף דעם געריכט האָט דער עולם בעטלערס זיך אַ ביסל צערעדט וועגן נייע צוגעקומענע בעטלערס פון אַנדערע שטעטלעך. מ׳האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז מען איז געקומען צו כאַסקלען מיטן גלעקל. „ס׳איז נעבעך אַ רחמנות אויף אים״. דאָס געשליפענע קעפל האָט זיך אַזוי צוגעהערט וועגן דעם כאַסקלען — האָט ער זיך מער נישט געקענט איינ־האַלטן און אויסגעשריגן: „ס׳איז נישט אַזאַ רחמנות אויף כאַסקלען מיטן גלעקל. ער האָט אַ רייכן ברודער, אַן אַפטייקער, אַ בראַנד אין אים אַריין, ער גיט אים עסן, און ער טראָגט דעם ברודערס מלבושים — אויף מיר געזאָגט געוואָרן אַזאַ ברודער. מיר וואָלט ער געמוזט געבן נייע מלבושים, נישט קיין אַלטע. איך וואָלט אים געפלעט דעם קאָפּ זיינעם״.

קיינער האָט נישט געוווּסט ווער כאַסקל מיטן גלעקל איז; אָבער דאָס קליינע הויקערל מיטן געשליפענעם קעפל איז יאָ דערגאַנגען ווער ער איז. נישט איינמאָל האָט ער אים באַטראַכט... און ער האָט גערעדט צו אים, אָבער כאַסקל האָט נישט געענטפערט. „דאָס געשליפענע קעפל״ האָט איינגעזען, אַז מען קען פון אים גאָרנישט מאַכן...

און כאַסקלען מיטן גלעקל האָט מען געזען טאָג איין טאָג אויס זיך שלעפן איבער די לאָדזשער גאַסן. ער האָט געהאַלטן אין איין פלעגן:

— „וואָס זאָגסטו? ס׳וועט זיין פון מיר אַ מענטש?״

בערקע דער הויף-זינגער מיט זיין שטעקן

דער הויכער ברייטפּלייציקער בערקע מיט זיין שטענדיק לאַכעדיק פּנים און מיט זיין הייזעריק קול איז געווען געזונט ווי אַ דעמב. ער האָט אָבער, נעבעך, געהאַט צו ווייניק שכל.

געוווינט האָט ער, בערקע, מיט זיין ווייבעלע, וואָס איז געווען קלענער ווי קליין, אויף דעם פּראָוועטן־געסל, אין באַלוט, נישט ווייט פון דער גרויסער און לאַנגער אַלעקסאַנ־דרער גאַס. אויף דעם פּראָוועטן געסל האָבן געוווינט די ריכטיקע פיינע חברה־לייט...

דער הויכער בערקע, איידער ער איז געגאַנגען דינען אין מיליטער, האָט זיך פאַרנומען מיט שפּילן אויף אַ קאַטערינקע איבער די לאָדזשער הויפן. ער פלעגט אויך מיט זיך מיטפירן אַן אויסגעדאַרט און ציטערדיק מאַלפּעלע, מיט איבערגעשראָקענע פאַרטרערטע אויגן.

קיין צופיל פּרנסה האָט בערקע פון דער קאַטערינקע מיט דעם מאַלפּעלע נישט געהאַט, און ווען זיין קליין ווייבעלע, ריווטשע, מיט דעם שייטל אויפן קאָפּ און מיט די גרויסע אוירינגלעך, האָט געגעבן אַ קוק אויף בערקען, איז ער תיכף געוואָרן נאָך קלענער ווי זיין קליין ווייבעלע. וואַרעם, ווען בערקע איז אַהיימגעקומען פון אַ טאָג אַרבעט מיט דער קאַטערינקע און מיט דעם מאַלפּעלע, האָט שוין ריווטשע, זיין קליין ווייבעלע, פון פאַרויס געוווסט, אַז

קיין סך געלט האָט ער נישט פאַרדינט. דעריבער זענען אירע ערשטע ווערטער געווען:

— בערקע! ווי לאַנג נאָך וועסטו זיך אַזוי אַרומשלעפּן מיט דער קאַטערינקע און מיטן מאַלפּעלע?

דער הויכער, שטאַרקער בערקע איז געוואָרן ווי אַ לעמעלע. קוים וואָס מען האָט געקענט הערן, האָט ער זיך ביי איר געבעטן מיט אַ ווייך קול:

— ריווטשעלע, מיין ליאַלקעלע, כ׳וועל גיין זינגען אויף די הייף און איך וועל דיר ברענגען גאַנצע טאַשן מיט געלט!

און בערקע האָט אַזוי לאַנג דאָס צוגעזאָגט זיין ווייב, ביז ער האָט זיך אויף אַן אמת גענומען גרייטן צו בייטן זיין פּראָפעסיע. ער האָט גענומען זיין גראָבן שטעקן און ער האָט געזאָגט:

— ריווטשעלע, דו זעסט דעם גראָבן שטעקן? ער וועט מיר אַ סך העלפן אין מיין פּרנסה.

בערקע האָט שוין געהאַט אַן אויסגעטראָטענעם וועג. פריער איז ער דאָך געגאַנגען איבער די הייף מיט זיין קאַטערינקע און מיט דעם מאַלפּעלע, מיטן פאַרזשאַווערטן קייטל אַרום דעם העלדזל. נו, וועט ער איצטער ווידער גיין אויף די זעלביקע הייף און וועט זינגען.

— איך האָב דאָך אַ שיין קול — האָט ער געזאָגט צו זיין ריווטשעלען — און לידער אַ סך קען איך דאָך אויך.

איז בערקע געגאַנגען מיט זיין שטעקן אַזוי ווי אַ קלעזמער מיט זיין פידל. און דער שטעקן האָט אים טאַקע אַ סך געהאָלפן, אי צום זינגען אי צום אַוועקיאָגן די כאָפּטעס קינדער, וואָס זענען אים נאָכגעלאָפן איבער די גאַסן, און האָבן געוואָלט וויסן וווּ בערקע האָט אַהינגעטאָן די קאַטערינקע מיט דעם מאַלפּעלע.

אַז בערקע איז אַרויפגעקומען אויף אַ הויף, אין באַלוט

ערגעץ, האָט ער זיך צוערשט אויסגעגלייכט און אַריינגע־נומען זיין שטעקן פעסט אין דער האַנט אַריין, אַזוי ווי דער שטעקן וואָלט געווען אַ מין קאַמערטאָן. און ער האָט טאַקע צוגעקלאַפּט מיט דעם שטעקן אין די שטיינער צום טאַקט. ערשט איצט האָט ער אָנגעהויבן צו זינגען דאָס לידל „טשר־פעטשיק" אָבער בלויז די מעלאָדיע, אָן ווערטער. און די מעלאָדיע האָט בערקע געזונגען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַזוי ווי ס'איז אים איינגעפאַלן.

דאָס איז געווען זיין ערשטער נומער. איידער ער האָט אָנגעהויבן זיין צווייטן נומער, האָט זיך בערקע צוערשט גוט אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן. און ווען ער האָט געזען, אַז מענטשן קוקן אַרויס פון די פענצטער, האָט בערקע צו זיי אויפגעהויבן די אויגן און ער האָט אָנגעהויבן זיין צווייטן נומער. אָבער דאָס איז שוין געווען אַ ליד מיט ווערטער:

אַ מיידעלע מיט אַ האַלקע,
האָט אַ גאָלדענע ליאַלקע;
איירום, איירום, איירום אַם,
איירום, איירום, איירום האַם.

און בערקע האָט צוגעברומט מיט זיין הייזעריק קול און צוגעקלאַפּט מיט דעם גראָבן שטעקן צום טאַקט אויף די שטיינער. און דאָס לאַכן און שרייען פון די כאָפּטעס מיטגעלאָפענע קינדער, וואָס האָבן בערקען באַגלייט פון הויף צו הויף, האָבן אָפּגעהילכט איבער די באַלוטער גאַסן און געסלעך.

בערקע מיט זיין לאַכעדיק פּנים האָט געזען, אַז ער האָט דערפאָלג. מען האָט אים דאַך געוואָרפן מטבעות פון די פענצטער. ער האָט אויך געזען ווי די מענטשן לאַכן און ווי זיין עולם איז צופרידן, האָט ער באַשלאָסן מהנה צו

זיין דאָס פּובליקום זיינס מיט אַ דריטן נומער. אָבער דאָס איז שוין געווען אויף פּויליש, וואָרעם אויף די הייף, וווּ בערקע פלעגט אויפטרעטן פלעגן אויך וווינען פּאָליאַקן.

און דאָס פּוילישע לידל בערקעס איז געגאַנגען אַזוי:

„אייבאַראַבאָם,
נאַ יעדנעי דוך;
אַ טאַ פּאַניענקאַ
פּאַטשי מי נאַ בזשוך".

און בערקע האָט דאָס דאָזיקע ליד פאַרענדיקט מיט אַ ווילד געלעכטער, און ער האָט צוגעקלאַפּט מיט זיין שטעקן אויף די שטיינער צום טאַקט און מיט זיין גאַנצן כח.

אַלע לידלעך, וואָס בערקע האָט געזונגען אויף די הויפן, האָבן געהאַט בלויז געציילטע שורות, און ער האָט זיי אַלע פאַרענדיקט מיט אונטערברומען דעם ניגון מיט זיין הייזעריק קול. און געזונגען האָט ער ווי עס איז אים איינגעפאַלן, אַזוי, אַז זיינע מעלאָדיעס זענען תמיד געווען ניי... דעריבער טאַקע איז בערקע ווי איבער נאַכט באַרימט געוואָרן איבער גאַנץ באַלוט. מען האָט אים פשוט נישט געלאָזט אַדורכגיין דורך דער גאַס. אָבער ווען עמעצער האָט געמאַכט פון אים חוזק, און אים נאָכגעשפּעט דאָס לידל זיינס „אַ מיידעלע מיט אַ האַלקע", איז בערקע געוואָרן בייז, און ער האָט אָנגעהויבן צו פאָכען מיט זיין גראָבן שטעקן.

עס זענען אָבער געווען הייף, אויף וועלכע מען האָט בערקען נישט אַריינגעלאָזט דערפאַר, ווייל ער פלעגט אַמאָל טרעפן אין אַ נאָכלויפנדיק קינד מיט זיין פאָכענדיקן שטעקן.

אַז בערקע האָט געהאַט פאַרענדיקט אַ טאָג זינגען, אויסמעסטנדיק גאַנץ באַלוט פון איין עק ביז צום אַנדערן,

האָט זיין לאַכנדיק פּנים נאָך מער געלאַכט, און ער האָט זיך געאיילט אַהיימצוגיין צו זיין ריוועטשעלען, וואָס האָט שוין געוואַרט אויף איר מאַן מיט אומגעדולד.

בערקע איז נישט געגאַנגען זינגען אויף די הייף, וואָס זענען געווען נישט ווייט פון דעם אָרט, ווו ער אַליין האָט געוווינט. אין דער ערשטער צייט האָט דעריבער קיינער אין זיין געגנט נישט געוווסט, אַז בערקע איז געוואָרן אַ הויף־זינגער. אַלע האָבן דאָך געוווסט, אַז בערקע גייט מיט אַ קאַטערינקע און מיט אַ מאַלפּעלע. אָבער ווען די קליינע חברה, וואָס לויפן נאָך יעדן הויף־זינגער, האָבן זיך דערוווסט, אַז בערקע גייט אַרום אויף די הייף און זינגט דאָס לידעלע „אַ מיידעלע מיט אַ האַלקע", האָבן זיי אָנגעהויבן אים נאָכלויפן און נאָכשרייען: „אַ מיידעלע מיט אַ האַלקע!"

בערקע איז זיי, פאַרשטייט זיך, נישט געבליבן שולדיק, און ער האָט געפּאָכעט מיט זיין גראָבן שטעקן און געשאָלטן מיט די ביטערסטע קללות.

בערקע פלעגט פאַרלאָזן זיין שטוב יעדן טאָג באַלד אין דער פרי, אַז מען זאָל אים נישט זען אַוועקגיין, און אַז די קינדער זאָלן אים נישט נאָכגיין.

ער האָט שוין געדענקט זיינע גאַסן און די הייף אויף אויסנווייניק. און ער האָט זיך גיך איינגעאַרבעט אין זיין נייער פּראָפעסיע. ווען בערקע איז געקומען אויף אַ הויף, ווו עס האָבן געוווינט רייכערע מענטשן, האָט ער דאָרטן נישט אָנגעהויבן מיט זיין שטענדיקן ניגון אָן ווערטער, נאָר ער האָט גלייך אָנגעהויבן צו זינגען „קינדעריאָרן", פון דער „רומענישער חתונה". און אפילו דאָס דאָזיקע ליד האָט בערקע געזונגען יעדעס מאָל אַנדערש און אַזוי ווי עס איז אים איינגעפאַלן. ער האָט געענדערט אפילו די ווערטער און געזונגען אַזוי:

קינדעריאָרן,
אוי, די שיינע קינדער.
גיסט דו מיר אַ קוש
אין פּיסקאַלו.

און ער האָט זיך באַגלייט מיט זיין שטעקן צום טאַקט, וואָס האָט געקלאַפּט אויף די ברוקירטע שטיינער פון דעם הויף: דאָס געפילדער פון לאַכן און פון שרייען האָט פאַר־טויבט די צוהערערס, וואָס זענען געשטאַנען אויפן הויף. בערקע האָט אַריינגעפירט אַן אַנדער שטימונג אויפן הויף. דער עולם האָט געלאַכט און אים צוגעוואָרפן קליינגעלט. בערקע האָט בליץ שנעל געכאַפּט די צוגעוואָרפענע מטבעות און זיי גיך אַריינגעלייגט אין קעשענע. און ער האָט תמיד פאַרענדיקט זיין הויף־קאָנצערט מיט דעם „מיידעלע מיט אַ האַלקע, וואָס האָט אַ גאָלדענע ליאַלקע״.

אַז בערקע איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיין טאָג אַרבעט און האָט זיך געגרייט אַהיימצוגיין, האָט ער איינגעקויפט פון כל טוב, באַזונדערס פרייטיק. ער האָט דעמאָלט געקויפט די פרישסטע פיש, די שענסטע און גרעסטע געפלאָכטענע חלות, און די טייערסטע חלקים פלייש. דאָס אַלץ האָט ער איינגעפּאַקט אין דעם זעקל, וואָס ער האָט שטענדיק געטראָגן מיט זיך.

ווען בערקע איז אַהיימגעקומען, האָט שוין זיין קליין ריוועשעלע מיטן גרויסן שייטל און מיט די גרויסע אויערינ־גלעך, געוואַרט אויף אים מיט אומגעדולד. בערקע איז שנעל צו צום טיש, אַרויסגעשיט דעם גאַנצן באַרג מיט קליינ־געלט, וואָס האָט זיך ביי אים געהאַט אָנגעזאַמלט פון אַ גוטן טאָג אַרבעט. בערקעס פּנים האָט זיך צעגאָסן פון פרייד, זעענדיק ווי זיין ריוועשעלע ציילט אַזוי געשיקט די מטבעות. און ער האָט זיך צופרידן אונטערגעברומט מיט זיין הייזעריקן קול.

קאַטעריניאַזשעס

אין דעם ענג געפּאַקטן פּייפּערס געסל, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער אַלעקסאַנדרער גאַס, זענען געשטאַנען שטאָקיקע הילצערנע הייזלעך. די פּראָנט־שטובן און קליינע געוועלבלעך זענען אַממייסטן געווען באַזעצט פון מיטעלע און עלטערע „גאַסן־פרויען". ווען איר פלעגט אַדורכגיין, און ווען אייער בליק איז נישט ווילנדיק, אַריינגעפאַלן אין אַזאַ געוועלבל, אָדער פענצטער, איז אייך גלייך געפאַלן אין אויג אַ קרוג מיט אַ שיסל, אַ האַנטוך און אַ שפּאַניש ווענטל. רואיק האָט מען אייך נישט געלאָזט אַדורכגיין. — „קום, יינגעלע טייערער", אַזעלכע רופן האָבן זיך געהערט פון אַלע זייטן. די מיטעלע און עלטערע פרויען אין די טיכלעך אַרויפגעוואָרפן אויף איין אַקסל, און דאָס ביסעלע פאַרב וואָס האָט זיך געפונען אויף די געקנייטשטע אָפּבלאַקירטע פנימער, האָבן מיט פאַרשידענע כיטרע מינעס יעדן דורכגייער גערופן און ממש אָנגעכאַפּט ביי די פּאָלעס.

אין דעם זעלבן געסל זענען אויך געווען איינלאָקירט די קאַטעריניאַזשעס מיט זייערע קאַטערינקעס. זיי האָבן געהאַט אַ געוויסע פאָרם אין אָנטאָן: היטלעך מיט גלאַנציקע דאַשקעס, רובאַשקעס, פאַרביקע שוואַרצע הויזן און שטיוועלעך.

אין דערפרי האָבן זיך די קאַטעריניאַזשעס אַרויסגעלאָזט מיט זייערע קאַטערינקעס אויף די פּלייצעס. אַ ברייטער לעדערנער פּאַס האָט אַרומגענומען די ברוסט און געטראָגן

די קאַטערינקע, דאָס קעסטעלע מיט די גליק־צעטעלעך און די פאַרביקע פויגל, פּאָפּוגייעס, און ווייסע ים־חזירלעך, וואָס האָבן זיך באַוויגן אויף דעם שטעקעלע פון קעסטל, און געוואָרפן זיך אין אַלע זייטן פון דעם גיין פון קאַטע־רינקע־שלעפּער. יעדער איינער האָט געהאַט זיין געגנט וווּ ער האָט געשלעפּט אַ פּאָר גראָשן פּאַרדינסט.

אַ סך פון די קאַטערינקע־שלעפּערס האָבן אויך געהאַט ווייבער, וועלכע האָבן די מענער מיטגעהאָלפן אין דער פּרנסה. זייער העלפן איז באַשטאַנען פון מאַכן קונצן מיט פייער, שלעפן פאַרביקע סטענגעס פון מויל, און שפּעטער נעמען דעם מאַנס היטל און צוזאַמענעמען די געוואָרפענע גראָשנס פון די פענצטער, וואָס זענען אַריינגעוויקלט געווען אין שטיקלעך פּאַפּיר. אַנדערע קאַטעריניאַזשעס האָבן מיט זיך מיטגעפירט קינדער. קומענדיק אויף אַ הויף האָבן די קינדער אויסגעשפּרייט אַ שטיקל שמאַטע און אָנגעהויבן מאַכן פאַרשידענע קאָזשעלקעס און ברעכן זיך, גיין אויף די הענט. שפּעטער האָבן די קינדער צוזאַמענגענומען דאָס געלט. פאַר קינדער האָט יעדער איינער געגעבן מער געלט, ווייל די מענטשן האָבן געהאַט רחמנות אויף די אָרעמע קינדערלעך, וואָס מוזן זיך נעבעך ברעכן צו פאַרדינען אַ פּאָר גראָשן. די קינדער זענען געווען אויסגעמאָגערט, דערשעפּט פון אַ גאַנצן טאָג גיין אויף די הענט.

דער קאַטעריניאַזש האָט דער מאַמען אָדער דעם פאָטער פון דעם קינד באַצאָלט פאַר דעם טאָג אַרבעט. אַזוי האָבן זיך די יונגע קינדערלעך געשלעפּט אַ גאַנצן טאָג איבער די לאָדזשער הייף און געמאַכט פאַרשידענע קונצן. אויף מאָרגן האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ פרישער טאָג פון גיין אויף די הענט, פון שפּרינגען און ברעכן זייערע יונגע גלידער.

עס איז אויך געווען אַ צווייטע קאַטעגאָריע קאַטערי־ניאַזשעס, אַזעלכע וואָס מען האָט ביי זיי אַרויסגעצויגן

צעטעלעך, מען זאָל וויסן וועגן מענטשנס מזל אין לעבן. דאָס צעטעלע האָט אַרויסגעצויגן דאָס צווייטע ים־חזירל. און דער קאַטערינשטשיק האָט עס איבערגעגעבן דער פּערזאָן וואָס האָט געגעבן די פּאָר גראָשן.

אַז מען האָט דערהערט די ערשטע טענער פון דער קאַטערינקע, האָבן זיך שוין באַוויזן פאַרשידענע יונגע פּנימער אין די פענצטער. דאָס זענען געווען די דינסט־מיידלעך, וואָס האָבן געדינט ביי די רייכע באַלעבאָסטעס. יעדע איינע פון די מיידלעך האָט שוין געוואָלט וואָס שנע־לער זיין אויפן הויף און אַרויסציען אַ צעטעלע, כדי זי זאָל קענען וויסן איר מזל אין לעבן... אויב זי וועט זיין רייך אָדער אָרעם, ווייל אַלץ האָט דאָס צעטעלע געשריבן: צי עס וועט זיך אין איר פאַרליבן אַ רייכער, און וויפל קינדער זי וועט האָבן, אַלץ האָט מען זיך געקענט דערוויסן אין דעם צעטעלע וואָס דאָס ווייסע חזירל וועט אַרויסציען. דעריבער זענען די מיידלעך געלאָפן מיט די וויאַדרעס מיסט צום מיסטקאַסטן, און דערווייל זיך צוגעכאַפּט צו דער קאַטערינקע, געוואָלט זיין פון די ערשטע אַרויסצוציען דאָס גליקלעכע צעטעלע. די מיידלעך מיט די צעטעלעך אין די הענט, זענען געלאָפן אויף די שטיגן מיט אַ קלאַפּן אין האַרצן, האָבן שוין געוואָלט זיין אין שטוב אַז די, באַלעבאָסטע זאָל נישט שרייען. די מיידלעך זענען אויף זייערע געלעגערס געלעגן און זייער פאַנטאַזיע האָט זיך צעשפּילט : ווי רייך זי וועט זיין, און וואָס פאַר אַ שיינע קינדערלעך זי וועט האָבן, און נישט דאַרפן אַרבעטן ביי יענעם, זיין אַליין אַ מאַדאַם און מען וועט זי באַדינען. אין זייערע אויערן האָבן נאָך געקלונגען די טענער פון דער קאַטערינקע און זיי זענען איינגעשלאָפן מיט גוטע האָפע־נונגען פון די צעטעלעך און געהאַט גוטע חלומות וועגן זייער צוקונפט.

עס זענען געווען צוויי דורות קאַטערינישאַזשעס: דער עלטערער דור, וואָס איז שוין געווען אַלט און שוואַך, און דער יונגער דור, וואָס האָט פאַרטרעטן דעם עלטערן דור, זייערע עלטערן. די עלטערן האָבן אַמאָל געהאַט אַנדערע פאַכן: געוועזענע באַן־גנבים, גאַסן־גנבים, אַלפאַנסן. אָבער ווען מען איז עלטער געוואָרן און מען האָט שוין נישט געקענט זיצן יאָרנלאַנג אין די תפיסות, האָט מען זיך גענומען צו נייע פרנסות: קאַטערינקעס מיט פאָפוגייעס און ווייסע ים־חזירלעך, וואָס ציען אַרויס גליק־צעטעלעך פאַר יונגע מיידלעך און יינגלעך. פון דעם האָט מען געמאַכט אַ לעבן אויף דער עלטער. אָבער, אַז מען האָט שוין אינגאַנצן נישט געקענט גיין און נישט געקענט מער שלעפּן די קאַטערינקע אויף די פלייצעס, איז געקומען דער יונגער דור און האָט זיך איינגעשפּאַנט אין טאַטנס קאַטערינקע. דער טאַטע האָט נאָך געגעבן אַ לעקציע זיין זון, דעם פאַרטרעטער, ווי אַזוי מען דאַרף שמייכלען צו די יאָלדן... ווען זיי קומען נאָך די צעטעלעך פון „מזל‟, אָדער ווען מען וואַרפט אַראָפּ פון אַ פענצטער אין אַ פאַפּירל אַ גראָשן אָדער צוויי, דאַרף מען געבן אַ שמייכל און אַ בויג מיטן קאָפּ.

דער יונגער דור האָט זיך שוין געהאַט צוצגרייט זייערע יונגע מיטהעלפערס וואָס זאָלן מאַכן קונצן. עס זענען צווישן די קאַטערינקע־שלעפּערס געווען זייער שיינע יונגען, וואָס די טעכטער פון די קאַטערינאַזשעס האָבן זיך וועגן זיי געשלאָגן מיט מעסערס.

דער שוואַרצער פּייפּקע איז געווען אַ קראַסאַוויעץ. מיט שוואַרצע געדיכטע האָר, און מיט לאַנגע באַקנבערד; געטראָגן האָט ער אַ שיין קאָלירט העמדל ביז צו דער גאָמבע, און אין דער זייט קאָפּ האָט ער געהאַט אַ הויך בערגל האָר, זיין היטל מיטן גלאַנציקן דאַשעק איז געלעגן אויף די האָר. אַלע, אפילו די מיידלעך, וואָס זענען געקומען

צו אים אַרויסציען אַ צעטעלע, זענען געוואָרן פאַר אים די כפרה, אַזוי שיין איז ער געווען. זיינע לאַקירטע שטי־וועלעך האָבן פאַרבלישטשעט דעם הויף ווו ער איז געקומען שפּילן מיט זיין קאַטערינקע. און, אַז פּייפּקע איז אַ היים געקומען פאַרנאַכט, האָט שוין זיין פאָטער אויף אים געוואַרט און געהאַלטן אין איין אויספרעגן. „פּייפּקע, ווי האָט היינט אויסגעזען, געווען אַ סך יאַלדן?" האָט דער פאָטער געפרעגט פּייפּקען. „היינט, טאַטע, איז געווען אַ גוטער טאָג, אַזוי ווי איך בין אַרויס פון דער שטוב, האָב איך געזען אַ הויקער מיט אַ ווייס פערד, האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז היינט וועט זיין דער בעסטער טאָג, און אַזוי, יאַק באָגאַ קאָכאַם, איז געווען. די יאַלדוווקעס מיט די יאַלדן האָבן זיך געשיט פון אַלע זייטן, געוואָרפן דאָס געלט און צעכאַפּט די „מזל"־צעטעלעך. איך קען דיר זאָגן טאַטע, אַז דאָס חזירל איז אויך מיד געוואָרן אַרויסצוציען די צעטעלעך".

פּייפּקע האָט געהאַט אַ קאָכאַנקע, איטשע נאָז טאָכ־טער. ביידע האָבן זיך געליבט. אַז פּייפּקע איז אַ היים גע־קומען פון דער גאַס, האָט ער זיך שנעל אַרומגעוואַשן, אַרומגעפּוצט, עפּעס געכאַפּט עסן און געגאַנגען זען ביילקען, זיין שענסטע ביילקע.

ביילקע איז געווען אַ בלאָנדע מיט גרויסע שוואַרצע אויגן. ביילקע האָט שוין געוואַרט אויף איר פּייפּקען, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט. ער איז מיט איר געגאַנגען אין קינעמאַטאָגראַף און איר געקויפט פאַרשידענע קאַרמעלקעס, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט צו נאַשן. ביילקע איז געווען אַ גרויסע נאַשערין. איטשע נאָז, דער פאָטער אירער, האָט זי טאַקע גערופן „ביילקע די נאַשע־רין". ביילקע האָט קיין מאַמען נישט געהאַט. איר מאַמע איז איר געשטאָרבן זייער יונג ביי אַ קימפּעט, אַזוי אַז

ביילקע איז געווען די באַלעבאָסטע, און שטענדיק געהאַט אַ פּאָר זייטיקע גראָשנס. האָט זי טאַקע געקענט אַ ביסל נאַשן, און אין געוועלבל קויפן זיך קאַרמעלקעס, מאָנדלעך, מאַרמעלאַדקעס. און אַמבעסטן האָט זי ליב געהאַט ליאַ־דעס. איר פּייפּקע האָט פון דעם געוווּסט, און ווען ער איז געקומען פון גאַס, האָט ביילקע שוין אויסגעקוקט אויף אים, אויף איר פּייפּקען, וואָס קויפט איר אַלץ וואָס זי האָט ליב.

פאַר ביילקען איז שבת געווען דער בעסטער טאָג. שבת איז פּייפּקע מיט ביילקען געגאַנגען אין די גראַבינקעס, אין אַ וועלדל אַזאַ. דאָרט זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע קאַטעריניאַזשעס, אַלע גרופּעס: די וואָס גייען און מאַכן קונצן, און די מיט די קעסטעלעך. אַלע האָבן זיך שבת פאַרזאַמלט אין דעם וועלדל, און יעדער האָט מיט־געבראַכט, ווער אַ געבראָטענע קאַטשקע, ווער אַ געבראָטן גענדזל, גאַנצע פעסעלעך מיט ביר, שנאַפּס, געזאַלצענע אַר־בעס מיט באָבעלעך, הערינג. עס איז געוואָרן אַ גרויסער באַל. די קאַטעריניאַזשעס זענען געווען אָפּגעזונדערט. זיי זענען געווען אַ פּאָר הונדערט מענטשן מיט פרויען און קינדער. עס זענען אויך געקומען אַנדערע גרופּעס מענטשן, אָבער מען האָט זיך נישט אַוועקגעזעצט דאָרט ווו די קאַטע־ריניאַזשעס זענען געווען פאַרזאַמלט.

דער עולם מיט די גלאַנציקע דאַשקעס, הויכע שטיוול און פאַרביקע רובאַשקעס, און די פרויען אויך אין פאַרביקע קליידער, האָבן זיך גענומען צו עסן און טרינקען. אַ סך האָבן מיטגעבראַכט האַרמאָניקעס און פּייקלעך, האָט מען זיך נאָכן עסן גענומען טאַנצן קאַמאַרעשקעס און פאַרשידענע טענץ. דאָס געזאַנג און שפּילן האָט מען גע־הערט ווי ווייט.

פּייפּקע מיט ביילקען זענען געווען גוטע טענצערס.

זענען אַלעמענס אויגן געווען געווענדט צו זיי, און אַלע האָבן שוין געוואַרט, אַז פּייפּקע מיטביילקען זאָלן שוין אָנהויבן טאַנצן. און אַז זיי האָבן גענומען טאַנצן, איז עס געווען אַן אָפּרו. די האַרמאָניקעס האָבן געשפּילט, און חברה האָבן געטאַנצט, און אַ ביסל איז מען געווען אונ־טערן גלעזל, האָט זיך יעדער איינער דעם צווייטן געזאָגט זיין יחוס, און עס איז געוואָרן לעבעדיק. און אָן קלעפּ איז קיין שום שבת נישט אַוועק, מען האָט זיך געמוזט אַ ביסל אַדורכלופּטערן.

פּייפּקע מיט זיין שענסטער ביילקען — אַזוי האָט ער געזאָגט: „מיין ביילקע איז די שענסטע וואָס איז דאָ אויף דער וועלט", און אַזוי האָט ביילקע געזאָגט וועגן איר פּייפּקען, וואָס האָט זי אַזוי ליב, און גיט איר אַ סך צו נאַשן. ביידע האָבן זיך אַוועקגעשאַרט אין אַ זייטיק ווינקל, און פּייפּקע האָט געדריקט זיין ביילקען, ביז ביילקע האָט געשריגן: „פּייפּקע לעבן, וועסט מיך צעדריקן, קוועטש מיך נישט אַזוי שטאַרק". „איך האָב דיך אַזוי ליב, אַז איך וועל משוגע ווערן, ביילקע". און ביילקע האָט זיין שוואַרצע טשופּרינע פון אירע הענט נישט אַרויסגעלאָזט, און געקושט אים און געהאַלדזט אים. „מיין פּייפּקע, מיין שיינער פּייפּקע"... און די הענט האָבן זיך פאַרוויקלט אַרום די צוויי קערפּעס און עס איז געוואָרן איינס...

שבת איז פאַר ביידן געווען דער שענסטער און בעס־טער טאָג פון דער וואָך. און ביידע האָבן געבענקט נאָך דעם שבת.

די נאַכט איז צוגעפאַלן און דער גאַנצער עולם קאַ־טעריניאַזשעס האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן אַהיימצוגיין, און גענומען איינפּאַקן די פאַרשידענע זאַכן, וואָס זיי האָבן מיטגעברענגט: קאָלדרעס, טיכער וואָס זיי האָבן זיך אונטערגעלייגט, די ליידיקע פעסלעך פון ביר, טעפּ, ליידיקע

פלעשלעך פון ביר, אַלץ האָט מען צוגעגרייט אויף אַ היים צונעמען. פייפקע מיט ביילקען זענען געווען פון די לעצטע צום אַהיימגיין. פייפקען איז געווען אַ שאָד דער שבת, וואָס איז אַזוי שנעל אַוועק.

און אויף מאָרגן אין דער פרי, האָבן זיך ווידער אַרויס־געלאָזט די קאַטעריניאַזשעס מיט זייערע קאַטערינקעס און קעסטעלעך, מיט זייערע פאַרשידענע פאַרביקע פייגל, פאָפּוגעס. איבער די לאָדזשער גאַסן האָבן זיך ווידער געהערט די אָפּגעהאַקטע מאָנאָטאָנע קלאַנגען פון זייערע קאַ־טערינקעס.

קראַמערס הויף

קראַמער איז געווען אַ באַלעבאָס פון אַ סך הייזער אין באַלוט. וועגן קראַמערן זענען אַרומגעגאַנגען פאַרשידענע לעגענדעס. ער האָט געמוזט יעדעס יאָר בויען הייזער, אַזאַ אָפּמאַך האָט ער געהאַט מיט די שדים... מען האָט דער־ציילט, אַז צוועלף אַזייגער ביינאַכט טרעפט ער זיך מיט די שדים אויף אַ באַשטימט אָרט, און דאָרט ווערן דער־ליידיקט פאַרשידענע ענינים, ווי געבן געלד און באַשטימען וויפל שטאָק דאָס הויז דאַרף האָבן.

קראַמערס הייזער זענען געווען באַרימט אין לאָדזש ביי דער אָרעמער באַפעלקערונג. זיינע הייזער זענען מערסטנס געווען איינצלנע שטובן פון פינף מעטער די לענג און דריי און אַ האַלב מעטער די ברייט. אַזוי אַז יעדער אָרעמאַן האָט געקענט צוקומען צו אַ וווינונג. קראַמער איז געקומען יעדן פרייטיק אין הויף פון באַשטימטן אָרט. דער סטרוזש האָט אים שוין אַנטקעגן געטראָגן אַ שטול און קראַמער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין מיטן הויף. אויף זיין אָרעם האָט געהאַנגען אַ בייטל, אַזוי ווי ביי אַ קאָנדוקטאָר אויף אַ לאָדזשער טראַמוויי, און דער עולם אָרעמעלייט האָט אָנגעהויבן אַראָפּטראָגן די פאָר גילדן פאַרן דירה־געלט.

קראַמער, כאָטש ער איז געווען אַ דייטש, האָט פיין גערעדט יידיש און איז געווען זייער באַליבט ביי זיינע לאָקאַטאָרן. עס זענען געווען פאַלן, אַז ער איז געקומען נאָך געלט, און עס איז געווען ווינטער־צייט, איז ער גע־

גאַנגען צו יעדן. און אַז נישט יעדער האָט געקענט באַ־
צאָלן די פּאָר גילדן, פלעגט ער באַרואיקן די פרוי און זאָגן:
„זאָרג זיך נישט, מאַמעשי, וועסט האָבן, וועסטו מיר באַ־
צאָלן". און אַז ער, קראַמער, אַליין האָט נישט געקענט
קומען, האָט ער שטענדיק געשיקט זיין זון, ווילהעלם.
ווילהעלם האָט אויך געקענט יידיש. אַליין איז ער געווען
אַ לונגען־קראַנקער. און אַז ער איז געקומען אין אַ שטוב,
וווּ עס איז געלעגן אַ קראַנקער, וואָס איז אויך קראַנק
געווען אויף לונגען, האָט ער זיך גלייך געפרעגט: „וואָס
איז אים?" די מוטער פון שטוב האָט געענטפערט: „אַ
ביסעלע קראַנק אויף לונגען". „נעם זיך נישט איבער,
מאַמעשי — האָט געענטפערט ווילהעלם, — איך בין מער
קראַנק ווי אַביסל, און איך לעב אויך, וועסט זען, גאָט וועט
דיר העלפן". און ער האָט שוין קיין דירה־געלט נישט גענו־
מען, און נאָך איבערגעלאָזט אַ פּאָר גילדן.

אַזוי, אַז די קראַמערס זענען געווען זייער באַליבט
ביים יידישן עולם. די גרעסטע טייל יידן האָבן געוווינט
אין זיינע הייזער. פון יעדן איינעם האָט מען געקענט הערן:
„קראַמער! קיין יידישער באַלעבאָס וואָלט דאָס נישט
געטאָן פאַר זיינע לאָקאַטאָרן, וואָס דער קראַמער טוט".

אַממייסטן האָט דאָס געשריען שיע פלאָק, זיינס אַ
לאָקאַטאָר פון באַלוט, זאַוואַדזקע צוויי און דרייסיק. „ער
איז דאָך אַ טייערע נשמה און האָט אַ יידיש גוט האַרץ,
זאָל מען אַלע אַזוי לעבן". שיעס צונאָמען איז געווען
„פלאָק". פאַרוואָס מען האָט אים אַזוי גערופן האָט מען
נישט געוווּסט. שיע איז געווען אַ גאַסן־מענטש. ער האָט
געהאַנדלט מיט הייסע וווּרשטלעך. דאָס קעסעלע זיינס,
וווּ די וווּרשטלעך האָבן זיך געוויִקט אין קאָכעדיק וואַסער,
איז געווען אַזוי פאַרקאָפּטשעט, אַז מען האָט נישט אַרויס־
געזען אַ שטיקל בלעך דערפון. מען האָט געזען ווי פון אַ

שוואַרץ שטיק מאַסע שלאָגט זיך אַרויס אַ פאַרשטיקטער רויך, און מ'האָט געפילט אַ געשמאַק פון הייסע וווּרשט־לעך. דער געשמאַק האָט צוגעצויגן צו זיך די אַלע גאַסן־מענטשן, וואָס שלעפן זייער חיונה פון דער גאַס, ווי טרעגערס, פורמאַנעס, דראָזשקאַזשעס, באָבע־יידלעך, הענד־לערס און אַנדערע חברה, וואָס כאַפּן עפּעס אַראָפּ פון אַ וואָגן...

אַז מען האָט דערהערט די שטים פון שיע פלאָק מיט זיין גרילצנדיקן טאָן, „הייסע וווּרשטלעך"! האָבן זיינע גע־שווירענע קונים אים באַלאַגערט. שיע פלאָק האָט נאָך עפּעס געהאַט פאַר זיינע קונים: אַ ווערטעלע, אַ וויצעלע, אַ קללה פאַר יעדן איינעם באַזונדער. דערפאַר האָבן זיי־נע קונים טאַקע אים ליב געהאַט און געווען מיט אים פאַן־בראַט. אַז מען האָט דערהערט שיעס שרייען: „הייסע וווּרשטלעך"! האָבן זיך חברה באַוויזן פון פאַרשידענע באַהאַלטענע ווינקלעך, ווו קיין פרעמדער האָט דאָרטן נישט געקענט צוקומען, נאָר בלויז „אייגענע"...

ווי שיע זאָל נישט זיין פאַרנומען ביי זיינע קונים, האָט מען פון צייט צו צייט געהערט זיין גרילצנדיק שטימעלע: „הייסע וווּרשטלעך! קאָכעדיקע וווּרשטלעך!" שיע האָט זיך געפילט ווי אַ פיש אין וואַסער. איין קונה פלעגט ער דערלאַנגען אַ וווּרשטל מיט אַ בייגל, אַ צווייטן — צוויי שטיקלעך פריש ברויט מיט צוויי וווּרשטלעך. ער האָט אויך געהאַט קנאַק־וווּרשטלעך צו פאַרקויפן. די סחורה איז נאָר געווען פאַר נאַשערס, וואָס עסן נישט קיין בייגל אָדער ברויט. דאָס איז געווען פאַר די אויבערסט־הענדלערס, וואָס האָבן זיך געקענט פאַרגינען צו עסן אַזאַ טייער מאכל.

שיע פלאָק האָט אַזוי פאַרבראַכט דריי פערטל פון זיין לעבן אין גאַס. ער האָט אויך געמאַכט אַ קערטל מיט

די פּאַן־בראַטניקעס. שיע איז נישט געווען פון די געווינערס, נאָר פון די פאַרלירערס, איז קומענדיק אַהיים, האָט ער אַלץ אויסגעלאָזט צו זיין ווייב „חוה שליאַך". אַזוי האָבן זי די שכנים גערופן, ווייל ווען אַ שכנה איז פאַרבייגעגאַנגען האָט זיך געפילט אַ שטיקנדיקער ריח פון איר שטוב, און קיינער פון די שכנים האָט נישט געוואַגט זיך עפּעס צו באָרגן ביי חוה שליאַך. אַז שיע איז אַהיימגעקומען אַ „פאַרשפּילטער", איז געווען ליהודים. די פּאָר טעלערלעך מיט די פּאָר גלעזלעך און בלעכענע טעפּלעך האָבן געטאַנצט צום טאַקט פון איין אָרט צום צווייטן.

חוה האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן, ווייל זי איז געווען אַ שוואַכע פרוי פון אַלע יאָרן. און איר זונדעלע, יאָסעלע, איז אויך נישט געווען מיט אַלעמען. ער האָט גערעדט לאַנגזאַם און נישט פאַרשטענדלעך, און שנעל גיין האָט ער אויך נישט געקענט. האָט דער פאָטער זיינער אים אַ נאָמען געגעבן „גולם". האָט שוין דער גאַנצער הויף אים גערופן „יאָסעלע גולם". אָבער שיע איז דאָך אַ טאַטע, ער מעג, אַ פרעמדער נישט. אַז ער האָט געהערט רופן זיין זון גולם, האָט ער דורכן פענצטער אַרויסגעשריען: „איך וועל אונטערהאַקן די פיס די וואָס ווען אים רופן גולם, בענקאַרטעס וואָס איר זענט"... אַז שיע פלאָק איז אַמאָל אַהיימגעקומען אַ טאָג ווען ער האָט נישט געכאַפּט קיין קערטל, איז אים נישט געווען צו דערקענען. האָט ער מיטגעבראַכט פאַר זיין יאָסעלען אַ פּאָר קאַרמעלקעס און קיכלעך מיט צוקער. אפילו פאַר זיין ווייב חוה שליאַך, האָט ער אויך עפּעס מיטגעבראַכט: אַ פּאָר בולקעלעך מיט אויפּשניט. און פאַר די שכנים האָט ער מיטגעבראַכט אַ ביסל רואיקייט. דעם טאָג האָבן די שכנים פריי אָפּגע־אָטעמט. מען האָט נישט געהערט קיין געשרייען און קיין געוואַלדן פון שיעס שטוב. אָבער דאָס איז געווען אַ

זעלטנקייט. שיע איז פאַרט געווען אַ גאַסן־מענטש, האָט ער זיך שטענדיק געקריגט מיט זיין ווייב.

שיע איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט נישט גע־קענט זען אַז מען טוט אַ יידן אַן עוולה. ער האָט זיך ממש איינגעשטעלט זיין לעבן. אויף דעם הויף וו שיע האָט געוווינט, האָבן געוווינט אַביסל גוים, און צווישן זיי גאָר וואַזשנע שונא־ישראל. האָבן זיי שטענדיק אָנגעהויבן טשעפּען די יידן שבת נאָך מיטאָג. איין מאָל האָט שיע פּונקט געכאַפּט אַ דרימל און די געשרייען פון הויף האָבן אים אויפגעוועקט, איז ער אַראָפּ אויפן הויף און געזען, אַז מען שלאָגט יידן. האָט זיך שיע מיט נאָך אַ פּאָר חברה גענומען צו דער אַרבעט. מען האָט אָפּגעשלאָסן דאָס טויער און שיע מיט זיינע חברה האָבן באַוויזן וווּנדער... נאָך דעם פאַל איז געווען אַ לאַנגע צייט רואיק אויף באַלוט זאַוואַדזקע צווי און דרייסיק, און די יידן האָבן געקענט פריי זיך באַוועגן.

שיע האָט אינערלעך איבערגעלעבט אַ טראַגעדיע, וואָס זיין זון איז נישט אַזוי געראָטן. איז מקנא געווען יעדן איינעם, וואָס האָט געהאַט אַ יינגל מיט לייטן גלייך. „אוי ווען מיין יאָסל וואָלט געווען אַ לייט, וואָלט מיר געווען וויל מיין וועלט". אַזעלכע ווערטער האָבן זיך אָפּט אַרויסגעריסן פון שיעס האַרץ. קיין סך צייט אַזעלכע ווערטער צו רעדן האָט שיע נישט געהאַט. ער איז געווען אַ פאַריאָגטער מענטש, די גאַס האָט אים אינגאַנצן איינ־געשלונגען. ווען שיע איז געוואָרן שוואַכער, האָבן אַ סך פון זיינע חברה געזאָגט איינער צום צווייטן. „דו זעסט, אַז שיע רוקט זיך"... „אַ שאָד, אַ בריליאַנטענער יונג" — האָט אַ צווייטער געענטפערט. שיע האָט אָנגעהויבן קומען זעל־טענער אין גאַס, ווייל זיינע פיס האָבן אים אויפגעהערט צו דינען. שיע פלעגט אָפּט ליגן אין בעט, און דאָס הויז

האָט אָנגעהויבן אונטערצוגיין. די אָרעמקייט האָט געהאַט איינגעשלונגען דאָס שמוציקע שטיבל, און שיע איז ביס־לעכווייז געוואָרן צוגעשמידט צום בעט. ער האָט דאָס בעט מער נישט געקענט פאַרלאָזן, און יאָסעלע זיין זון, איז אָפטער צוגעגאַנגען צום בעט און אויסגעשטאַמלט די ווערטער: „טאַ־טע וו־אַ־ס אי־דע", און שיעס האַרץ האָט געפלאַצט פון ווייטאָג. ער האָט געשלונגען די טרערן. — „וואָס ווייגסטו יאָסעלע?" האָט געענטפערט שיע. „וו־אַ־ס אי־דע", האָט יאָסל ווייטער געפרעגט. „איך בין קראַנק, יאָסעלע, — אָך איז מיר! וואָלט ער כאָטש געקענט זאָגן קדיש..."

יאָסל האָט זיך צעכליפעט און אַרויסגעוויינט די ווערטער „טאַ־טע!..." אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אין מיטן נאַכט געהערט שרייען: „מענטשן! מענטשן! קומט אַריין, ראַטעוועט! ראַטעוועט!" און ווען די שכנים זענען אַריינגעלאָפן, איז שוין נישט געווען וועמען צו ראַ־טעווען. שיע איז געווען טויט, און עס זענען געלעגן אַ־ביסל ביינער אויף צעריבן שטרוי אין בעט. ביים בעט איז געשטאַנען יאָסעלע און מיט אַ געוויין געשריגן: „טאַ־טע! וו־אַ־ס אי־דע!..."

ערב פסח אין באַלוט

אין באַלוט, דער פעריפעריע פון דער שטאָט לאָדזש, וווּ עס האָט זיך רעקרוטירט די גרעסטע טייל אָרעמקייט, האָבן זיך די מענטשן פאַרנומען מיט האַנט־וועבעריי. אויף זאַוואַדזקע גאַס צוויי און דרייסיק, אין אַ הויף פון פיר גרויסע הייזער, זענען געווען אָנגעשטאָפּט אַכט הונדערט נפשות. די קלענסטע פאַמיליע איז באַשטאַנען פון פינף מענטשן. יעדער איינער האָט געהאַט לויט זיינע מעגלעכ־קייטן איין וועבער־שטול אָדער מער. אַ טייל פון די וועבער האָבן אויסגעאַרבעט פלושענע דעקן אויף בעטן, טישטעכער און פאָרהאַנגען. די קינדער וואָס זענען געווען גרויס אין צאָל ביי יעדער פאַמיליע, האָבן פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט ביים העלפן די עלטערן ביי די וועב־־שטולן.

גרויס פאַרגעניגן האָבן חברה קליינוואַרג געהאַט ביי מאַכן די קעטע. מען האָט געמוזט אויפוויקלען דעם באַוול (פאָדעם) אויף אַ בוים און שפּעטער דעם בוים איינגלידערן אין דעם וועב־שטול און וועבן. נאָכן מאַכן די קעטע אויפן הויף, און שפּעטער אַריינטראָגן אין שטוב, ווילן זיך קינדער אַלץ אַביסל שפּילן. האָט מען זיך אַראָפּ־געכאַפּט אויפן הויף צו שפּילן אַ ביסל אין קליפּע, און כאַפּן אַ יאָג אין בלינדע קי, אין סטרולקעס.

דאָס בעסטע שפּילן איז געקומען ערב פּסח. חברה קליינוואַרג פלעגן זיין אַזוי פאַרשפּילט, אַז די עלטערן פלעגן די קינדער נישט זען אַ גאַנצן טאָג.

ערב פסח, ווי עס האָט זיך געפירט אין דער היים, פלעג מען אַרויסטראָגן צו לופטערן דאָס בעטגעוואַנט. פלעגן חברה גלייך מאַכן קאָזשאָלקעס אויף די דעקן און קישנס. די שעניקעס מיטן אַלטן שטרוי, האָבן די באַלע־באָסטעס געטראָגן צו אַ גרוב, וואָס איז געווען ביים ענדע הויף, וווּ דער בית־הכסא איז געשטאַנען. דאָרט האָט מען דאָס אַלטע שטרוי אַריינגעוואָרפן, און די שעניקעס אָנגע־שטאָפּט גלייך מיט פריש שטרוי. האָבן חברה אויסגעטראַכט אַ שפּיל צו שפּרינגען פונעם דאַך פון בית־הכסא אין גרוב אַריין, און דאָס שפּיל איז געוואָרן אַ מאַסן־שפּיל פאַר אַלע קינדער פון הויף. חברה זענען געשפּרונגען פון דאַך אין גרוב אָן איבעררייס דעם גאַנצן טאָג. דאָס שטרוי וואָס איז ביי יעדן איינעם געלעגן אַ יאָר צייט אין שעניק, איז געווען פאַרוואַנצט און פאַרפּוילט. האָבן חברה שפּרינגערס געבראַכט אַהיים די פליי מיט די וואַנצן אין זייערע שטובן אַריין. מיד פון שפּרינגען זענען די קינדער אַריינגעפאַלן אין די בעטן, טויט מידע. די עלטערן האָבן געהאַט אַן אַרבעט אַראָפּצושלעפּן די קליידער פון די שלאָפנדיקע קינדער. די עלטערן זענען די זעלבע נאַכט נישט געשלאָפן, אָבער די קינדער וואָס האָבן געברענגט אין שטוב אַריין די פליי, זענען געשמאַק געשלאָפן, ווייל נאָך אַזאַ שווערער אַרבעט וואָס חברה האָבן דעם טאָג מיטגעמאַכט האָט מען געקענט אויף זיי האַלץ האַקן.

עס האָט זיך דעם קינד געחלומט, ווי ער גייט אויפן דאַך, און ער שפּרינגט שוין ווידער אין גרוב אַריין, און ביי יעדן שפּרונג האָט ער זיך געגעבן אַ דריי אין בעט. אַזוי האָט ער געחלומט ביזן פאַרטאָג אַריין, ביז ס'האָט זיך געהערט רופן פון הויף: „יונה, שלמה, כאַטסקל קומט אַראָפּ!...”

אין זעלבן הויף איז אויך געווען אַ בעקעריי, וווּ מען

האָט אַלע יאָר געבאַקן מצות. אָרעמעלייט האָט נישט גע־פעלט. האָט מען שוין געוואַרט אויף דעם ערב פסח מען זאָל קענען גיין צו די מצות אַרבעטן, און יעדער איינער ביי זיך האָט גערחשבונט, וואָס ער וועט אַלץ קויפן פאַר די קינדער און פאַר זיך, און דער עיקר, אַז ער וועט קענען מאַכן יום־טוב...

אָבער קליינוואַרג האָט זיך אויך אינטערעסירט מיט גיין אַרבעטן ביי די מצות. יעדער קליינער האָט געוואָלט זיין אַ גרויסער... ער וועט פאַרדינען געלט און קענען אַהיים געבן און מען וועט אים קויפן שיינע זאַכן...

האָבן זיך קליינוואַרג פאַרהאַנדלט ביי די מצה־בעקערס, ווער פאַר אַ מצה־קערער, ווער פאַר אַ גיסער, און ווער פאַר אַ גלאַנגער. אויפגעוועקט צו דער אַרבעט האָט מען דורך קלאַפן אין אַ קופערנער שיסל מיט אַ וואַלגערהאָלץ און דורך די פענצטער האָט מען געקענט זען פאַרשלאָ־פענע פנימער. חברה צוזאַמען מיט דערוואַקסענע זענען געקומען צולויפן אין בעקעריי, און יעדער איינער האָט באַ־קומען זיינע כלים צו דער אַרבעט... דער מעלער וואָס שיט מעל אין די פאַן אַריין, דער קנעטער וואָס מאַכט די מיירעס (טייג), דער וואַסער־גיסער, וואָס גיסט וואַסער אין מעל אַריין, אַז די מיירע זאָל אַרויס פאַרטיק. די וועל־גערער מאַכן די מצות און די גלאַנגערס וואָס דערלאַנגען די מצות צום רעדלען, און שפעטער גיבן זיי אין אויוון אַריין. אַלע די קליינע חברה און די דערוואַקסענע האָבן מיט ליבע געאַרבעט, און יעדער האָט ביי זיך געטראַכט: מיר וועלן זיין מיט לייטן גלייך פסח...

די אַרבעט איז געפאַלן וואָס אַמאָל שווערער, מען האָט געמוזט אונטעריאָגן, — „נו, שנעלער, שנעלער ווייבלעך" — האָבן די אונטעריאָגערס געשריגן — „זאָל מען שוין זען אַ מצה פון טיש, מאַכט שנעלער וועט איר גיין אַ היים.

און איר פאַניענקעס יאָגט אייך צו, וועט איר קריגן אַ חתן... שנעלער, קינדערלעך, פסח וועט איר קריגן באַ־בעלעך". און מען האָט זיך גענומען צו דער אַרבעט. יעדער איינער האָט זיך אונטערגעזונגען זיינס אַ לידל. אין דער פאַנטאַזיע ביי זיך, האָט זיך יעדער איינער געזען אויס־געפוצט לכבוד יום־טוב...

דעם ערשטן טאָג פסח האָט מען שוין געקענט זען אויפן הויף די אויסגעפוצטע מיידלעך אין די נייע שיכעלעך, מיט קאָרטענע קליידלעך און פאַרביקע שטיקעלעך באַנד אין די צעפּעלעך. די יינגלעך אין שטיוועלעך מיט צייגענע אָנצוגלעך, קאַפּאָטקעלעך. יעדער איינער האָט געוואָלט באַווייזן וואָס מען האָט אים געקויפט אויף יום־טוב.

אין מיטן הויף זענען די באַקליידטע און באַשוכטע נישט געגאַנגען, ווייל עס האָט נישט געפעלט קיין בלאָטע. זענען חברה געגאַנגען ביי דער וואַנט. דאָס זעלבע האָט זיך אויך אָפּגעשפּילט ביי די גרויסע, אָבער אַ ביסל אַנדערש. די גרויסע זענען געגאַנגען דורכן הויף אויף די שפּיץ פינגער, זיי האָבן נישט געוואָלט איינשפּריצן די נייע מלבושים וואָס זיי האָבן געטראָגן.

אין יעדער שטוב האָט דער יום־טוב פסח אַריינגעבראַנגט אַ סך פרייד. דאָס האָט מען געקענט אַראָפּלייענען פון יעדן איינעם, איבערהויפּט ביי די קינדערלעך. זייערע פּנימער האָבן געלויכטן פון גליק, דער עיקר איז נישט געווען דאָס עסן, ווי צו זיין אויסגעפוצט לכבוד פּסח.

שמאַטע־קלייבערס

די ריזיקע פאַבריק־קוימענס, וואָס האָבן אויסגעשפּיגן טאָג־איין, טאָג־אויס גאַנצע וואָלקנס רויך, האָבן פאַרסמט די לופט פון די לאָדזשער גאַסן. די שטאָט איז תמיד געווען אַ פאַררויכערטע, און די שווינדזוכט־קראַנקייט האָט זיך געמערט ביי דער באַפעלקערונג, איבערהויפּט אויפן באַלוט.

אין די קליינע, ענגע שטיבלעך, האָבן געלעבט די צו־זאַמענגעקוועטשטע פאַמיליעס — צו פינף, זעקס און אפילו צו צען נפשות אין אַ שטוב.

דאָס טייערסטע פאַר די, וואָס האָבן געלעבט אין די ענגע שטיבלעך, איז געווען דאָס קליינע פענצטערל וואָס מען האָט עס געקענט אויפמאַכן ווען מען וויל און דורך וועלכן מ׳האָט געכאַפּט אַ ביסל לופט.

אין די זומער־טעג, ווען דאָס טאָג־ליכט האָט זיך באַוויזן, האָט מען שנעל אויפגעפראַלט דאָס פענצטערל צו קענען איינאָטעמען אַ ביסל לופט פאַר די שוואַכע לונגען, און אַ סך מאָל האָט פאַסירט אַז מען האָט געמוזט שנעל דאָס פענצטערל פאַרמאַכן, ווייל די שמאַטע־קלויבערס האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט אין די מיסטקאַסטנס.

איבער די לאָדזשער באַלוטער הויפן, האָט מען יעדן טאָג געזען פאַרשידנאַרטיקע פנימער פון שמאַטע־קלויבערס. יונגע, מיטעלע, אַלטע מיט זעק באַהאָנגען איבער די פלייצעס, די לענדן אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שנור, און מיט אַ גראַביע אין האַנט אויפצורודערן דאָס מיסט, צו קענען

געפינען שמאַטעס, שטיקלעך אייזן און ביינער. דער שלעכ־טער ריח האָט זיך גלייך געפילט אויפן גאַנצן הויף.

דאָס שמאַטע־קלויבעריי איז כמעט איינגעשטאַנען ביי גויים אין די הענט. יידישע שמאַטע־קלויבערס זענען געווען ווייניק. זיי האָבן דורכגענישטערט אַזוי פיל הויפן, ביז דער זאַק איז געווען פול. שפעטער האָבן זיי די שמאַטעס געטראָגן צו פאַרקויפן אין שמאַטשאַרניעס.

די שמאַטע־קלויבערס האָבן מוראדיק אויסגעזען, ס'האָט זיך פון זיי געפילט דער ריח פון מיסטקאַסטנס. זיי זענען אַרומגעגאַנגען ברודיקע, שמוציקע, שוואַרץ ווי די קוימענקערערס. שטיקלעך קערפער האָט זיך אַרויס־געוויזן פון זייערע צעריסענע בגדים.

אַז עס האָט זיך דערנענטערט צוועלף בייטאָג, האָט יעדער שמאַטע־קלויבער געוווסט, אַז עס איז מיטאָג־צייט. האָט מען איבערגעריסן די אַרבעט און אַוועקגעזעצט זיך אָן אַ זייט אויפן הויף און געגרייט זיך צום מיטאָג. אַ סך האָבן געהאַט מיט זיך אַ פעקעלע; זיי האָבן אויפגעפאַקט דאָס פאַפיר און אַרויסגענומען אַ שטיקל קאַשטאַנקע־ווורשט מיט צוויי שטיקלעך ברויט, און גענומען עסן. געוואַרט ביז איינס אַזייגער, ווען די פאַבריקן־סירענעס האָבן אָנגעהויבן פייפן. אַז די צייט פון מיטאָג איז אַדורך, האָט מען גענומען אויף זיך די זעק שמאַטעס און זיך ווידער געלאָזט איבער אַנדערע הויפן.

אַזוי האָבן די איינוווינער פון די באַלוטער הויפן געהאַלטן אין איין צומאַכן און אויפמאַכן די פענצטער. אָבער אַז מען האָט געוווסט אַז דער שמאַטע־קלויבער געפינט זיך שוין אויף אַ צווייטן הויף, האָט מען ווידער געעפנט דאָס פענצטער, און ס'האָט זיך געהערט דאָס נאָרמאַלע קלאַפן פון די וועבער־שטולן, אַדורכגעפלאָכטן מיט געזאַנג. אַ שטימע האָט אויסגעזונגען „ראָזשינקלעך

מיט מאַנדלען, דאָס וועט זיין דיין באַרוף", און דאָס געזאַנג איז געוואָרן פאַרטושט דורך די גויים וואָס פירן זאַמד פאַר די באַלוטער שטובן און שרייען: „פּיאַסעק! פּיאַסעק!"

פון אַלע זייטן הויף האָבן זיך באַוויזן קינדער, דער־וואַקסענע מיט קויבערלעך, שיסלען, עמערס מיט קאַר־טאָפל־שאָבעכץ, און געטראָגן דעם גוי, ער זאָל זיי געבן אַ ביסל זאַמד, מען זאָל קענען אויפפרישן די שטובן.

דער זאַמד, וואָס גויים האָבן געברענגט אין שטאָט אַריין, איז געווען אָדער געל אָדער ווייס. פאַרשטייט זיך, אַז די מענטשן האָבן בעסער געוואָלט קריגן ווייסן זאַמד. עס האָט געמאַכט די שטובן אַ ביסל ליכטיקער. פאַר דעם זאַמד האָבן די גויים אַהיים געפירט זעק מיט שאָבעכץ פאַר זייערע בהמות. און אַז עס האָט פּאַסירט, אַז דער זאַמד־פירער האָט אַמאָל נישט געקענט קומען, זענען די מענטשן געווען פאַרצווייפלט און מען האָט זיך געמוזט איינהערן, אויב מען רופט נישט אויף אַ צווייטן הויף, און ווען מען האָט געהערט רופן: „פּיאַסקאַ! פּיאַסקאַ!" האָבן מענטשן זיך געלאָזט לויפן אויפן צווייטן הויף צו ברענגען אַהיים אַ ביסל זאַמד פאַר דער שטוב...

די קינדער וואָס זענען געווען מער אויפן הויף, ווי אין שטוב, האָבן געקענט זייער גוט יעדן שמאַטע־קלויבער. ווען זיי האָבן דערזען אַ שמאַטע־ קלויבער, איז באַלד געוואָרן אַ „קאָנצערט" פון שרייען: „שמאַטע־קלויבער! שמאַטע־קלויבער!" און די שמאַטע־קלויבערס האָבן די קינדער נישט געשאַנעוועט, און זיי געשלאָגן.

אָבער איין שמאַטע־קלויבער, אַ יונגער, אַ שיינער, האָט די קינדער קיינמאָל נישט געשלאָגן, כאָטש זיי האָבן גע־שריגן אויף אים „שמאַטע־קלויבער". ער האָט געהייסן

פעלעק. ער האָט די קינדער תמיד באַגעגנט מיט אַ שמייכל און די קינדער האָבן מיט דער צייט אויפגעהערט צו שרייען אויף אים שמאַטע־קלויבער.

פעלעק האָט זיך שטענדיק צוגעקוקט, ווי די ייִנגלעך שפּילן אין קליפּע אָדער אין אַ בלינץ (בלינדע קו). פעלעקס בליקן צו די קינדער זענען פול געווען מיט אַ סך ליבשאַפט. אין אָנהויב האָט מען דאָס נישט פאַרשטאַנען, אָבער שפּע־טער איז קלאָר געוואָרן, אַז פעלעקס מאַמע איז געווען אַ גע־שמדטע ייִדישקע.

אַז פעלעק האָט אין מיסטקאַסטן געפונען עפּעס אַ זאַך וואָס מען קען זיך דערמיט שפּילן, האָט ער עס באַ־האַלטן פאַר די קינדער: אַ שטעקעלע, אַ שטיקל דראָט, אַ קאָלער פאָדים, אַ קרעל, אַלץ האָט פעלעק באַהאַלטן און געגעבן די קינדער.

די קינדער האָבן פעלעקן ליב באַקומען, און מיט דער צייט, אַז מען האָט דערזען פעלעקן קומען אויפן הויף, האָבן די קינדער מער נישט געשריגן „שמאַטע־קלויבער", נאָר מען האָט געהערט שרייען: „פעלעק גייט, פעלעק גייט!" די קינדער האָבן זיך אַרום פעלעקן פאַרזאַמלט, און פעלעק האָט מיט זיי גערעדט. פעלעק האָט געקענט אַ ביסל ייִדיש, און ווען ער איז אַוועק פון הויף, האָבן די קינדער אים נאָכגעשריגן: „פעלעק קום מאָרגן..."

אין אַ געוויסן טאָג האָט זיך פעלעק באַוויזן אויפן הויף אָן דעם זאַק מיט דער גראַביע, נישט איינגעשמירט, נאָר ריין אָפּגעוואַשן דאָס פּנים. עס איז פאַר די קינדער אויפן הויף געווען אַ רעטעניש, זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז. פעלעק האָט אַרויסגענומען פון טאַש אַ טוטל מיט צוקערלעך און קאַרמעלקעס און אָנגעהויבן טיילן די קינדער. די שמחה ביי די קינדער איז געוואָרן זייער גרויס. פעלעק האָט די קינדער געזאָגט: „אַזוי ווי

איך גיי אין מיליטער, בין איך געקומען זיך מיט אייך געזעגענען". אַ שטילקייט איז אַדורך ווי אַ בליץ ביי די פריילעכע קינדער, און אַלע האָבן געקוקט אויף פעלעקן מיט מאָדנע אויגן.

פעלעק איז געבליבן שטיין און האָט זיך נישט געקענט רירן פון אָרט, און זיינע אויגן זענען געוואָרן פול מיט טרערן, און אויסגעשטאַמלט די ווערטער: „אַז איך וועל אַהיים קומען, וועל איך אייך ברענגען שיינע זאַכן", און געלאָזט זיך גיין צום טויער, און די קינדער האָבן אים נאָכגעשריגן: „פעלעק! פעלעק! זאָלסט קומען!..."

ברוך דער מדינה־גייער

ברוך קומט פון אַ קליין שטעטל, אָסטראָווצע. אין דער היים איז ער געווען אַ וואַסער־טרעגער, האָט ער אַ האַלב לעבן געשלעפּט וואַסער פאַר די באַלעבאַטים פון שטעטל. ער איז געווען אַ קליינער, און דערצו געבענטשט מיט אַ הויקער פון ביידע זייטן. פאַרשטייט זיך אַז דאָס שלעפּן וואַסער איז אים אָנגעקומען זייער שווער. האָט ער שטענדיק געהערט דערציילן אין בית־המדרש, נאָך מנחה־מעריב, אַז אין די גרויסע שטעט איז דאָס לעבן נישט אַזוי שווער. ווען ער איז אַהיים געקומען אויף וועטשערע, און זיין ווייב רוכטשע האָט אים דערלאַנגט דעם קרופּניק, איז ברוך געווען אין זיבעטן הימל, ווייל פון די פּאָר גראָשן וואָס ער דערלאַנגט איר, קען מען אַזאַ זופּ אויך נישט מאַכן, האָט ער געטראַכט. נאָכן עסן האָט ער זיך אַביסל צערעדט מיט זיין ווייב דער בריה...

—דו ווייסט, רוכטשע לעבן, איך וואָלט געמיינט מען זאָל זיך אַריבערכאַפּן אין אַ גרויסער שטאָט.

— און וואָס רעכנסטו צו טאָן אין אַ גרויסער שטאָט ? פרעגט אים רוכטשע.

— איך וועל דיר זאָגן אַ סוד, איך האָב שוין לאַנג געטראַכט פון דער נייער פּרנסה, אָבער דאָ אין שטעטל קען מיך קינד און קייט, וויל איך נישט, און דאָרט אין דער גרויסער שטאָט קען מיך קיינער נישט, און מיט גאָטס הילף וועל איך האָבן פּרנסה. איך וועל גיין אויף דער מדינה, — ענטפערט ער איר.

— אויב דאָס וואַסער שלעפּן איז דיר אַזוי שווער, און דו קענסט נישט, וועט אין דער גרויסער שטאָט דאָס זיין זייער גוט...

— אָבער וואָס וועט מען טאָן מיט כאַנטשען ?

— וואָס זאָל מען טאָן ? ענטפערט רוכטשע. — זי איז דאָך געשטראָפט פון גאָט מיט משוגעת, מען האַלט זי דאָ אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, וועט מען זי אויך האַלטן אין דער גרויסער שטאָט אין שטוב, און אפשר וועט נאָך גאָט באַווייזן אַ נס, אין דער גרויסער שטאָט זענען דאָך דאָ אַ סך שפּיטעלער וועט מען זי דאָרט אַריינגעבן, און גאָט קען נאָך העלפן מען זאָל האָבן נחת פון איר. ווי מיינסטו ברוך־לעבן ?

— הייסט עס, אַז דו האָסט גאָרנישט קעגן דעם, אַז מיר זאָלן זיך אַריבערכאַפּן אין אַ גרויסער שטאָט. בין איך זייער צופרידן און מיט גאָטס הילף וועט אַלץ זיין גוט.

זייער מעבל איז באַשטאַנען פון אַ קופערט, אַ באַנק און אַ קעסטל, וואָס איז געווען פאַרדעקט מיט אַ שטיק דעקע, און האָט געדינט ווי אַ טיש, און צוויי אייזערנע בעטלעך. רוכטשע האָט געהאַלטן אין איין אויפמאַכן דעם קופערט און נישטערן די פּאָר שמאַטקעס וואָס זי האָט דאָרט געהאַט. אויפמאַכן דעם קופערט האָט רוכטשע נאָר געקענט ביינאַכט, ווייל בייטאָג איז עס געווען פון די שווערע זאַכן. זייער טאָכטער, כאַנטשע, די משוגענע, איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אויפן קופערט און זי אַראָפּצוברענגען פון אים איז אָנגעקומען זייער שווער. האָט שוין רוכטשע געוואַרט ביז כאַנטשע איז געגאַנגען שלאָפן און דעמאָלט האָט זי אָנגעהויבן אַדורכקוקן יעדע שמאַטע באַזונדער, און ביי זיך געטראַכט, אפשר וועט איר גאָט העלפן, אַז

אין דער גרויסער שטאָט וועט זי קענען קומען צו עפּעס בעסערס...

ברוך, ליגנדיק אויף זיין געלעגער, האָט נישט אַראָפּ־געלאָזט די אויגן פון די צוויי עמערס וואָס זענען געשטאַנען אין ווינקל. — „זייט נישט בייז, עמערס, וואָס איך וועל אייך פאַרלאָזן, איר האָט מיך באַגלייט אַ האַלב לעבן, איר האָט ביידע געטאָן וואָס איר האָט געקענט, אָבער קיין פּרנסה האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט. איך פאַרלאָז אייך, נאָר פאַרן פאָרן וועל איך אַריינגיין צו יאַנקל וואַסער־טרעגער און אייך איבערגעבן אין זיינע הענט. ער וועט אייך שוינען, אַזוי ווי איך האָב אייך געשוינט״. אַזוי האָט געטראַכט ברוך, ליגנדיק אויף דעם אייזערנעם בעטל, און די אויגן זיינע זענען אַלץ געווען געווענדט צו די צוויי עמערס, אַזוי ווי די צוויי עמערס וואָלטן זיך געפילט פאַרשעמט.

אַ קורצע צייט שפּעטער איז ברוך מיט זיין ווייב און טאָכטער און דאָס ביסל בעבעכעס געווען אין דער גרויסער שטאָט לאָדזש, אין אַ הויף וו עס האָבן געוווינט אַכט הונדערט נפשות, אין דער געגנט פון באַלוט.

די איינוווינער פון הויף האָבן גלייך דערקענט די גרויסע „גבירים״. האָבן די שכנים זיך גענומען צו דער אַרבעט און עס איז גלייך געווען וואָס צו עסן ביי ברוכן אין דער היים. ברוך מיט רוכטשען האָבן געשיינט פון גליק.

— נו, וואָס זאָגסטו רוכטשע?

— מיר האָבן אַ גרויסן גאָט. איך האָב געוווּסט, אַז מיר וועלן נישט פאַרפאַלן ווערן אין דער גרויסער שטאָט.

ברוך האָט זיך געגרייט צו דער נייער פּרנסה. רוכטשע האָט אַלץ צוגעגרייט, אויסגעוואַשן, פאַרלאַטעט אַ העמד, דעם טלית־קטן אויסגעצערעוועט, און פאַרנייט די ריסלעך פון דער קאַפּאָטע. אַלץ צוגעגרייט, אַז ברוך זאָל נושא חן

זיין ביי די באַלעבאַטים וואָס וועלן אים געבן אַ נדבה.

ברוך איז געווען אַ שוואַך יידעלע, ער האָט זיך צו קיין אַרבעט נישט געקענט נעמען, האָט ער שלום געמאַכט מיטן גורל וואָס ער וועט זיך דאַרפן נעמען צו אַזאַ פרנסה.

ברוך האָט זיך געלאָזט גיין איוף דער מדינה. זיין ווייב, רוכטשע, האָט אים צוגעגרייט אַ ריינעם גאַרמיטש, וו ער זאָל קענען אַריינלייגן די שטיקלעך צוקער, וואָס ער וועט קריגן. און ברוכן איז געגאַנגען מיט הצלחה. ער האָט יעדן טאָג געבראַכט אַ גרויסן גאַרמיטש מיט צוקער, און עס אַוועקגעשטעלט פאַר רוכטשען זי זאָל עס אַוועקלייגן. רוכטשע האָט אַרויסגענומען פון קופערט אַ ווייסע טאָרבע און דאָרט עס אַריינגעשיט, און אַז די טאָרבע איז פול געוואָרן מיט צוקער, האָט רוכטשע שוין געהאַט אַן אייגן געוועלב, וו זי האָט פאַרקויפט דעם צוקער. וועגן פרנסה איז ברוך געווען אַ ביסל רואיק. אָבער זיין טאָכטער, וואָס איז געשטראָפט געוואָרן מיט אַזאַ קרענק ווי משוגעת האָט אים געעקבערט דעם מוח. ווען ברוך פלעג אַהיים קומען, פלעג ער דאָס ערשטע צוגיין צו זיין טעכטערל. „נו, כאַנטשע לעבן וואָס מאַכסטו?" „האָ, טאַטע, ווי גייסטו טאַטע?" דאָס זענען געווען די ווערטער וואָס כאַנטשע האָט גערעדט צו איר פאָטער. ברוכן האָט פאַרקלעמט ביים האַרצן, הערנדיק ווי זיין טאָכטער רעדט די זעלבע ווערטער יאָרן לאַנג...

זיצנדיק ביי דער וועטשערע, האָט זיך פון ברוכן פון צייט צו צייט אַרויסגעריסן אַן אָך! „רבונו של עולם, פאַר־וואָס האָסטו מיך געשטראָפט?" האָט ברוך גערעדט צו זיך אַליין, „גאָט וועט העלפן, מען מוז האָבן בטחון, — ער האָט אונדז געהאָלפן ביז איצט, וועט ער אונדז ווייטער נישט פאַרלאָזן" — איז רוכטשעס ענטפער געווען. „מאַמע! מאַמע!" — האָט זיך אַריינגעמישט כאַנטשע און ביי

ברוכן האָט זיך באַוויזן אַ טרער אין די אויגן, ברוך האָט אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זייט.

די צייט איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט. ברוך מיט רוכטשען זענען אַלט און גרוי געוואָרן, און אויך זייער טאָכטער כאַנטשע, וואָס איז געווען משוגע. ברוך האָט מער נישט געקאָנט גיין אויף דער מדינה, זיינע כוחות האָבן אים פאַרלאָזט און דאָס שטיבל איז ווידער געבליבן אָן אַ פרנסה־געבער. אָבער גוטע מענטשן האָבן זיך געפונען אויפן הויף ווי ברוך האָט געוווינט; האָבן זיי כאַנטשען אַוועקגעגעבן אין אַ שפּיטאָל פאַר גייסטיק קראַנקע, און געזאָרגט אַז די צוויי אַלטע זאָל קיין שטיקל ברויט נישט פעלן.

אין די זומער־פאַרנאַכטן, ווען די שכנים פון הויף זענען געזעסן אין קופקעלעך, אָפּצורוען זיך נאָך דעם שווערן טאָג אַרבעט, האָט מען אויך געזען זיצן אין אַ זייט אויף אַ לאַנגער באַנק, ברוכן מיט רוכטשען, און פון זיינע אויגן האָט מען געקענט אַרויסלייענען: — „פאַרוואָס האָט מיך גאָט געשטראָפט, אַז מיין איינציקע טאָכטער זאָל זיין געשטראָפט מיט אַזאַ קראַנקייט, ווי משוגעת?...״ און פול מיט פאַרצווייפלונג האָבן זיך פון דעם שוואַכן ברוכן אַרויסגעריסן די ווערטער: „רבונו של עולם, אפשר וועסטו שוין רחמנות האָבן נישט אויף אונדזביידן, מילא, מיר זענען שוין אַלט און מיר גרייטן זיך שוין אין וועג... אָבער וווּ וועט כאַנטשע בלייבן?... בעט איך דיך, רבונו של עולם, גיב איר צוריק איר פאַרשטאַנד״...

ביידע אַלטיטשקע האָבן זיך אויפגעשטעלט, ברוך האָט גענומען די באַנק, און רוכטשע זיין ווייב האָט אים גע־האָלפן זי אַריינטראָגן אין זייער אָרעם שטיבל, וואָס איז געווען פול מיט אומעט און בענקשאַפט צו זייער טאָכטער כאַנטשע...

יונה פילצערס פלאַץ

דער האַנדל פון פרוכטן און גרינצייג אין באַלוט האָט זיך געפונען אויף יונה פילצערס פלאַץ, וואָס האָט זיך געגרענעצט מיט דער בזשעזשינער און לאַגעווניצקע גאַס.

דריי אַזייגער ביינאַכט, איז יונה פילצערס פלאַץ געווען אין פולן רעש און געפילדער. מ׳האָט דאָרט געוואַרט אויף די פויערים, וואָס ברענגען פון דער געגנט אַרום לאָדזש פאַרשידענע פרוכטן.

ברייטפלייציקע יידן אין קורטקעס און שטיוול, און זייערע ווייבער אָנגעטאָן ווי זיי, האָבן געוואַרט אין דרויסן פאַרן פלאַץ, און אויסגעקוקט זייערע פויערים זאָלן אָנקומען.

עס איז אויך וואַך געווען די טראַנספּאָרט־גוואַרדיע. די טרעגערס האָבן שוין געוואַרט און געגרייט זייערע ברייטע פלייצעס, און פיל־אָדערדיקע מוסקולירטע הענט צום טראָגן די קאַסטנס, קויבערס און זעק. זיי האָבן שוין געוואַרט, אַז די פורן זאָלן קומען און מען זאָל זיך קענען נעמען צו דער אַרבעט.

— אַך ! כ׳וואָלט זיך שוין געוואָלט אַ ביסל צערוכעווען, האָט זיך אָנגערופן דער הויכער יאָסל, וואָס איז עפּעס מיט די ערלים.

— ס׳זעט אויס היינט, אַז זיי ווען זיך פאַרשפּעטיקן,

האָט אַ צווייטער טרעגער געזאָגט, און געדרייט זיך אַ מאַכאָרקעלע.

אַלעמענס אויגן זענען געווען געווענדט צום וועג פון וואַנען די פורן האָבן געדאַרפט קומען. און ווען די פורן זענען אָנגעקומען, איז געוואָרן אַ זאַווערוכע פון דער טרעגער־גוואַרדיע. מען האָט שוין געוואָלט זיין פאַרטיק מיט דער אַרבעט, מען זאָל קענען פאַרשרייבן וויפל קעסטלעך, קויבערס, זעק מען האָט היינט געמאַכט, און זען די פאָר גרייצערס. עס איז אויך נישט געווען שטיל אין דער ריי בודקעס, ווו מען האָט געקענט טרינקען קאַווע אָדער טיי. מען האָט שוין געגרייט פאַרן טאָג פאַר די סוחרים פון פלאַץ, זיי זאָלן קענען כאַפּן אַ ביס און אַ טרונק.

די גאַנצע לענג פון פלאַץ זענען געווען איינגעגלידערט די בודקעס. פינף אַזייגער אין דער פרי זענען שוין געקומען קונים און ס׳האָבן זיך געהערט שטימען: „מיר, פייוויש, וועסטו געבן צוויי קעסטעלעך אַנטאָניע־עפּל און איין קעסטל מאַנדאַרין״. — „ברוך! מיר געב פיר קעסטלעך אַמעריקאַנער עפּל, און צוויי קעסטלעך פּאָמעראַנצן.״ דריי שעה שפּעטער, זענען די קולות און געוואַלדן געוואָרן אַ ביסל שוואַכער. די קונים האָבן גענומען די קעסטלעך סחורה, און די סוחרים מיט זייערע ברוינע פּנימער, אָפּגעברענטע פון דער זון פון די זומערס און ווינטערס, האָבן זיך גענומען צום חשבונען און צום פאַרשרייבן ווען זיי האָבן די קעסטלעך עפּל, פּאָמעראַנצן, קערשן, באַרנעס, געגעבן. ווען אַלץ איז געווען אין די ביכלעך פאַרשריבן, זענען די בודקעס געוואָרן פול און מען האָט „געריבן״ אויףביידע באַקן.

די אָפּטיילונג פון גרינצייג איז איינגעשטאַנען אין ווייַ־בערשע הענט. דאָרט האָט מען געקענט משוגע ווערן פון די געשרייען און פון געפילדער. עס איז אויך געווען אַ

גרופע קליינהענדלער, וואָס האָבן איינגעקויפט און פאַר־קויפט אין איינצל. זיי האָבן אין קויבערס אויף די הענט צעטראָגן די סחורה אין די רייכע הייזער.

די גרינצייג־הענדלערס האָבן גערופן: „גאָלדענע רע־טעכלעך, בריליאַנטענער שפּינאַק, וויבעלעך, נעמט, ס'וועט באַלד נישט זיין"... איינער האָט דעם צווייטן איבערגעשריגן. דעם ליאַרם און געפילדער, האָט מען געהערט אין די גאַסן וואָס זענען געווען נאָענט צו יונה פּילצערס פּלאַץ.

אַ סך פון די הענדלערס האָבן גערופן אויף די הויפן, וואָס פאַר אַ סחורה זיי האָבן צו פאַרקויפן.

עס זענען אויך געווען הענדלערס, וואָס האָבן געהאַט קליינע וועגעלעך. האָבן זיי געקויפט אַ פּאָר קעסטלעך עפּל, אַרויפגעשיט זיי אויפן וועגעלע און געלאָזט זיך אין גאַס אַריין. די פרויען מיט די קויבערס, וואָס זענען געגאַנגען פאַרקויפן צו די רייכע אין די שטובן, האָבן מערסטן געקויפט ביי די הענדלערס.

דאָס רופן פון די הענדלערס האָט פאַרהילכט דעם קאָפּ: „וויבעלעך, וויבעלעך, עפּל ווי מאַראַנצן, קויפט ביי מיר, טעם גן־עדן, ביליק, חצי חינם, קויפט, קויפט!!"... עס האָט זיך געלאָזט אַ מחנה ווייבער, און מען האָט דעם הענדלער ממש צעריסן, דער הענדלער האָט געשריגן:
—„וואָס רייסט איר אַזוי, יידענעס? ס'וועט קלעקן פאַר אַלע," אָבער ווער האָט דעם הענדלער געהערט? דאָס כאַפּן פון די ווייבער די עפּל האָט געדויערט ביז זיבן אין דער פרי. זיבן אַזייגער האָבן זיך די ווייבער מיט די קויבערס געלאָזט אין גאַס אַריין. יעדע פרוי האָט שוין געהאַט איר געגנט וווּ צו פאַרקויפן איר סחורה. די הענדלערס האָבן דאַן געקענט אָפּכאַפּן דעם אָטעם.

אַז די ווייבער זענען אַוועק, איז דער באַלעבאָס פון דעם וועגעלע אַריין אין אַ בודקעלע און געכאַפּט אַ ביס.

יעדער אינהאַבער פון אַזאַ וועגעלע האָט געהאַט אַ ייִנגל אַ נאָכשטופּער, וואָס האָט אים געהאָלפן שטופּן דאָס וועגעלע. נאָכן כאַפּן דעם ביס, איז מען געפאָרן אין גאַס אַריין. פאַרנדיק האָט דאָס יידל גערופן: „יאַבקאַ! יאַבקאַ! יאַבקאַ טאַניע!" (אויף פויליש). די הענדלערס מיט די וועגעלעך עפּל זענען געפאָרן אין די פוילישע געגנטן.

די אָפּטיילונג פון גרינצייג, האָט מען גערופן „טישן־שטייערס". זיי האָבן געהאַט: טישן מיט גרינצייג, מייערן, פּיעטרושקע, ציבעלעס, כריין, קאַלאַפּיאָרן, שטשיפּיאָרעק, יונגע ציבעלעס, שפּינאַק, ראַבאַרבער, אַנגריס, שפּאַראַגן, שטשאַוו, קנאָבל, א. א. וו.

די ווייבער, וואָס האָבן אַוועקגעטראָגן צו די רייכע, האָבן ביי די טישן־שטייערס איינגעקויפט דאָס גרינצייג. „שרה'שי, דער שפּינאַק איז פריש?" פרעגט אַ יונג ווייבל, וואָס איז נישט לאַנג אין דעם מסחר. — „שיינדלעלע אַזוי פריש זאָלן ווערן מיינע יאָרן." אַליין איז זי, שרה'שי אַלט געוועזן אַ זיבעציקער —„געבן זי מיר צוויי קילאָ שפּינאַק," זאָגט דאָס יונגע ווייבל, — „וואָס נאָך שיינדעלע?" איך וואָלט גענומען אַ צוויי פּעקלעך שפּאַרבן, כ'מיין זיי זענען אַלט?" — „מיינע שונאים זאָלן נישט דערלעבן אַלט צו ווערן, זעסט דאָך אַז דאָס וואַסער גיסט זיך" ענטפערט שרה'שי. שיינדעלע האָט גענומען צוויי פּעקלעך שפּאַרבן, און געוואָלט אַוועקגיין, אָבער שרה'שי האָט זי פאַרהאַלטן: — „שיינדעלע, וואָס וועט זיין דער סוף, וועסט גאָרנישט טאָן אַ שידוך? ביזט דאָך נאָך אַ יונג ווייבל, וואָס קען מען מאַכן, געשטאָרבן איז באַגראָבן, מען קען זיך נישט מיטליייגן מיטן טויטן. איך ווייס אַז דו טרויערסט זייער נאָך דיין מאַן, אָבער, אַז די ערד דעקט צו, מוז מען פאַרגעסן". — „איך וויל נישט קיין מאַן, אַז מיינע קינדער זאָלן ווערן שטיף־קינדער, איך אַרבעט פאַר זיי, וויפל איך

קען, אַז די קינדער זאָלן דאָס נישט פילן. זיי וועלן אונ־טערוואַקסן וועל איך בערלען געבן צו אַ בעל־מלאכה, און דאָס מיידל וועל איך געבן צו אַ נייטאָרין, און דעמאָלט וועט מיר אַ ביסל לייכטער ווערן״. — „אַלץ איז זייער גוט, אָבער ביז אַלץ וועט אונטערוואַקסן, וועט אַ ביסעלע געדויערן, און דו מיין קינד, וועסט שוואַכער ווערן, און דאָס שלעפן די צוויי קויבערס וועט דיך מאַכן פאַר אויס מענטש״ האָט שרה׳שי געענטפערט. „גיי, גיי מיין קינד, עס ווערט שפעט, זיי מצליח״.

שיינדעלע האָט אויף זיך גענומען די צוויי קויבערס און אַ סך מאָל אַ זעקל אויף די פלייצעס, און געלאָזט זיך אין וועג אַריין. גייענדיק באַלאַדנט, אַז דער קערפער האָט זיך געוואַקלט, האָט שיינדעלע געטראַכט און געבעטן גאָט, אַז ער זאָל איר צושיקן גוטע קונים און אַז זי זאָל קענען שנעל פאַרקויפן די סחורה. שיינדעלע האָט געהאַט אַ פּאָר שטענדיקע קונים, וואָס זי האָט זיי געבראַכט עפל, באַרנעס, קערשן, מאָרעלן און גרינצייג. איינע פון די בעסטע קונים, איז ביי שיינדלען געווען די פרוי מילגראַם. אַ נגידישע פרוי פון אייגענע הייזער און געשעפטן. פרוי מילגראַם איז געווען אַ גוטע נשמה. אַזוי ווי שיינדעלע האָט אָנגע־קלונגען אין טיר, און די פרוי מילגראַם האָט זי דערזען אַ צעיאַכמערטע, אַ פאַרשוויצטע, זענען אירע ערשטע ווער־טער געווען: „שיינדעלע זעצן זי זיך״, און די פרוי מילגראַם האָט גלייך אַנטקען געטראָגן שיינדעלען אַ גלאָז וואַרעמס. שיינדעלע האָט אויסגעטרונקען דאָס וואַרעמס, און זיך גענומען צום האַנדל. — „מאַדאַם מילגראַם, איך האָב היינט עפל, זעט מען דאָס גאָרנישט, און באַרנעס ערשט פון בוים אַראָפּ, קערשן גרויסע ווי די פלוימען״. שיינדעלע האָט אָנגעהויבן מאָלן די פרוכטן מיט די שענסטע פאַרבן. זי האָט אָנגעהויבן קריגן רוטין אין מסחר. די פרוי

מילגראָם האָט אַ שיין ביסל סחורה גענומען ביי שיינדעלען, און די צוויי קויבערס זענען געוואָרן אַ ביסל לייכטער. שיינדעלעס האַרץ איז געוואַקסן פון נחת, און געלויבט דעם רבונו של עולם, וואָס ס'איז איר לייכטער געוואָרן. „היינט וועל איך אפשר קענען זיין אַ ביסל פריער אין דער היים," — האָט שיינדעלע געטראַכט.

דאָס צווייטע אָרט, ווו שיינדעלע איז געגאַנגען, איז געווען די האַרציקע פרוי רחל, אַ קצבטע, אַ שטיק אַדל פון אַ פרוי. ביי רחלען איז שיינדעלע געווען זייער אַן אָנגעזעענער גאַסט, רחלע האָט שיינדעלען זייער ליב גע־האַט, און זי האָט שיינדעלען אויך דערלויבט זי זאָל אַ ביסל שטיין אין יאַטקע און די מענטשן וואָס קומען קויפן פלייש, האָבן אויך געקויפט אַ ביסל גרינצייג, און אַ ביסל פרוכט. די פריינדשאַפט פון דיביידע פרויען איז געווען אויף יאָרן.

די צייט איז נישט געשטאַנען אויף איין אָרט, און שיינדעלע איז עלטער געוואָרן, און זי איז אָנגעגאַנגען אין שפּאַן פון שלעפּן די קויבערס. זי האָט אין גאַנצן נישט געטראַכט וועגן זיך, נאָר געלעבט פאַר אירע קינדער...

דודל ווערט אַ סוחר

דער פּראַסט איז אַרומגעלאָפן אין דעם קליינעם שטיבל מיט זיין ווילדקייט, און די מאַמע מיט די דריי קינדער, נישט דערעסענע און נישט דערוואַרעמטע, האָט באַשלאָסן, אַז מען וועט עפּעס אָנהויבן טאָן. דער עלף־יעריקער דוד האָט די מאַמען גלייך געפרעגט: „מאַמע, וואָס וועלן מיר טאָן"? „מיר וועלן קויפן קינהאָלץ, וועלן עס שניידן און בינדן אין קליינע בינטעלעך, און דו, דודל, וועסט גיין פאַרקויפן". — האָט געזאָגט די מאַמע, און איר בליק איז געפאַלן אויף די פאַרפרוירענע פענצטער, וויסנדיק אַז איר דודל האָט נישט קיין גוטע שיך... „מיר וועלן דיר צוגרייטן, מיין קינד, און דו וועסט גיין אין גאַס פאַרקויפן".

דודלס אויגן האָבן אַ פלאַקער געטאָן פון פרייד, ער וועט אָנהויבן פאַרדינען און אַהיים ברענגען דער מאַמען דאָס געלט, האָט ער געטראַכט. די מאַמע מיט דודלען זענען אַרויס אין גאַס. זיי האָבן אָנגעהויבן זוכן און נישטערן אין די קוילן־געוועלבער, און האָבן אַהיים גע־בראַכט האָלץ וואָס האָט אין זיך פעטקייט. פון דעם האָט מען געמאַכט בינטלעך קין און דער קליינער דוד האָט זיך געגרייט מיט דער סחורה אין גאַס אַריין זי פאַרקויפן. די מאַמע האָט דעם קליינעם דוד פאַרבאַבלט מיט צוויי שאַלן, געגעבן אים אַ קייבערל, אָנגעבונדן פון ביידע זייטן צוויי שטריקלעך, און אַריינגעלייגט אַ פול קייבערל קין.

דודל איז געווען אַ פּיפּיקער בחור און זייער אַ גוט קינד פאַר דער היים. איז ער מיט ליבע געגאַנגען אין גאַס אַריין פאַרקויפן די בינטלעך. געוווּסט האָט ער, אַז ווען ער וועט פאַרקויפן, וועט זיין אַ שטיקל ברויט מיט אַ ביסל זופּ צו דער זעט.

דודס שטימעלע האָט מען שוין געהערט אין דער גאַס: „צוויי פאַר אַ דרייער, פּעט קין ווי נאַפּט צו פאַר־קויפן, קין צו פאַרקויפן, קין...״ דודלען איז געגאַנגען מזלדיק. די מענטשן אין גאַס האָבן אָנגעהויבן צו קויפן. דודל האָט די קאָפּיקעס און צענערס געוואָרפן אין זיין קליין טעשעלע, און זיין הערצל האָט אים יעדעס מאָל געגעבן אַ ציטער. „איך וואָלט שוין געוואָלט זיין אין דער היים, און אויסשיטן דאָס געלט אויפן טיש״. אַזוי האָט געטראַכט דער האַלב פאַרפרוירענער דודל. ער האָט זיך נישט פאַרגונען אין דער גאַס צו קויפן אַ טעפּעלע טיי. און אַז דודל האָט די גאַנצע סחורה פאַרקויפט, איז ער נישט געגאַנגען אַהיים, נאָר איז געפלויגן און אַזוי ווי אַ ווינט איז ער אַריין אין שטוב. דודל האָט אויך געהאַט אַ גרויסע איבעררעשונג, די מאַמע האָט זיך געבאָרגט ביי אַ שכנה אַ פּאָר גראָשן, זי זאָל קענען אָפּקאָכן אַ ביסל זופּ פאַר איר דודלען, ווי נאָר ער איז אַריינגעפאַלן אין שטוב אַריין, האָט די מאַמע שוין געגרייט אַ טעלער מיט אָנגעברענטע זופּ און אַ שטיקל ברויט. די מאַמע האָט דודלען אויפגע־בונדן, אַראָפּגענומען פון אים די שאַלן, און ער האָט זיך אָנגעהויבן דערוואַרעמען די פיס און די הענט ביי דעם אייוועלע.

דודל האָט אַרויסגעשיט אויפן טיש דאָס קליינגעלט פאַר דער סחורה וואָס ער האָט פאַרקויפט. עס איז געווען פרייליך אין שטוב און די מאַמע האָט געוויינט פאַר פרייד.

„די קינדער וועלן נישט דאַרפן הונגערן," האָט די מאַמע צו זיך אַליין גערעדט...

דודלס באַקן האָבן זיך אָנגעהויבן רויטלען פון וואַ־רעמקייט, און זיינע קלוגע אויגן האָבן געזוכט, צי מען האָט אים שוין צוגעגרייט פרישע סחורה. דודלס מאַמע האָט שוין אָנגעפילט דאָס קיישל און אָנגעטאָן אים דודלען אויפן האַלדז: „גיי מיין קינד און זיי מצליח". דודל, אַן איינגעבאַבלטער מיט צוויי שאַלן, האָט זיך געלאָזט אין גאַס אַריין.

דודלס מאַמע מיט די שוועסטער און דער קלענערער ברודער זיינער זענען שוין געזעסןביים טיש און געשניטן דאָס האָלץ, זיי האָבן אַרויסגענומען דאָס פעטע קין און געמאַכט בינטלעך צוגרייטן פרישע סחורה. דאָס נאַפט־לעמפל וואָס האָט אַ ביסל אונטערגעקאָפטשעט האָט ממש פאַרשטונקן דאָס ענגע שטיבל. די מאַמע מיט די קינדער האָבן אויסגעזען ווי קוימענקערערס. דער קאָפּעטש וואָס האָט אַרויסגעזעצט פון דעם נאַפט־לעמפל האָט זיך צע־לייגט ביי די נאָזלעכער פון דער מאַמען מיט די צוויי קינדער, אָבער עס האָט זיך געפילט אַ גוטע שטימונג אין שטוב, ווייל דאָס געשיר איז שוין געווען אין באַוועגונג, און די קיך איז נישט מער געווען ליידיק.

דודל איז געוואָרן דער גאַנצער פרנסה־געבער. די מאַמע האָט נאָר געדאַרפט צוגרייטן סחורה, און דודל איז געלאָפן פאַרקויפן. די מאַמע האָט שוין געזאָרגט, אַז דודל זאָל האָבן אַ פּאָר גוטע שיך עס זאָל אים נישט אַריינרינען קיין וואַסער. די מאַמע האָט זיך נישט איינמאָל געבעטן, אַז דודל זאָל זיך עפּעס קויפן אין גאַס צום עסן, אָבער דודל איז געווען א געטריי קינד, קיינמאָל האָט ער נישט אויסגעגעבן אַ גראָשן אין גאַס. עס זענען געווען צייטן,

ווען דודל האָט נישט געקענט אַזוי שנעל פּאַרקויפן די פּעקלעך קין און געמוזט בלייבן לענגער אין גאַס. האָט ער זיך נישט פאַרגונען און געוואַרט ביז ער וועט אַהיים גיין. עס איז אים אַלץ ליב געווען. ער האָט געוווסט, אַז יעדער גראָשן איז טייער פאַר דער היים. און ער איז געווען דער גליקלעכסטער אין דער וועלט. עס איז דעמאָלט געווען אַ שווערער ווינטער, און די מאַמע האָט אָפּט געכאַפּט אַ בליק אויף די פאַרקאָוועטע שויבן און געטראַכט: „מיין אָרעם קינד, מוז נעבעך שטיין אין אַזאַ פראָסט און מאַכן פרנסה פאַר אונדז אַלע...״

איין טאָג איז דודל אַהיים געקומען איין שעה נאָך דעם ווי ער איז אַרויס פון דער היים, און אַלץ איז געווען פאַרקויפט. די גדולה איז געווען זייער גרויס, — „מאַמע! כ׳וויל דיר עפּעס דערציילן״. „דערצייל מיין קינד״, — ענטפערט די מאַמע. „דו ווייסט ווער עס האָט היינט ביי מיר געקויפט דאָס גאַנצע קין?״ — „ווער?, מיין קינד?״ ענטפערט די מאַמע. „אליהו הנביא״... די מאַמע האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן. „פון וואַנען ווייסטו עס?״ „עפּעס אַזוי האָב איך געפילט. איך בין אַזוי געשטאַנען און גערופן קונים, און ס׳איז אַזוי קאַלט געווען. איך האָב געקלאַפּט איין פוס אין צווייטן, און איך האָב געטראַכט: „ווען איך פאַרקויף אַזוי דאָס גאַנצע קיישל קין, וואָלט איך גלייך אַהיים געגאַנגען און זיך גוט אָנגעוואַרעמט״. איז צו מיר צוגעקומען אַ הויכער שיינער ייד, מיט אַ גרויסער גרויער באָרד און אונטערן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ טלית. און דער ייד פרעגט מיך, „ייִנגעלע, ווי טייער פאַרקויפסטו די בינטלעך קין?״ — זאָג איך אים „צוויי פאַר אַ דרייער״. וויפל האָסטו אין דעם קיישל? — „מען וועט איבערציילן,״ ענטפער איך אים.״ „עס איז אַ גוטער קין?״ פרעגט מיך דער ייד, —

„בעסער ווי נאַפּט‟, ענטפער איך אים. און איך האָב אים אויסגעציילט די גאַנצע סחורה. נו, מאַמע, ווי מיינסט! איז דאָס נישט געווען אליהו הנביא?‟ די מאַמע האָט, אויסהערנדיק די גאַנצע מעשה, אונטערגעשמייכלט. „יאָ, מיין קינד, דאָס האָט נאָר געקענט זיין אליהו הנביא.‟

אין דודלס פאַנטאַזיע האָט דער ייד געקענט זיין אליהו הנביא, ווייל ער האָט אים צוגענומען די גאַנצע סחורה. דער אליהו הנביא האָט זיך אָפּט באַוויזן צו דודלען, און שטענדיק ביי אים אַ סך געקויפט. עס זענען געווען פאַלן ווען דודל האָט נאָך געהאַט אַ ביסל סחורה, און נישט געקענט פאַרקויפן, און דער ייד, אליהו הנביא, איז פונקט אַדורכגעגאַנגען און געזען, אַז דודל שטייט און האָט נאָך אַ ביסל סחורה. האָט ער ביי אים דאָס ביסל סחורה צוגענומען. איז שוין דודל אַהיים געגאַנגען אַ דערפרייטער, און געפירט זיך ווי תמיד, אַרויסגעשיט דאָס געלט אויפן טיש.

ערב סוכות אין באַלוט

אַז עס האָט זיך דערנענטערט דער יום־טוב סוכות, האָט מען עס אין באַלוט אַממייסטן געזען און געפילט. די גאַסן זענען געווען פול מיט פורלעך, וואָס פויערים זענען געקומען מיט זיי פון אַרום לאָדזש און געשלעפט אין זייער שטרוי צו פאַרקויפן די יידן, זיי זאָלן קענען באַדעקן זייערע סוכות. חברה קליינוואַרג האָט אויפגעלעבט. מיט־געגאַנגען מיט זייערע טאַטעס קויפן סכך און העלפן אַ־היים טראָגן, און גרייטן זיך צו בויען די סוכות, וואָס חברה האָבן געהאַט גרויס הנאה ביים אויפשטעלן זיי. חברה האָבן זיך נישט געקענט דערוואַרטן אויף דעם שיינעם יום־טוב וואָס וועט זיי פאַרשאַפן אַזוי פיל פאַרגעניגן.

אין די שטובן האָט מען שוין געגרייט פאַרשידענע קאָלירטע פאַפּירן צו קלעפּן, פלעכטן קייטן, אַריינצוהענגען אין סוכה. עס איז געוואָרן לעבעדיק אויפן הויף. אַ קליי־ניקייט, זיבן און צוואַנציק סוכות אויפצושטעלן אויף איין הויף. עס איז געוואָרן לעבעדיק און לוסטיק. — „יונה׳לע, גיב מיר די נעגל״, — האָט אַ פאָטער געשריגן צו זיין יינגל, און אַ צווייטער האָט געשריגן: „מענדעלע, גיב מיר דעם האַמער״. דאָס קלאַפּן האָט פאַרהילכט דעם הויף. עס איז געגאַנגען אַן אַרבעט פון שרייען, פון לויפן און קלאַפּן.

מען האָט געשלעפּט ברעטער, אַלטע טירן, סכך, שטרוי, ברעטלעך, און קינדער האָבן צוגענומען כוח פון דעם שלעפּן

און קלאַפּן. פּאַר חברה איז סוכות געווען אַ טאָפּלטער יום־טוב: אַ חוץ זיצן אין סוכה מיטן טאַטן און העלפן אים זינגען, האָבן חברה געוווסט, אַז מאָרגן וועט קומען דאָס ריכטיקע שפּיל. דער גאַנצער הויף קינדער וועט זיך שפּילן אין „סטראַזש". דאָס האָבן חברה געטראַכט, זיצנדיק ביי נאַכט אין דער סוכה. זענען דאָך עפּעס געשטאַנען זיבן און צוואַנציק סוכות אויפן הויף. אויף מאָרגן בייטאָג, האָבן זיך חברה קליינוואַרג אַ נעם געטאָן, אַ זיבעציק אַכציק יינגלעך, און גענומען אויף די אַקסלען איינעם דעם צווייטן. מען דאַרף דאָך האָבן פערדלעך אויך. איז דער, וואָס איז געווען פון אויבן, געווען דער סטראַזשאַק, און דער וואָס האָט אים געהאַלטן אויפן אַקסל, איז געווען דאָס פערד.

יעדער איינער האָט געהאַט אַ פייפערל, באַהאַנגען און באַפּוצט מיט פאַרביקע שטיקלעך שמאַטקעלעך.

צווישן די סטראַזשאַקן האָט זיך אויך געפונען אַן עלטסטער, און אַלע האָבן געוואַרט, אַז דער עלטסטער זאָל געבן אַ פייף, און ווען חברה סטראַזשאַקן האָבן געהערט דעם פייף פון זייער עלטסטן, האָבן זיי זיך מיט שטורעם געלאָזט לויפן צו ראַטעווען ווו עס ברענט. און ווו האָט געברענט? פאַרשטייט זיך, אַז די שריפות זענען פאָרגעקומען דאָרט, ווו די סוכות שטייען. עס איז געוואָרן אַ געפייפעריי און אַ געלויפעריי פון די חברה סטראַזשאַקן. עס האָט גע־מאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמתער שריפה, און חברה פייערלעשערס האָבן אָנגעהויבן רייסן דעם סכך און דאָס שטרוי אויף די דעכער פון די סוכות. דער גאַנצער הויף איז געוואָרן פול מיט שטרוי און סכך. אַ טייל פון די יינגלעך זענען אויפן דאַך, און זייערע „פערדלעך" האָבן דערווייל געוואַרט און געהאָלפן שרייען און פייפן. אַ סך פון די יינגלעך זענען אויך אַראָפּגעפאַלן. אין מיטן פייפן און שרייען האָט זיך דעמאָלט דערהערט דאָס וויינען פון

די חברה וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן פון די דעכער און האָבן זיך צעקלאַפּט ווער אַ האַנט, און ווער אַ פוס.

די מאַמעס, הערנדיק אַזעלכע געשרייען, זענען צו צו זייערע פענצטער און געזען דעם חורבן, וואָס זייערע קינדער האָבן געמאַכט. האָבן זיי אָנגעהויבן שרייען דורך די פענצטער: „יונה! יונהלע! דער טאַטע גייט! „אַ צווייטע מאַמע האָט געשריגן: „מענדעלע! יונהלע! דער טאַטע וועט דיר צעברעכן די ביינער". און די טאַטעס מיט די רימענס אין די הענט האָבן זיך געלאָזט אַראָפּ אויפן הויף, און גענומען קאַטעווען חברה קליינוואַרג. אַ סך האָבן נאָך באַוויזן צו אַנטלויפן און געלאָזט די גאַנצע שריפה אויף הפקר. די אַנדערע קינדער, וואָס די טאַטעס האָבן געכאַפּט, האָבן באַקומען זייער פסק.

די אַנטלאָפענע זענען אַנטרונען געוואָרן ביז שפּעט אין דער נאַכט. די טאַטעס האָבן צוזאַמענגענומען דאָס שטרוי און דעם סכך פון הויף, און צוריק עס אַרויפגעלייגט אויף די סוכות. שפּעט אין דער נאַכט, ווען די טאַטעס זענען שוין געשלאָפן, האָבן זיך קינדער אַריינגעגנבעט אין זייערע שטובן מען זאָל זיי נישט הערן און זענען אַוועק־געפאַלן טויט־מידע אויף זייערע געלעגערס און איינגעשלאָפן מיט מורא, אַז דער טאַטע זאָל זיי נישט אָפּגעבן דעם חוב, וואָס זיי קומט פון דער נעכטיקער שריפה.

אויף צו מאָרגנס האָבן אַ סך טאַטעס פאַרגעסן פון דער נעכטיקער שלאַכט, וואָס איז פאָרגעקומען אויפן הויף און קליינוואַרג האָבן זיך אויך געמאַכט פאַרגעסן, און מען איז ווייטער געגאַנגען צוזאַמען מיטן טאַטן אין סוכה אַריין, געהאָלפן זינגען און געווען צופרידן. אָבער נאָכן עסן, ווען מען איז ווידער געקומען אויפן הויף, האָט זיך איבערגעחזרט דאָס זעלבע שפּיל אַרום די זיבן און צוואַנציק סוכות...

לאָדזשער שנאָרערס

דער גרויסער בית־עולם אין לאָדזש אויף בזשעזשינער גאַס, איז געווען באַקאַנט פון מחנות שנאָרערס וואָס האָבן קיינעם נישט געלאָזט אַדורכגיין, אויב מען האָט זיי נישט געגעבן אין האַנט אַריין. און געבן האָט מען געמוזט, פאַר אַכט אָדער צען צוזאַמען. דאָס זענען געווען אַזעלכע קאָ־לעקטיוון וואָס האָבן זיך שפּעטער צעטיילט מיט די געגעבענע נדבות פון די מענטשן. יעדע גרופּע האָט געהאַט איר פאַרטרויאונגס־מאַן. ער האָט גענומען די נדבה און שפּעטער יעדן איינעם געגעבן זיין חלק. אויב אַ דורכגייער האָט נישט געגעבן קיין נדבה, זענען געקומען קללות נישט פון איינעם, נאָר פון דער גאַנצער גרופּע.

עס האָבן זיך באַלד דערהערט קולות פון פאַרשידענע זייטן: — „אויסגערונען האָסטו געדאַרפט ווערן נאָך אין דער מאַמעס בויך. ער האָט מורא צו געבן אַ נדבה, אַז די הענט זאָלן אים נישט אָפּדאַרן!" די גרופּע שנאָרערס האָבן אַזוי לאַנג געשאָלטן, ביז עס איז אונטערגעקומען אַ צווייטער און חברה זענען נאָכגעלאָפן און ווידער געבעטן אַ נדבה.

עס זענען געווען שנאָרערס, וואָס האָבן געהאַט זייע־רע שטענדיקע ערטער צו שטיין און בעטן נדבות. אַנדערע שנאָרערס האָבן געהאַט זייערע גאַסן. געווען ערטער, ווו איין האַלבע גאַס מיט געוועלבער האָט געהערט דער גרופּע אַלטע שנאָרערס און די צווייטע האַלבע גאַס מיט גע־

וועלבער האָט געהערט דער גרופּע יונגערע שנאָרערס. און אויב עס האָט פאַרבלאָנדזשעט אַ שנאָרער אין די גאַסן, וואָס זענען געווען באַזעצט, האָט מען דעם נייעם שנאָרער פאַרנאַכט אָפּגעוואַרט און געזאָגט אין אים אַ פּסוק מיט אַ שטעקן און דער פרישער שנאָרער האָט זיך געמוזט אָפּטראָגן ווו דער שוואַרצער פעפער וואַקסט.

ס'זענען געווען פאַרשידנאַרטיקע שנאָרערס: שטובן־שנאָרערס, געוועלבער־שנאָרערס, בלינדע שנאָרערס, געמאַכטע בלינדע מיט טונקעלע ברילן אויף די אויגן. שנאָרערס קאַליקעס אויף וועגעלעך, שנאָרערס אויף קוליעס מיט שטעקנס. עלעגאַנטע שנאָרערס, אַזעלכע וואָס זענען געגאַנגען פיין אָנגעטאָן און האָבן געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. זיי האָבן צוגערופן נאָר מענטשן וואָס זענען געווען גוט אָנגעטאָן, און זיי געזאָגט אַ סוד אין אויער אַריין: „אוי ווי איך בין אַן אָפּגעקומענער גביר, און האָב אַלץ פאַרלוירן, און דאָס קען טרעפן מיט יעדן איינעם, האָבן זיי געזאָגט, טאָ זייט אַזוי גוט און גיט מיר אַ שיינע נדבה". די האָבן קיין קליינגעלט נישט גענומען, נאָר גרויס געלט. אַנדערע שנאָרערס זענען ווידער געגאַנגען איבער די הייזער ביי רייכע מענטשן און געבעטן מען זאָל זיי געבן אַלטע זאַכן, פאַרשידענע מלבושים, וועש, טישטעכער פאַר אַלטע כלות. שפּעטער האָבן זיי דאָס פאַרקויפט פאַר גוט געלט.

עס זענען געווען אפילו זייער שיינע מענטשן אין לאָדזש, וואָס מען האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז זיי מאַכן פּרנסה פון שנאָרעריי. אָבער די ריכטיקע שנאָרערס, מיט זייער אויסזען, שעלטן, רייסן פּאָלעס ביי דורכגייערס, די האָט מען נאָר געקענט זען אויפן גרויסן לאָדזשער בית־עולם. דאָרט איז געווען דער זאַמל־פּונקט פון אַלע שנאָרערס, יונגע, אַלטע און קינדער.

ס'זענען אויך געווען אָפּגעזונדערטע שנאָרערס, וואָס

האָבן נישט געהערט צו קיין קאָלעקטיוו. זיי זענען זיך אַליין געגאַנגען בעטן נדבות. עס זענען אויך געווען בכבודיקע שנאָרערס וואָס זענען געשטאַנען אָן אַ זייט, און געוואַרט מען זאָל זיי געבן אַ נדבה. זיי האָבן נישט געריסן קיין פּאָלעס ביי קיינעם, נישט געבעטן אפילו, נאָר זייערע אויגן האָבן שוין גערעדט, און געבעטן. דער אויסדרוק פון זייער פּנים האָט אַלץ געזאָגט.

דער אַריינפאָר צום בית־עולם איז געווען צווישן צוויי אַלעען, דאָרט איז געשטאַנען אַ גאַלעריע פון פאַרשידענע טיפּן, שנאָרערס קאַליקעס מיט שטעקנס, קאַליקעס מיט קוליעס, קאַליקעס אויף וועגעלעך, זיצנדיקע קאַליקעס, שטייענדיקע קאַליקעס, אָנגעלענטע, אָנגעטאָן אין פאַר־פוצטע זשופּיצעס מיט יאַרמלקעס, לוציפער־היט, אַ סך מיט צעריסענע העמדער, מען זאָל אַרויסזען דאָס לייב, און עס זאָל דערוועקן רחמנות ביי די מענטשן, שנאָרערס וואָס פלעגן אָפּלאַכן פון יעדן איינעם אַדורכגייער, שנאָרערס וויצלערס מיט גראָבע וויצן, קללה־וואַרפערס.

אַז עס איז געשטאָרבן אַ רייכער, איז די גאַנצע שנאָ־רער־וועלט געוואָרן אַלאַרמירט, און אַלץ איז געשטאַנען אויף די פיס. אין דעם טאָג ווען יידן פלעגן קומען אויף קבר אבות, האָט מען געקענט זען אַזעלכע שנאָרערס וואָס מען האָט קיינמאָל נישט געזען אויפן בית־עולם. עס זענען געקומען גאַנצע גרופּעס, פרויען מיט קינדער אויף די הענט, וואָס האָבן געשריגן מיט וויינענדיקע שטימעס: „שענקט אָן עופעלע אַ נדבה, האַרציקע מענטשן". דעמאָלט האָט זיך געראָיעט אַזוי ווי אין אַ בינשטאָק.

אָט איז אַ בלינדער מיט אַ מיידעלע, וואָס שטייט אין דער זייט און דאָס מיידעלע שרייט אויס: „שענקט אַ נדבה אַ בלינדן וואָס די שיין איז אים אויסגעלאָשן געוואָרן, האָט רחמנות, יידישע קינדער, שענקט אַ נדבה,

ליבע יידן.״ ווי נאָר דאָס מיידעלע האָט פאַרענדיקט, האָט אַ קליין הויקערל מיט אַ געל פּנים און שמוציקע אייגעלעך, און מיט אַ שטעקן אין דער האַנט אויסגעשריגן: „מאַ־דאַמעשי, קרוין, שענקען זי עפּעס אַ בידנע קאַליקע, וואָס קען נישט פאַרדינען אויף ברויט! אַ לעכטיקן גן־עדן אויף איהן, גאָט זאָל איהן געבן אַ סך גוטע יאָרן, שענקען זי אַ נדבה, מאַדאַמעשי.״ און גלייך איז אונטערגעלאָפן אַ יונגע שנאָרערקע מיט אַ טיכל אויפן קאָפּ. „שענקען זי אַ נדבה, אַ יונגע אלמנה וואָס איז נעבעך געבליבן מיט דריי קליינע קינדער אויף דער וועלט! שענקען זי עפּעס״. אַ צווייטע, אויך אַ יונגע, איז אונטערגעלאָפן פון דער צווייטער זייט. — „מאַדאַם־לעבן, איך האָב אַ פּיצל קינד, שענקען זי עפּעס פאַר מיין פּיצל קינד״. די ערשטע שנאָ־רערקע שטופּט זי אָפּ און פאַרשטעלט איר דעם וועג. און ביידע הויבן זיך אָן צו קריגן: „אַ פינצטער יאָר אויף דיר, וואָס שטופּסטו מיך עפּעס אַוועק, דאָס בית־עולם איז דיינס? האָסט עס אָפּגעקויפט ביי דער שטאָט? אָפּגע־האַקטע יאָרן זאָלסטו האָבן, וואַרט, זאָל נאָר מיין יאַנקל קומען מיטן שטעקן, וועט ער דיר שוין די ביינער צע־ברעכן, דו פּאַסקודסטווע וואָס דו ביסט, וועסט שוין האָבן אַ שוואַרצן סוף פאַר דעם אַוועקיאָגן מיך״.

אַ בלינדע פרוי, וואָס זיצט אויף אַ שטיין, לאָזט הערן איר שוואַך שטימעלע: „גוטע מענטשן, שענקט עפּעס אַ בלינדער פרוי, שענקט אַ נדבה״. אַ לאָמער ייד לויפט שנעל אַנטקעגן אַלע דורכגייער: „נו, שענקט שוין עפּעס, נו, שענקט שוין עפּעס, גיט אַ נדבה אַ ייד אַ קאַליקע״. ער גייט נישט פאַריער אַוועק, ביז מען גיט אים עפּעס אין האַנט אריין.

צווישן די שנאָרערס זענען אויך געווען שדכנים. איינער פון זיי איז געווען דאָס הויקערל מיטן שטעקן.

ער האָט געהאַט אַ קאָפּ אויף רעדער. ער האָט געוווסט ווי אַזוי צוצופּאַסן איין קאַליקע צו אַ צווייטער קאַליקע. מען האָט זיך מיט אים גערעכנט און זיינס אַ וואָרט איז געווען אַ וואָרט.

ווען עס איז געוואָרן ווייניקער מענטשן אויפן בית־עולם, האָבן שנאָררערס זיך פאַרזאַמלט אין קופּקעלעך און מען האָט זיך אָנגעהויבן ויצלען צווישן זיך, און נאָכגעמאַכט ווי אַזוי אַ קאַרגער האָט מורא אַריינצושטעקן די האַנט אין טאַש צו געבן ווען מען אַ נדבה. דאָס הויקערל מיטן שטעקעלע איז געווען דער הויפּט־נאָכמאַכער און געלאַכט פון אַלע. אַלץ איז געווען אויף זיין קאָפּ. — „יאָ, כ'האָב פאַרגעסן, ריקל די בלינדע, מעג מען שוין חתונה מאַכן, איך האָב פאַר איר אַ גליק־שידוך". „ווער איז דער שידוך?" האָבן אַלע אויסגעשריען. — „באַלד, באַלד, וועל איך אייך זאָגן", — האָט דאָס הויקערל זיך צעשריען. „דער לומער כיל, איאָ ס'איז גוט? ער קריגט אַ גוטן שידוך. ריקל מאַכט אַ סך געלט און דערצו איז זי אַ שיינע אויך. איאָ, ס'איז גוט? און כיל האָט אויך אַ גוטע פרנסה. ער גייט דאָך אין די רייכע גאַסן." אַלע זענען געבליבן שטיל. „עס איז אַ גלייכע זאַך," האָט געזאָגט די בלינדע יידענע, וואָס איז געזעסן אָן דער זייט אויפן שטיין. „ריקל איז אַ טייער מיידל, מען קען רעדן דערוועגן". חברה האָבן זיך אָנגע־הויבן בונטעווען — ווער פאַר, און ווער קעגן. „וואָס שרייט עץ, ליידיקע קעפּ, איך זאָג אייך עס איז אַ גלייכע זאַך", זאָגט איינער „אָבער ריקל איז ווערט אַ בעסערן שידוך", שרייט אויס דער לומער ייד. „קיין גלייכער שידוך איז נישטאָ, נאָר אַ לאָמער און כיל איז דער בעסטער, מען דאַרף רעדן מיט ביילען, ריקל וווינט ביי איר, זי איז צו איר אַזוי ווי אַן אייגענע מאַמע".

אין מיטן אַמפּערן זיך, איז אָנגעקומען אַ שפּעטע לויה.

איז ווידער געוואָרן אַ טומל און אַ געשריי: „שענקט אַ נדבה, גיט אַ נדבה, טייערע מענטשן, גוטע מענטשן". און שנאָרערס זענען געלאָפן פייל פון בויגן און נישט געלאָזט אַדורכגיין קיינעם אויב מען האָט זיי נישט געגעבן אַ נדבה.

ריקל די בלינדע האָט קיינעם נישט געהאַט. זי איז געווען איינגעדונגען מיט עסן און שלאָפן ביי אַן עלטערער שנאָרערין, שוין מיטן צופירן אויף דעם אָרט ווו ריקל איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג. דאָס איז געווען ריקלס שטענ־דיק אָרט. זי איז נישט געקומען אויפן בית־עולם קיינמאָל, ווייל דאָרט ווו ריקל איז געשטאַנען זענען געווען גוטע מענטשן, און האָבן איר שטענדיק געגעבן גוטע נדבות. אַ סך שנאָרערס האָבן זיך געריסן, זיי האָבן געוואָלט ריקלען פאַר אַ ווייב. די שנאָרערס האָבן געוווסט, אַז ריקל האָט שוין שיין געלט אָפּגעשפּאָרט. און דערצו איז ריקל געווען אַ שיינע אויך.

אַז ריקל איז אַהיים געקומען פון גאַס און זיך אַוועק־געזעצט ציילן דאָס פאַרדינסט פון טאָג, איז געווען די בעסטע געלעגנהייט מיט ריקלען צו רעדן וועגן תוך־זאַכן, און די אַלטעביילע האָט מיט זיסע ריידעלעך אָנגעהויבן: „ריקלשי קרוין, איך וויל מיט דיר עפּעס רעדן". — „וואָס ווילט איר ביילע לעבן, מיט מיר רעדן" — „איך וויל רעדן מיט דיר וועגן תכלית"... „וואָס הייסט", — פרעגט ריקל, „איך מיין אַז עס איז געקומען די צייט זאָלסט מער נישט זיין אַליין. כיל איז אַן אָרנטלעכער יונג, דו האָסט שוין געהערט רעדן וועגן אים און עס וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך". — „ביילישי קרוין, איך בין נישט אַליין, איך בין מיט אייך, און עס איז מיר דאָ גוט, איך וויל נישט קיינעם. זיי מיינען נאָר מיין געלט, נישט מיך, און איך וויל נישט... מיינע אָרעמע גראָשנס ווילן זיי, מער נישט."

„איך קען זיי געבן אָפּגעבראָכענע יאָר, איך האָב דאָך

אָפענע אויגן, און וועל נישט לאָזן מען זאָל דיר שלעכטס טאָן".

ריקל האָט זיך צעוויינט. אין מיטן וויינען הערט מען גיין. ביילע האָט געווינט אויף דער פּייפּערוווקע אין אַ קעלער־שטוב. אַ פּאָר מענטשן פּראַלן אויף די טיר, און דאָס הויקערל מיט כילן און נאָך אַ פּאָר מענטשן שנאָרערס קומען אַריין. — „אַ גוטן אָוונט ביילישי". „אוי וואָס פּאָר אַ געסט! פּאַרוואָס זעט מען דיך נישט?" — „מען איז פּאַריאָגט" ענטפערט ס'הויקערל. — „איך בין געקומען וועגן תוך־זאַכן". ריקל האָט זיך צעוויינט. „אַז ריקל וויינט איז שוין גוט", שרייט אויס ס'הויקערל. „אָבער", — וויל אָנהויבן רעדן ביילע. — „וואָס אָבער, — ווער אָבער, רופט זיך אָפּ ס'הויקערל. „כיל איז אַן אָרנטלעכער יונג און האָט אַ גאָלדענע פּרנסה, ער האָט די רייכסטע גאַסן, בלויז נגידים, און ער וועט קענען געבן אַ ווייב פּרנסה. נישקשה, איך ווייס נישט וואָס מען דאַרף זיך ברעקלען. „ווער ברעקלט זיך? אָבער ריקל וויל נישט דעם שידוך," — ענטפערט די אַלטע ביילע, מיט טרערן אין די אויגן. — „וואָס? ריקל וויל נישט? אַז דאָס הויקערל זאָגט יאָ, האָט קיינער נישט געזאָגט ניין".

ריקל האָט זיך שטאַרק צעוויינט, און אָנגעהויבן שרייען, — „מענטשן, מענטשן!". דאָס הויקערל איז געוואָרן צעטומלט, ווייל מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַריינקוקן דורך פענצטער. ס'הויקערל מיטן חתן און די מחותנים זענען שנעל אַרויסגעלאָפן און צוגעקלאַפּט די טיר. „אַ כאָלעריע וועט איר קומען אין אירע ביינער, דעם בלינדן שלעפּ" — האָט דאָס הויקערל געשאָלטן.

צו מאָרגנס האָט די גאַנצע שנאָרער־וועלט געקלונגען וועגן דער גרויסער מפּלה, וואָס דאָס קליינע הויקערל האָט געהאַט ביי דער שטילער ריקל. אויפן בית־עולם, האָט מען

געהאַלטן אין איין דערציילן וועגן דער שטילער ריקל, און עס האָבן זיך געשאַפן צוויי צדדים: איינער וואָס האָט געהאַלטן מיט ריקלען, און דער צווייטער, וואָס האָט גע־האַלטן מיטן הויקערל.

אַז מען האָט דערזען אָנקומען אַ לויה, איז ווי דורך אַ כישוף אַוועק דאָס געזאָגעכץ, און גערעדעכץ און מען ווייטער געהערט רופן: „שענקט אַ נדבה אַ בלינדע קאַליקע, גיט אַ נדבה, שענקט אַ נדבה". און חברה שנאָרערס זענען ווידער געלאָפן און געריסן די פּאָלעס ביי די דורכגייערס.

פעפער־גאַס

די איינוווינער פון פעפער־גאַס זענען באַשטאַנען פון פורמאַנעס, קצבים, אויבס־הענדלערס און אַ קליינעם טייל וועבערס. פון דער פעפער־גאַס איז געווען אַן אַריינגאַנג צו יונה פילצערס פּלאַץ. האָבן טאָקע אַ סך אויבס־הענדלערס געוווינט אין דעם געסל. זיי האָבן געהאַט טישן אויפן פּלאַץ, וווּ זיי זענען געשטאַנען אַ רונדיק יאָר.

דאָס פעפער־געסל איז געווען קליין. אַ שמאָל געסל מיט שטאָקיקע האָלצערנע הייזלעך און פּאַציעאַטקע־פענצ־טערלעך. עס זענען אויך געווען אַ פּאָר געמויערטע הייזער פון דריי שטאָק. און דאָס גרעסטע הויז פון פינף שטאָק האָט געהערט צו דעם דייטשן ווערט קראַמער, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ סך הייזער אין באַלוט.

זומער פאַרנאַכט פלעגן כמעט אַלע איינוווינער אַרויס־גיין אויף דער גאַס, אַוועקזעצן זיך פאַר זייערע הייזער און מען פלעגט באַטשקען ביז שפּעט אין דער נאַכט. קליינ־וואַרג האָבן זיך געשפּילט אין קליפּע, קנעפּ און סטרולקעס. די געשרייען און געוואַלדן האָט מען געהערט ווי ווייט. פרייטיק איז דער עולם פאַר די הייזער געזעסן אַ ביסל לענגער, ווייל שבת האָט מען געקענט אַ ביסל לענגער שלאָפן. און אַז דער שבת איז געווען אַ שיינער און אַ הייסער, איז מען אַ ביסל געגאַנגען נאָך ראַדאָגאָשטש און אין גאָרטן אַריין אויף אַ פאַרוויילונג צו כאַפּן אַ ביסל פרישע לופט. אָדער מען האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין טעאַטער „פלאָראַ“

אויף באַלוט זאַוואַדזקע צוויי און צוואַנציק. אין דעם טעאַטער „פלאָראַ" האָט מען געוויזן אַ פילם, און נאָכן בילד זענען געווען אויפטריטן פון יידישע אַקטיאָרן. אין דער דעמאָלטדיקער צייט איז אין „פלאָראַ"־טעאַטער אויפ־געטראָטן דער וווּנדערבאַרער כאַראַקטער־קאָמיקער, שלמה קוטנער, און אויך דער אַקטיאָר באַלבירסקי. דאָס טעאַטער האָט אויך געהאַט אַ גאָרטן דערנעבן, און פאַרן טעאַטער זענען געשטאַנען ביימער פון פערציק פופציק יאָר. זומער צייט איז עס פאַר באַלוט געווען אַ שיין אָרט. דער יידישער עולם איז פאַרשטייט זיך געקומען פרייטיק ביי נאַכט, שבת, און אויך אַ ביסל זונטיק. מען האָט מיטגעבראַכט גאַנצע פעק מיט עסן. ווען דער פילם איז געגאַנגען, האָט מען געהערט קנאַקן די באַניעקערן וואָס דאָס פובליקום האָט מיטגעבראַכט. אַז מען האָט געזען אַ סצענע פון אַ שלעכטן מענטשן אָדער אַן אינטריגאַנט, האָט דאָס פובליקום רעאַ־גירט מיט שרייען, וואַרפן שאָלעכץ, שפייען, און ווען דאָס פובליקום האָט געזען אַ גוטע סצענע, אַ פריילעכע, האָט עס מיטגעלעבט מיט יעדער געשעעניש: מען האָט געליאַרעמט, געטופעט מיט די פיס און געפּאַטשט מיט די הענט, און געפייפט. נאָך אַ שבת־פאָרשטעלונג האָט מען געדאַרפט צופאָרן מיט אַ וואָגן און אַרויסנעמען דעם אָפּפאַל וואָס עולם האָט איבערגעלאָזט אין טעאַטער. די אַקטיאָרן וואָס זענען אויפגעטראָטן אין „פלאָראַ"־טעאַטער האָבן נישט שלעכט פאַרדינט. דאָס פובליקום האָט זייער ליב באַקומען די אַקטיאָרן, און מען האָט מאַסנווייז אויסגע־פילט דאָס „פלאָראַ"־טעאַטער. דער ליבלינג איז געווען שלמה קוטנער, וועלכער איז שפּעטער אויסגעוואַקסן אַלס איינער פון די טאַלאַנטירטסטע קאָמיקערס.

אין מלחמה־צייט ווען דאָס גרויסע טעאַטער אויף קאָנסטאַנטינער גאַס האָט זיך פאַרמאַכט, איז די טרופּע

אַראָפּגעקומען אין „פּלאָראַ"־טעאַטער און געגעבן פאָר־שטעלונגען. מענטשן פון באַלוט האָבן אָנגעהויבן שטראָמען אין טעאַטער אַריין. דעמאָלט האָט מען קיין קינאָ־בילד נישט געוויזן, נאָר מען האָט געשפּילט אַ פּיעסע, און דאָס פּובליקום איז געווען באַגייסטערט. אַ קליינינקייט, די גרויסע טרופּע פון גרויסן טעאַטער איז געקומען אין באַלוט שפּילן טעאַטער. דאָס איז געווען אַ גרויסער כבוד פאַר דער באַלוטער באַפעלקערונג. דאָס פעפער־געסל האָט זיך געטיילט אויף אָרעמע לייט און מיטלקלאַס. עס איז געווען אַן אויסגעשפּראָכן יידיש געסל מיטן אויסנאַם פון די סטרו־זשעס, וועלכע זענען געווען גויים.

זונטיק, ווען די סטרוזשעס זענען געגאַנגען אין קאָשטשאָל, האָט מען זיי געזען אין אַ קופּקעלע שטיין פאַרן קאָשטשאָל. זיי האָבן זיך אַדורכגערעדט צווישן זיך, אַז די זשידעס האָבן אַלץ און זיי די סטרוזשעס גאָרנישט און מוזן זיי נאָך באַדינען. אָבער דאָס אַלץ האָט מען גערעדט בלויז צווישן זיך, אַרויסריידן הויך האָט מען מורא געהאַט, ווייל אין פעפער־גאַס האָבן געוווינט יידן קצבים, דראָזשקאַזשעס, מענטשן פון יונה פּעלצערס פּלאַץ, געזונטע יידן, וואָס קענען צוריקשלאָגן, אויב מען שלאָגט זיי. דאָס האָבן די סטרוזשעס פון פעפער־גאַס גוט געוווּסט. און אַז מען האָט געהערט אויף אַ הויף, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג אין גאַס, אַז מען שלאָגט יידן, זענען יידן פון פעפער־גאַס נישט געבליבן אין שטוב. מען איז אַרויס אין גאַס מיט דרענגער פון אָרטשיקעס, אייזערנע שטעקנס און גויים שלעגערס האָבן באַקומען זייער פּסק. ווען די ערשטע מלחמה איז אויסגעבראָכן און אַלע מענער זענען געוואָרן מאָביליזירט, און געבליבן זענען בלויז פרויען, האָט זיך די לאַגע אין פעפער־געסל אַ ביסל גע־ענדערט. די איבערגעבליבענע סטרוזשעס און סטרוזשקעס

האָבן אַ ביסל אויפגעהויבן זייערע קעפּ. אָבער די פרויען פון פעפער־גאַס האָבן זיך אַן עצה געגעבן און זיי נישט געבליבן שולדיק. די סטרוזשעס האָבן געמוזט פאַרמאַכן זייערע מײַלער.

אין דער צייט ווען לאָדזש איז געווען אַרומגערינגלט פון דער דייטשער אַרמיי, און די רוסישע אַרמיי האָט גע־זוכט אַ וועג זיך אַדורכצורייסן, איז באַלוט געוואָרן פאַר־פלייצט מיט רוסיש מיליטער. דאָס אָרט ווו די רוסישע אַרמיי האָט געוואָלט זיך אַדורכרייסן איז געווען דער בזשעזשינער וועג. זענען די הויפן געווען פול מיט רוסישע זעלנער און די גאַסן געפּאַקט מיטן טאַבאָר, אַרמאַטן, און פולעמיאָטן. די פרויען האָבן מורא געהאַט אַרויסצושטעקן דעם קאָפּ אויף דער גאַס. האָט מען געכאַפּט אַ קוק. יעדע איינע דורך איר פענצטער. דאָס האָט געדויערט אַ פּאָר וואָכן און דער הונגער איז געוואָרן גרויס, און מענטשן האָבן נישט געקענט אַרויסגיין אויף די גאַסן. די גרויסע פרעסט, וואָס זענען דעמאָלט געווען, האָבן אויך צוגעשפּילט. עס איז נישט געווען מיט וואָס צו הייצן.

אַ סך מענטשן האָבן זיך אַרויסגעגנבעט פון דער צווייטער זייט הויף. מען איז אַריבער די פּלויטן און געלאָפן צו די נאָענטע אין שטאָט אַריין. אַלע עפנטלעכע פּלעצער זענען געווען פול מיט פאַרוואונדעטע רוסישע זעלנער, וואָס מען האָט געבראַכט פון די פראָנטן. אין די גאַסן האָט מען געהאַלטן אין איין פירן מאַסן טויטע אויף די טאַבאָר־וועגן. מענטשן זענען געלאָפן ווי פאַרסמטע, מען האָט גע־זוכט עפּעס צו קויפן צום עסן. אַלץ וואָס מען האָט נאָר געקענט באַקומען האָט מען געקויפט: פאַרשימלטע אַרבעס, פאַרלעגענע גרויפּן, פאַרשטונקען מעל, קלייען, וואָס פון דעם האָט מען געבאַקן פלעצלעך אויף דער קוך. מען האָט גע־געסן די פלעצלעך און צוגעטרונקען גרויסע טעפּ טיי, און

אַרייִנגעוואָרפן אַ האַלבע סאַכערינקע. און געגעסן האָט מען עס מיט גרויס אַפּעטיט. דער הונגער האָט אַזוי דער־שלאָגן די מענטשן, אַז מען האָט אַ ביסל אויפגעהערט טראַכטן פון די מענער, פון די זין וואָס זענען אַוועק אין מלחמה.

ווען די רוסישע זעלנער האָבן אַדורכגעריסן דעם בזשעזשינער וועג און זענען אַוועק, איז אַריין די דייטשע אַרמיי און אָנגעהויבן אַרויסגעבן ברויט אויף קאַרטן. פאַר־שטייט זיך, אַז עס איז אַ ביסל לייכטער געוואָרן, אָבער נישט אין גאַנצן. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן באַ־האַלטענע פּראָדוקטן, סחורות, וואָס מענטשן האָבן גע־האַט פאַרשטעקט. האָבן די „גוטע דייטשן" דעמאָלט אַלץ רעקווירירט און צוגענומען, און געמאַכט פון אַלע אָרעמע־לייט. יעדער האָט געמוזט אָנקומען צו די ברויט־קאַרטן. און מען האָט שוין עפּעס באַקומען צום עסן, האָבן זיך מענטשן דערמאָנט אָן זייערע נאָענטע, וואָס זענען אין מלחמה, און מען האָט אָנגעהויבן זיי צו באַוויינען. אַ סך האָבן געוויינט פאַר פרייד, וואָס די מלחמה האָט זיך געענדיקט און זייערע נאָענטע זענען געקומען אַהיים. און אַנדערע האָבן געוויינט זייער גאַנץ לעבן אויף זייערע נאָענטע וואָס זענען מער קיינמאָל נישט צוריקגעקומען.

דאָס פעפער־געסל האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים. די געשרייען און געוואַלדן זענען געוואָרן ווייניקער. עס האָבן געפעלט טאַטעס, זין, ברידער, שוואָגערס, איידעמס, און די נאָענטע האָבן געטרויערט נאָך זיי. דאָס ביסל געשרייען וואָס האָבן זיך געהערט, זענען געווען פון קליינוואַרג. קינדער פאַרגעסן שנעל און דערצו זענען די קינדער אַ ביסל אונטערגעוואַקסן, האָט מען אודאי פאַרגעסן.

נישט פאַרגעסן האָבן די עלטערן, ווייל יעדן איינעם האָט ווער עס איז געפעלט. אין די זומער־אָוונטן איז מען

ווידער געזעסן פאַר די הייזער אין פעפער־גאַס, אָבער מיט טרויעריקע פנימער. און מיט זיפצן אין האַרצן האָט מען דערמאָנט צום גוטן די נאָענטע וואָס זענען געפאַלן אין דער מלחמה...

ס׳באָבע יידל

ראַג נאָוואָמיעיסקע־אַגראַדאָווע, דער רעשיקסטער צענ־טער פון יידישן האַנדל, פון די גרויסע געשעפטן, איז געזעסן אַ קליין רואיק גרוי יידל, מיט צוויי קליינע קעסעלעך. אין איין קעסעלע זענען געווען געשמאַקע רונדיקע געזאַל־צענע אַרבעס, גרויס ווי קליינע ניס, אין צווייטן קעסעלע האָבן זיך געפונען באָבעס, ווייך ווי פוטער און געשמאַק צום עסן. אַז דאָס יידל האָט אויפגעמאַכט איינס פון די קעסעלעך, האָט אייך דער ריח פון דער געזאַלצענער, גע־פעפערטער פאַרע אַ זעץ געגעבן אין דער נאָז, אַזוי אַז די דורכגייערס האָבן נישט געקענט אויסהאַלטן דעם נסיון, און געמוזט צוגיין און קויפן אַ מעסטל אַרבעס, אָדער באָבעס. געהייסן האָט דאָס באָבע־יידל וועלוול. זיינע געשמאַקע אַרבעס און באָבעס האָבן געהאַט אַ שם אין דער גאַנצער געגנט. מענטשן זענען געקומען פון ווי ווייט זיי קויפן. וועלוול איז געווען זייער אַ זויבער יידל, עס האָט אַלץ געשמעקט פון אים, און דער עיקר די אַרבעס מיט די באָבעס זענען געלעגן אין ריינע קעסעלעך. אַלץ האָט גע־בלאַנקט. ווען ער פלעג אויפמאַכן אַ קעסעלע, האָט עס פאַרכאַפּט דאָס אויג פון ריינקייט.

וועלוול, דאָס באָבע־יידל, איז געווען שוין אין די זי־בעציקער יאָרן. אָבער ער האָט זיך גוט געהאַלטן, און ער האָט פון זיינע אַרבעס און באָבעס געמאַכט אַ שיין לעבן. וועלוול האָט געהאַט אַ ווייב, לאה, אין די זעלבע יאָרן

וואָס ער. געלעבט האָבן זיי ביידע ווי צוויי טויבן. איינער דעם צווייטן האָט די גאַנצע יאָרן זייערע נישט אויסגערעדט אַ הויך וואָרט. ווען וועלוול פלעג קומען פון גאַס, זענען זיך ביידע אַרויפגעגאַנגען אַ ביסל אויפן הויף, זיך אַוועקגע־זעצט אויף דער פּלומפּ און זיך אַ ביסל אַדורכגערעדט מיט די שכנים פון הויף. מען האָט דאָס אַלטע פּאָרל זייער ליב געהאַט, ווייל זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט געקריגט מיט קיינעם, און אַז מען איז אַריינגעקומען עפּעס באָרגן ביי לאה'ן האָט זי מיט פאַרגעניגן אַנטקעגן געטראָגן מיט אַ שמייכל אויפן פּנים. לאה איז געווען אַ גרויסע בריה, עס האָט געפינקלט אין יעדן ווינקל ביי איר אין שטוב. געוווינט האָבן זיי אין באַלוט אויף דער זאַוואַדזקע־גאַס אין אַ קליין שטיבעלע. די צוויי בעטן מיט די גרויסע געזימסן און די קליידער־שאַנק מיטן טיש האָבן פאַרנומען דאָס גאַנצע שטיבל. אויך די טעפּ אין וועלכע מען האָט געקאָכט די אַרבעס מיט די באָבעס האָבן פאַרנומען אַ שטיקל אָרט. ווען וועלוול איז געגאַנגען אין גאַס אַריין, האָט לאה, זיין ווייב, צוגעגרייט פרישע סחורה. די פּאַרע דורכן פענצטער האָט פאַרשמעקט דעם הויף פון די אַרבעס מיט די באָבעס, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין קאָכן.

ביי וועלוולען מיט לאה'ן האָט געהערשט שלום־בית, די שכנים פון הויף זענען זיי מקנא געווען מיט זייער צו־פרידן לעבן. אין שטוב האָט מען נאָר געהערט: „וועלוועלע און לאהלע". וועלוול, זיצנדיק אויף זיין שטעל, ווו ער האָט פאַרקויפט די אַרבעס, האָט קיינמאָל נישט אויסגע־רופן: „הייסע, קאָכעדיקע אַרבעס!" אַזוי ווי אַנדערע הענד־לער פון אַרבעס פלעגן עס טאָן. ער האָט נישט געדאַרפט רופן קיין קונים, מען איז צו אים געקומען פון ווי ווייט. זיינע קונים האָבן אים תמיד פריער געזאָגט דעםברייטן גוט־מאָרגן. וועלוול איז געווען באַליבט אין דער גאַנצער

נאָוואָמיעיסקע גאַס. אַז עס האָט אַמאָל געטראָפן אַז וועלוול האָט זיך שלעכט געפילט, האָט אים פּאַרטראָטן זיין ווייב לאה. האָבן זיך די קונים געהאַלטן אין איין פרעגן, וואָס האָט פּאַסירט וואָס מען זעט נישט היינט וועלוולען. זיין ווייב לאה, האָט אַלעמען באַרואיקט — „ער פילט זיך היינט נישט מיט אַלעמען. מאָרגן, מ׳זאָל דערלעבן, וועט ער שוין זיין". און ווען דער מאָרגן איז געקומען, איז וועלוול שוין געזעסן אויף זיין קעסטעלע ווי תמיד.

אַזוי האָט זיך דאָס אַלטע, ליבע פּאָרל געלעבט און געקאָכט אַרבעס מיט באָבעס, און געדאַנקט דעם רבונו של עולם, אַז זיי דאַרפן נישט אָנקומען צו קיינעם.

אויף זיין באַשטימט אָרט, אין גאַס איז זיך וועלוול געזעסן אַלע יאָרן און שטענדיק מיט זיין שמייכל אויפן פּנים באַדינט זיינע קונים, וועמען אַ מעסטל אַרבעס און וועמען אַ מעסטל באָבעס. אפילו דער פּאָליציאַנט, וואָס איז געשטאַנען און געפירט די באַוועגונג אויפן גאַס, האָט זיך אויך צוגעכאַפּט נאָך אַ מעסטל אַרבעס צו וועלוולען. יעדן איינעם האָט ער באַדינט גלייך. יעדער איינער האָט באַקו־מען אַ גלייכע פּאָרציע אַרבעס... און דאָס האָבן קונים געוווסט, האָבן זיי אים זייער ליב געהאַט. ער איז געווען זייער ערלעך אין זיין געשעפט...

אַנטקעגן איבער איז שטענדיק געזעסן וועלוועלעס אַ געשווירענער קונה. דאָס איז געווען הערש טרעגער, אַ ייד אין אַ בורקע, אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק, מיט אַ ברייט פּנים, מיט צוויי גרויסע אויערן און ברייטע פּלייצעס, און אַ קורץ בערדל. מ׳האָט געהאַט דעם איינדרוק אַזוי ווי דאָס בערדל וואָלט געווען אויסגעצופּט. אַז ער איז געגאַנגען קויפן אַ מעסטל אַרבעס, האָט ער געגעבן אַ פּאַטש מיט די הענט און אַרויסגעלאָזט אַברייטן „אי, אי־אי!" ער האָט שוין געפילט דעם טעם פון די געפעפערטע

אַרבעס. איז זיך טאַקע הערש אַלע טאָג אַריבערגעגאַנגען צו ווען וועלוולען נאָך אַ מעסטל אַרבעס.

איין מאָל גייט אַזוי הערש טרעגער אַריבער די גאַס און רופט אויס:

— גוט מאָרגן, רב וועלוול, גיט מיר אַ מעסטל אַרבעס.

וועלוול האָט נישט געענטפערט. הערש טרעגער האָט אויפגעהויבן די אויגן און געזען אַז וועלוול שלאָפט. „וואָס איז דאָס? — איך האָב נאָך וועלוולען קיינמאָל בייטאָג נישט געזען שלאָפן". „רב וועלוול! רב וועלוול! יידן, געוואַלד! ראַטעוועט!".

וועלוול איז געווען טויט. ער איז איינגעשלאָפן ווי אַ הינדל, קיין פּיפּס נישט געגעבן. געבליבן זיצן אויף זיין אָרט מיט די צוויי קעסעלעך, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף זיינע קונים זיי זאָלן קומען קויפן זיינע אַרבעס און באָבעס.

די הויכע שרה און איר זונדל

אַ הויכע אויסגעדאַרטע פרוי, מיט אַ סך קנייטשן אויפן פּנים, פון צופיל זאָרגן וועגן פרנסה, מיט אַ מע־נערישער שטים — אַזאַ איז געווען די „הויכע שרה״. געווען איז זי אַן אויבס־הענדלערין, און געהאַט אַן אייגן וועגעלע אויף וועלכן זי האָט געפירט דאָס אויבס צו פאַרקויפן. געטראָגן האָט זי אַ פּויעריש טיכל אויפן קאָפּ אַ גאַנצן טאָג, און קומענדיק אין אָוונט אַהיים פון גאַס, האָט זי אויך נישט אויסגעטאָן דאָס טיכל, מחמת דעם, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט... אַזוי ווי די הויכע שרה איז אַריין אין שטוב, האָט זי זיך גלייך גענומען צוגרייטן וועטשערע פאַר זיך און פאַר איר זון. אָפּגעגעסן, איז שרה אַריינגעפאַלן אין בעט פון מידקייט, אפילו נישט געהאַט קיין כוח אָפּצוּוואַשן ס׳געפעס, און איבערגעלאָזט עס אויף מאָרגן.

איר זונדל האָט מען גערופן „משה פּויער״ פון קינד־ווייז אָן. אַזאַ צונאָמען האָט ער געהאַט. און ווען משה האָט געהערט, אַז אַ יינגל רופט אים „משה פּויער״, איז דאָס יינגל מיט גלייכע ביינער שוין נישט אַוועק.

די הויכע שרה איז געווען אַ הויכע און אַ דאַרע פרוי, און אירע אַלע באַוועגונגען זענען געווען פון אַ מאַן. זי פלעג זיך אויפהויבן זייער פרי און געלאָזט זיך לויפן אויף יונה פּילצערס פּלאַץ, ווו זי האָט איינגעקויפט איר אויבס

פאַרן גאַנצן טאָג. ביז זי האָט שוין איינגעקויפט די פּאָר קעסטלעך עפּל און באַרנעס, איז זי שוין געווען אין גאַנצן דערשעפּט פון שרייען צו די הורטאָווניקעס, מ'זאָל איר געבן די שענסטע און בעסטע סחורה, און ווען די קעסטלעך אויבס זענען שוין געווען ביים וועגעלע, איז די הויכע שרה שוין געווען רואיק און זי האָט שוין געקענט אויס־בעטן מיט שטרוי דאָס וועגעלע און אונטערלייגן אַ זאַק אַרויסצושיטן דאָס אויבס, און שפּעטער עס אויס־סאָרטירן. די געפּלעקטע עפּל און באַרנעס האָט שרה גע־לייגט פון אונטן, און די שיינע פון אויבן. ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט מען געהערט שרייען: „משה, נעם ס'וועגעלע" און מען האָט זיך געלאָזט איבער די לאָדזשער גאַסן. איר זון, משה פויער, האָט געשלעפּט דאָס וועגעלע, און די הויכע שרה האָט נאָכגעשטופּט, און גע־רופן אויפן קול „עפּל! עפּל! יאַבקאַ! יאַבקאַ"...

געטראָגן האָט די הויכע שרה אַ מענער־שפּענצער מיט אַ ברייטער שערץ מיט צוויי טיפע טאַשן אַריינצולייגן דאָס לייזעכץ פון טאָג. ווען זי איז געגאַנגען און געשטופּט דאָס וועגעלע, האָט זיך אַלע מאָל דער שפּענצער אַרויפגערוקט איבער איר האַלדז, און שרה האָט אַלע ווײַלע דעם שפּענ־צער צוריק אַראָפּגערוקט און געגעבן אַ וויש דעם שווייס, וואָס איז איר גערונען איבערן פּנים. דאָס זונדל אירס, משה פויער, האָט אַלע ווײַלע אויסגעשריען: „יאַבקאַ! טאַניאָ!", געוואָלט די מוטער איבערשרייען. זיי זענען אַזוי געגאַנגען ביז זיי זענען צוגעקומען צו זייער אָרט, וווּ זיי זענען געשטאַנען יעדן טאָג און פאַרקויפט זייערע עפּל אָדער באַרנעס.

אין גאַס איז די הויכע שרה געווען אַ גרויסע בריה, אין דער היים איז זי געווען אַ צעבראָכענער שאַרבן. די

נערוון האָבן זי אין גאַס געטראָגן. די הויכע שרה איז געווען אַן אלמנה, דער מאַן איז איר געשטאָרבן דריי יאָר נאָך דער חתונה, און זי האָט געמוזט אַליין שווער און ביטער אַרבעטן צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט.

אַהיים קומענדיק פון אַ טאָג אַרבעט, ווי שלעפן און שטופן דאָס וועגעלע, איז שרה קוים אַריין אין שטוב, זי האָט זיך געפילט שוואַך. „איך וועל לאַנג אַזוי נישט שלעפן, בענאָק מיינער. ברענג מיר כאָטש אַ ביסל וואַסער אַרויף און צעהאַק מיר אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ. איך פיל, אַז איך פאַל אויף מיינע שוואַכע פיס". — „גיי אַליין, איך האָב אויך נישט קיין כוח". — האָט איר זונדל, משה פויער, געענטפערט, און אַרויסגעלאָפן און געגעבן אַ קלאַפּ מיט דער טיר, אַזוי, אַז די פּאָר טעפּלעך וואָס זענען געשטאַנען אויף דער קיך, זענען שיר נישט אַראָפּגעפאַלן פון קעכל. אַזוי איז געגאַנגען די סדרה יעדן טאָג: — „ברענג מיר אַ ביסל וואַסער און צעהאַק מיר אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ". משה פויער איז שוין געווען אויפן הויף און געשפּילט אין קנעפּלעך אָדער אין קליפּע.

דאָס וואָלט שוין נישט געווען דאָס ערגסטע. אַזוי ווי משה איז נאָר אַראָפּ אויפן הויף, האָט ער שוין באַוויזן וועמען אָנצוברעכן די ביינער, און די מוטער זיינע האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן. זי האָט געוווסט, אַז איר בענאָק איז אַ גרויסער לאָבוז, און אַז די מוטער האָט אים עפּעס געזאָגט, האָט משה פויער, איר בענאָק, זי געהערט ווי דעם פאַראַיאָריקן שניי.

די קינדער אויפן הויף האָבן פאַר אים מורא געהאַט, קיינער האָט זיך נישט געוואָלט מיט אים שפּילן און אויך נישט חברן זיך מיט אים. דאָס האָט משהן נאָך מער אויפגערעגט, און ביי יעדער געלעגנהייט האָט ער די יינגלעך פון הויף דערלאַנגט קלעפּ.

די הויכע שרה האָט געוווינט אין שכנות מיט מלכהלע הויקער, זייער אַ שטילער פרוי. מלכהלע האָט זיך מיט קיינעם אויפן הויף נישט געקריגט, זי איז יעדן געגאַנגען פון וועג. די שכנים האָבן מיט איר גוט געלעבט. מלכהלע האָט געהאַט צוויי יינגלעך, איז משהן אויסגעקומען מיט מלכהלעס קינדער זיך צו שפּילן אין קנעפּלעך. אַז משה האָט פאַרשפּילט, האָט מען אים געמוזט צוריקגעבן. ווייל ער איז געווען אַ שטאַרקער, אַז נישט האָט יענער באַקו־מען קלעפּ. נישט נאָר די יינגלעך האָבן פאַר אים מורא געהאַט, נאָר אפילו די שקצים פון הויף, וואָס האָבן גע־ווּסט אַז משה פויער איז אַ שטאַרקער. אַז די קינדער פון מלכהלע הויקער זענען אַריינגעלאָפן צו זייער מאַמען מיט אַ געוויין, אַז משה פויער האָט זיי געשלאָגן, וואָס האָט נעבעך מלכהלע הויקער געקענט מער טאָן, ווי אַריינגיין צו דער הויכער שרה ? עס איז דאָך עפּעס אַ שכנה, און זי וועט איר דערציילן וואָס איר זון טוט אָן אירע קינדער. איז מלכהלע טאַקע אַריינגעגאַנגען צו דער הויכער שרה, און געגרייט זיך איר דערציילן וועגן איר זון משה. אָבער מער ווי, גוטן־אָוונט, האָט מלכהלע נישט באַוויזן צו זאָגן, און די הויכע שרה איז באַלד אַרויס מיט לשון : „אַהאַ ! מיין בענאָק, ווער דען קען שלאָגן אויפן הויף די קינדער ?״ — האָט די הויכע שרה געזאָגט צו מלכהלען : „וואָס זאָל איך טאָן מלכה׳שי קרוין ?״ — האָט די הויכע שרה מיט טרערן אין די אויגן גערעדט צו מלכהלען : „אַז גאָט האָט מיך געשטראָפט, און צוגענומען מיין מאַן, ווען ער וואָלט געלעבט, מיין טייערער, ליבער, וואָלט געווען אַנדערש, וואָלט אַזאַ יונג פון פופצן יאָר נאָך געגאַנגען אין חדר. גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן פאַר די רייד. מיין בענאָק ווייסט דאָך נישט, וואָס עס איז אַ יידיש אות, ווייַ איז צו מיינע יאָרן !... כ׳וועל דאָך נישט האָבן ווער עס זאָל

נאָך מיר קדיש זאָגן", און זי האָט אַרויסגעלאָזט אַ שטאַרק געוויין. „פרעג איך זי מלכה'שי קרוין, האָב איך כוח צו אים, הערט ער דען וואָס איך רעד צו אים? זי ווייסן גאָרנישט וואָס פאַר אַ צרות איך האָב פון אים אין גאַס. מיט אַלע שלאָגט ער זיך, וואָס קען איך מיר העלפן? איך בין דאָך אַ שוואַכע פרוי, מלכה'שי קרוין, ער איז דאָך גאָרנישט אַזאַ שלעכטער ווי מען מיינט. טאָמער זעט ער אין גאַס, אַז אַ שגץ שלאָגט אַ יידיש קינד, שטעלט ער זיך איין ס'לעבן, און אַז ער קומט אויפן הויף, איז ער גאָר אַן אַנדערער, כ'דערקען אים נישט. וואָס פאַר אַן עצה גיט מען זיך, טייערע שכנטע? ער איז טאַקע אַ שלעכטער, אָבער ער איז דאָך מיין קינד, איך האָב דאָך פאַרגאָסן בלוט אויף אים!" און זי צעוויינט זיך ווידער. די הויכע שרה האָט די גאַנצע צייט גערעדט, און מלכה הויקער האָט נישט געקענט קומען צום וואָרט. אַ פּאָר ווערטער האָט מלכה שרהן געזאָגט: „וואָס זאָל מען טאַקע טאָן? ער איז דאָך אַ קינד, נישט קיין פרעמדער", און מלכה האָט זיך אויך צעוויינט. זי איז געווען אַ גוטע נשמה. „אַ גוטע נאַכט, שרה", — האָט מלכה געזאָגט און איז אַרויס פון שרהס שטוב.

משה פויער האָט געהאַט איין חבר אויפן הויף, וואָס ער איז מיט אים אויסגעקומען, און דאָס איז געווען וואָלף וועבער — אַ יונג אַ ריז זעכצן יאָר אַלט, אויך אַ שטאַרקער. כאָטש זיי זענען געווען צוויי דערוואַקסענע יינגלעך, האָט מען זיך געהאַלטן אין איין שלאָגן מיט יינגלעך פון אַנדערע הויפן. אַ געוויסע צייט איז אַ ביסל שטיל געוואָרן אויפן הויף מיט משהן. משה פויער און וואָלף וועבער האָבן געגרייט אַ וואַזשנע מלחמה מיט יינגלעך פון דער וואָלבאָרסקע גאַס. זיי האָבן געשמט פּאָר גרויסע שלעגערס. משה פויער מיט וואָלף וועבער

זענען אָבער געווען די שטאַרקסטע יינגלעך פון באַלוט זאַוואַדזקע, און געוואָלט אָנלערנען די יינגלעך פון וואַל־באָרסקע גאַס. האָט מען זיך גענומען גרייטן צו דער מלחמה, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען צווישן ביידע צדדים. יינגלעך פון באַלוט זאַוואַדזקע האָבן זיך אויך גע־נומען גרייטן, ווער אַ שטעקן, ווער אַ פּאַלקע און עס איז געוואָרן באַשטימט אַ פאַרנאַכט אין אַ געוויסן טאָג, ווען מען וועט קענען אָנהויבן די שלאַכט, די יינגלעך פון וואָלבאָרסקע גאַס האָבן געדאַרפט קומען אין באַלוט זאַוואַדזקע גאַס. די יינגלעך פון באַלוט זאַוואַדזקע האָבן געהאַט באַהאַלטן פאַרשידענע מכשירים, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן צו דער מלחמה. באַהאַלטן האָבן חברה, יעדער אין זיין שטוב אונטערן בעט און אַ סך אויפן בוידעם, אַזוי, אַז די עלטערן זאָלן נישט וויסן פון דעם וואָס דאַרף פאָרקומען אין די נאָענטסטע טעג.

אין דעם באַשטימטן טאָג האָט מען ווייניק יינגלעך געזען אויפן הויף. די עלטערן פון די קינדער האָבן נישט געוווסט וואָס עס האָט פּאַסירט, ווו די קינדער זענען. נישט ווייט פון זאַוואַדזקע באַלוט איז געווען אַ פעלד. האָבן עלטערן געטראַכט, אפשר זענען חברה אויפן פעלד.

די מלחמה האָט זיך געדאַרפט אָנהויבן אויף דער פראַנטשישקאַנער גאַס. ווען די עלטערן האָבן אָנגעהויבן טראַכטן, ווו זייערע קינדער זענען, האָט זיך די שלאַכט צווישן חברה שוין געהאַט אָנגעהויבן. די גאַס איז געווען שוואַרץ פון חברה מיט שטעקנס, פּאַלקעס, דראָטן און שטיינער אין די טאַשן. אָנגעהויבן די שלאַכט האָבן די יינגלעך פון וואָלבאָרסקע גאַס. שויבן זענען געוואָרן אויס־געהאַקט, שטיינער זענען געפלויגן און געמאַכט לעכער אין די קעפּ, און בלוט האָט גערונען. די געוואַלדן און געשרייען האָט מען געהערט ווי ווייט. באַלוט זאַוואַדזקע

האָט געזיגט און פאַריאָגט די וואָלבאָרסקע גאַס. חברה פון ביידע צדדים זענען אַהיים געקומען מיט געלעכערטע קעפּ, געשפּאָלטענע נעז, און צעריסענע הויזן און קאַפּאָטקעס. משה פויער מיט וואָלף וועבער, די געווינער פון דער מל־חמה, זענען געווען אויסבאַהאַלטן, ווייל די עלטערן פון די געשלאָגענע קינדער האָבן געזאָגט, אַז זיי מוזן די צוויי באַנדיטן טויט מאַכן. האָבן זיך די צוויי שטאַרקע, וואָס האָבן די שלאַכט אָרגאַניזירט, באַהאַלטן, און מען האָט זיי נישט געזען אַ פּאָר וואָכן, ביז עס איז געוואָרן אַ ביסל פאַרגעסן.

די צוויי שטאַרקע האָבן זיך דאַן ווידער געקענט ווייזן אויפן הויף. נאָך דער גרויסער מלחמה וואָס איז פאָרגעקומען צווישן די צוויי גאַסן, איז געוואָרן שלום. וואָלבאָרסקע גאַס האָט איינגעזען, אַז באַלוט זאַוואַדזקע האָט שטאַרקערע חברה ווי זיי.

די מענטשן פון ביידע גאַסן האָבן גערעדט זייער לאַנג פון דער גרעסטער מלחמה, וואָס איז פאָרגעקומען אין באַלוט צווישן יינגלעך...

חיים דער עופות־הענדלער

חיים האָט געהאַנדלט מיט עופות און געהאַט אַ יאַטקע אויף ווסכאָדניע גאַס. לעבן דער יאַטקע איז געווען אַ פינצטער שטיבל מיט צוויי הויכע קראַטענע פענצטער־לעך, וווּ מען האָט געפליקט די פעדערן פון די געשאָכטענע עופות.

חיים, אַ געזונט יידל מיט פּאַרביקע בעקלעך, מיט אַ רויט שפּיציק בערדל, איז תמיד געווען באַפּעדערט פון די פעדערן פון די עופות, פאַרהאָרעוועט, פאַריאָגט, דאָס היטל אַרויפגערוקט און קיינמאָל נישט געהאַט קיין צייט. ער פלעג לויפן פון יאַטקע אין שטיבל אַריין און פון שטיבל אין יאַטקע אַריין.

חיימס ווייב, אַלטע, איז געווען אין יאַטקע. אַלטע איז געווען אַ יידענע מיטן גאַנצן קניאַק. נישט קיין הויכע, רונדיק ווי אַ פעסל, קוים וואָס זי האָט זיך באַוועגט. געטראָגן האָט זי צוויי פוטערנע שיך, אַ וואַטאָוון שפּענצער און אַ בלאָנד שייטל. אַליין איז זי געווען אַ שוואַרצע, געהאַט דריי בראָדאַווקעס אויף דער לינקער באַק, און גערעדט האָט זי מיט אַ הייזעריקער שטימע, פון שרייען אַ גאַנצן טאָג צו די ווייבער, וואָס זענען געקומען צו איר קויפן געפליגלט פלייש.

יעדער איינער האָט איר פאַרדרייט דעם קאָפּ: „אַל־טישי קרוין, געבן זי מיר אַן אַנדער פערטל הין, איך וויל נישט די האַלבע קאַטשקע, זי איז צו מאָגער."

נישט קיין פאַרדרייטן קאָפּ האָט אַלטע געהאַט פון די קונים, וואָס זענען געקומען קויפן דרויב, און דרויב האָבן געקויפט אָרעמעלייט: אַ ביסל קישקעלעך, פּיסלעך, קעפּלעך און אַמאָל אויך אַ פּאָר פליגעלעך פאַר אַ קראַנקן. צו די קונים האָט אַלטע געהאַט אַ סך געדולד. זי האָט מיט זיי מיטגעפילט.

אַלטע האָט אויסגעזען זייער אַ בייזע, אָבער אין דער אמתן, איז זי געווען אַ גוטער מענטש, זי האָט אויך געהאַט אירע געשווירענע קונים אָן געלט... יעדן דאָנערשטיק איז צו אַלטען אַריינגעקומען אַן אויסגעבלייכטע פרוי וואָס האָט געוווינט אין שכנות מיט אַלטען. די פרוי האָט געהאַט אַ קראַנק מיידעלע. האָט אַלטע שוין געזען, אַז די פרוי זאָל האָבן פאַרן קינד אַ ביסל יויך, און ווען די פרוי איז אַריינגעקומען, האָט אַלטע זי באַגעגנט מיט אַ שמייכלענדיקן פנים. — „גוט מאָרגן רויזל, האָט אַלטע פריער איר געזאָגט, היינט האָב איך פאַר אייך אַ גוט ביסל דרויב פאַר אייער קינד, עס זאָל טאַקע זיין צו געזונט. אַ פּאָר גוטע פליגעלעך, און אַ שטיקעלע הון. פון דעם וועט אייער קינד גע־שטאַרקט ווערן", — האָט אַלטע געזאָגט, און די אויס־געבלייכטע רויזל האָט געקוקט מיט גוטע אויגן: — „גאָט זאָל אייך פאַר אַלעם באַצאָלן וואָס איר טוט פאַר מיין קינד. — איך דאַנק אייך זייער". אַלטע האָט איינגע־פּאַקט אַ פּעקעלע און געגעבן דער פרוי רויזל. „גייט גע־זונטערהייט, און אַ רפואה שלימה פאַר אייער קינד", — האָט נאָך אַלטע צוגעווונטשן דער פרוי רויזלען.

רויזל איז נישט געווען די איינציקע ביי אַלטען. אַ סך אַזעלכע קונים האָט אַלטע געהאַט. און אַלטע האָט עס געטאָן מיט ליבע. זי האָט געוווסט, אַז דאָס איז פאַר קראַנקע און דאָס איז אַ גרויסע מצוה.

אין דעם שטיבל, ווו עס זענען געזעסן די פּאָר פרויען,

וואָס האָבן געפּליקט די פעדערן פון די עופות, איז געווען אַ מאָדנער ריח. עס איז דאָרט געשטאַנען אַ לאַנגע באַנק, ווו מען האָט אַרויפגעלייגט די עופות צום פליקן. די פרויען זענען געזעסן אויף נידעריקע בענקעלעך, אַרומגעוויקלט די קעפּ מיט טיכלעך, די האָר זאָלן נישט פול ווערן מיט פעדערן, און דאָך זענען אַלע געווען פול מיט פעדערן. אין דעם שטיבל פון פעדערן־פליקן איז אַלטע ווייניק אַריינגעקומען, און ווען חיים איז אַריינגעקומען, זענען זיינע ערשטע ווערטער געווען: — „נו, ווי האַלט עס, עפּעס פליקט זיך נישט היינט", און אַ ביסל זיך צעשריען. אַלטע האָט אים אָפּט פאַרגעוואָרפן, — „חיים, וואָס איז מיט דיר? וואָס שרייסטו אַזוי אויף די פרויען, עס איז ווייניק אַז זיי ליגן אין אַזאַ פינצטערניש, אין אַזאַ שטינ־קעריי, שרייסטו נאָך אויף זיי, זעץ זיך אַ ביסל אַוועק, רו זיך אָפּ". „אודאי יאָ, אַז איך וועל מיך אָפּרוען וועלן זיי אין גאַנצן אויפהערן צו פליקן", האָט זיך חיים צע־שריען. — „אָבער וואָס שרייסטו אַזוי? — די וועלט גייט נאָך נישט אונטער", האָט אַלטע אים געענטפערט, און איבערגעריסן דאָס געשפּרעך, ווייל אַ קונה איז דערווייל אַריינגעקומען. חיים איז ווידער געלאָפן אין שטיבל אַריין ווו מען פליקט די עופות אַ קוק צו געבן צי מען האָט שוין אַ סך עופות אָפּגעפליקט.

אַלטע האָט געהאַט אַ טאָכטער מיט אַ זון. די טאָכ־טער איז געווען די עלטסטע, אַ גראָטן מיידל, פאָלע, אַ שיינע מיט בלאָנדע האָר. זי האָט זיך באַקענט מיט אַ פריינדין און ביידע זענען געוואָרן הייסע חברטעס. מינקע די חברטע אירע איז געקומען אין אַ דראַמקרייז, און זי האָט זי איינמאָל מיטגענומען אויף פּראָבע. פּראָבירט האָט מען דעמאָלט דעם „דאָרפסיונג" פון ל. קאָברין. פאָלען איז עס זייער געפעלן געוואָרן, און זי האָט זיך איינגעשריבן

אין דראַמאַטישן קרייז. די עלטערן האָבן נישט געוווּסט דערפון. פאַלע איז געווען זייער אַ טאַלאַנטירטע. זי איז געקומען פּינקטלעך אויף פּראָבן און געחלומט צו ווערן אַ יידישע שוישפּילערין. אָבער די עלטערן האָבן זיך דערפון דערוווּסט, האָט מען איר אָנגעהויבן שטערן. די ערשטע צייטן האָט זיך פאַלע אַרויסגעגנבעט פון שטוב און איז געקומען אויף די פּראָבן. ביז איינמאָל האָט מען זי פאַר־שלאָסן און נישט געלאָזט גיין אין גאַס אַריין.

דער קאַמף אין דער היים איז געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, ביז אין אַ שיינעם טאָג, האָט דער פאָטער איר אָפּגעשוירן די צעפּ, וואָס זי האָט געהאַט, און גענומען נקמה. די מוטער אירע איז אויך נישט מסכים געווען, אַז איר שיינע טאָכטער זאָל שפּילן מיט יינגלעך „טרעיאַטער״. די טראַגעדיע פון פאַלען איז געווען זייער גרויס. מיט דעם אָפּשערן די האָר איז געוואָרן אַ ריס צווישן איר און אירע עלטערן.

פאַלע האָט אָנגעהויבן טראַכטן פון אַנטלויפן פון דער היים. דאָס רויטע, פאַרביסענע יידל, האָט זיין טאָכטער געהיט ביי טאָג און ביי נאַכט. ער האָט פאַרלאָזט זיין יאַטקע און געהאַלטן אין איין היטן זיין טאָכטער פאַלאַ.

פאַלאַ האָט געמאַכט פאַרשידענע פּלענער, אָבער פון די אַלע פּלענער איז גאָרנישט געוואָרן. די האָר זענען פאַלען אונטערגעוואַקסן. זי האָט געפירט אַ פאַרביטערטן קאַמף מיט אירע עלטערן. צום סוף האָט פאַלע די פאַרעקשנטע עלטערן איינגעבראָכן, און זי איז ווייטער געקומען אויף פּראָבן אין דראַמאַטישן קרייז.

חיים האָט זיך אַביסל געענדערט נאָך דעם אָפּשערן די האָר פאַלען. עס זענען געווען אַזעלכע שכנים, וואָס האָבן געזאָגט: „אַזעלכעס מאַכט מען נישט מיט קיין דערוואַקסן מיידל — עס קען אַמאָל שאַטן צו אַ שידוך אויך״...

אין דער היים האָט זיך געענדערט צום גוטן. די שכנים האָט חיים נישט צוגעגעבן, אַז זיי זענען גערעכט, אָבער אינערלעך האָט ער זיך געענדערט. און דאָס האָט מען געקענט זען אין דער יאַטקע און אין דעם שטיבל ווו מען האָט געפליקט די פעדערן פון די עופות. ער האָט שוין נישט אַזוי פיל געשריען, נישט געיאָגט, איינגעהאַלטן דאָס לויפן, דאָס קוקן אין שטיבל וויפל עופות עס זענען שוין אָפּגעפליקט. אַז מען האָט פאַרענדיקט דעם טאָג אַרבעט אין יאַטקע און מען איז אַהיים געגאַנגען, איז שוין נישט געווען ווי אַמאָל די פרייִלעכקייט צווישן פאָלען און אירע עלטערן. דער ריס נאָכן אָפּשערן איר די האָר האָט זיך געצויגן ווייטער. אַ פרעמדקייט האָט געהערשט צווישן די עלטערן און פאָלען, פאַר דער בושה וואָס זיי האָבן איר אַמאָל אָפּגעשוירן די האָר...

ברײנע און פישל

באַלוטער הויפן האָבן פאַרהילכט פון קלאַפּן פון װעבשטולן אױסגעמישט מיט געזאַנג. װי גרױס די אָרעמקײט האָט נישט געזאָלט זײן בײ יעדן װעבער אין הויז, האָט מען אַלץ אונטערגעזונגען זיך אַ לידעלע אָדער אַ ניגון. די קלאַנגען האָבן זיך אַרויסגעריסן דורך די אויפגעפּראַלטע פענצטער. דאָס קלאַפּן פון װעבשטול האָט צוגעגעבן אַ געװיסן ריטם צום זינגען.

פישל װעבער, אַן אויסגעדאַרט מענטשל מיט טיפע ברוינע אויגן, איז זיך געזעסן אונטער זײן שטול, געװאָרפן זײן האַנט פון לינקס צו רעכטס, און געקװעטשט מיט די פיס די צװײ הילצערנע פּעדאַלן, די שיצן זאָלן קענען אַדורכלויפן. פישלס מיטהעלפערין בײ די שיצן איז געװען זײן אײגן װײב ברײנע. פאַר העלפן אַרײנװאַרפן די שיצן האָט מען געדאַרפט צאָלן אַ פּאָר גילדן אַ װאָך. די פּאָר גילדן האָט ברײנע אײנגעשפּאָרט איר מאַן.

בײ דער אַרבעט האָט פישל זיך אונטערגעברומט אַ ניגון, ברײנע האָט קײנמאָל נישט צוגעהאָלפן. עס האָט זיך בײ איר קײנמאָל נישט אַרויסגעכאַפּט קײן אײן קלאַנג פון זינגען.

ברײנע, אַ בלאַסע, אַ טרויעריקע, האָט זיך זעלטן אַמאָל אויסגעלאַכט, נישט צוליב דעם װאָס פרנסה איז געװען שװער אויסצואַרבעטן. איר האָט געדריקט אויפן האַרצן אַן אַנדערע זאַך. ברײנע איז געװען אַן עקרה, זי האָט נישט

געהאַט קיין קינדער און מער נישט געקענט האָבן. דאָס איז געווען איר גרויס ווייטאָג אין האַרצן.

פישל האָט בריינען זייער ליב געהאַט, און נישט איינמאָל איר אויסגערעדט:

— וואָס נעמסטו זיך אַזוי איבער, ווער איז דען שולדיק אין דעם, אַז דו ביזט געוואָרן באַעוולט פון דער נאַטור נישט קענען האָבן קיין קינדער. דו ווייסט ווי כ׳האָב דיך ליב. כ׳רעד צו דיר און דו גייסט אַלץ אַרום אַ פאַרכמורעטע, ווילסט נישט מיט קיינעם רעדן. וואָס זענען די מענטשן שולדיק אין דעם?

— פישל, מאַכסט אַ טעות, איך האָב צו די מענטשן גאָרנישט, קיינער איז מיר נישט שולדיק אין דעם, וואָס איך קען נישט האָבן אַ קינד, אָבער איך וויל דו זאָלסט פאַרשטיין, אַז איך פיל מיך שלעכט ווען איך קום צוזאַמען מיט מענטשן, וואָס די קינדערלעך לויפן ביי זיי אַרום, אָדער זיי קומען אין שטוב, אָדער זיי רופן מאַמע... פיל איך עפעס וואָס איך קען דאָס אין ווערטער נישט אַרויס־ברענגען. איז בעסער פאַר מיר, אַז איך זיץ אין שטוב.

יעדן אָוונט נאָך דער אַרבעט, אָנשטאָט אַ ביסל אַראָפּ־גיין אויפן הויף, אָדער אויף דער גאַס, פלעגןביידע צוגיין צו זייערע צוויי פאַציאַטקע־פענצטערלעך, וואָס זענען אַרויס־געגאַנגען אויף דער מלינאַרסקע גאַס, און פון דעם שטאָקיקן הילצערן הייזל, האָט מען תמיד אין די אָוונט־שעהן, געזען אַרויסגערוקט צוויי בלאַסע אויסגעמאַטערטע פנימער. פישל און ברײנע זענען שעהנווייז געווען אָנגעשפּאַרט אויף די צוויי פענצטערלעך, און פון צייט צו צייט האָבן זיך פון בריינעס האַרץ אַרויסגעכאַפּט אַ זיפץ מיט אַן אוי צוזאַמען. דורך זייערע פענצטער האָט מען געקענט זען דאָס קליינע סעדל קעגנאיבער, און בריינעס אויגן זענען שטענדיק גע־ווענדט געווען צו די ביימער, וואָס זענען געשטאַנען אין

סאָד. צווישן דיביימער האָט זיך געפונען אַ בוים, וואָס האָט מער נישט געגעבן קיין פּירות. זענען בריינעס בליקן געפאַלן אויף דעם בוים, און נישט וועלנדיק רעדן וואָס איר דריקט טיף אין האַרצן, האָבן זיך אָבער אַרויסגעריסן ווערטער: „זעסטו פישל, איך בין געגליכן אַ ביסל צו דעם בוים. זע ווי דער בוים איז טרויעריק. אַלע ביימער אַרום זענען פריילעך. זיי בליען, און ווען עס קומט די צייט גיבן זיי פּירות, אָבער דער בוים איז פאַרדאַרט, די צווייגן זענען ליידיק, און עס פילט זיך, אַז דער בוים איז איינזאַם".
פישל האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט. ער האָט בריינען פאַרשטאַנען און איר נישט געוואָלט שטערן, זאָל זי זיך אַ ביסל אַראָפּרעדן פון האַרצן, וועט איר לייכטער ווערן.

אָבער אינערלעך, טיף אין האַרצן ביי פישלען, האָט זיך אויך עפּעס אָפּגעשפּילט אַ שטיקל טראַגעדיע. פישל האָט זייער ליב געהאַט קינדער, האָט ער די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה געבענקט נאָך אַ קינד. אַז ס'איז אַוועק אַ יאָר, און קיין קינד איז נישט געקומען, האָט ער שוין אויפגעהערט צו רעדן דערפון, ווייל ער האָט נישט געוואָלט וויי טאָן זיין ווייב בריינען. בריינען האָט ער זייער ליב געהאַט, און מיט דער צייט האָט פישל שלום געמאַכט מיטן גורל, און מער נישט גערעדט וועגן אַ קינד אָדער קינדער.

בריינע איז געווען זייער איבערגעגעבן איר מאַן פישלען. זי האָט אים געהאָלפן אין אַלעם. ווו זי האָט נאָר געקענט איינברענגען אַ פּאָר גראָשן, האָט בריינע עס געטאָן מיט ליבשאַפט. זי איז מיט אים געזעסן אונטערן שטול און אים געהאָלפן, געזאַמלט די טוטלעך, דעם אָפּפאַל פון באַוול און עס פאַרקויפט.

מיט דער צייט איז מען עלטער געוואָרן, האָט פישל איבערהויפּט נישט גערעדט וועגן קינדער, אָבער בריינע, זי האָט געהאַלטן אין איין רעדן, זי האָט נישט געקענט אַזוי

לייכט שלום מאַכן מיטן גורל, ווי איר מאַן פּישל. און ווען זי האָט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט, האָט זי זיך אַ ביסל אַראָפּגערעדט פון האַרצן. גערעדט האָט זי נאָר צו איר מאַן, אָדער צו זיך אַליין.

אַז פּישל איז אַוועקגעגאַנגען פון פענצטער, איז נאָך ברײנע געבליבן ביים פענצטער און געגלאָצט מיט אירע פייכטע אויגן אויף דעם פאַרשעמטן בוים, וואָס קען מער נישט געבן קיין פּירות. פון ברײנעס האַרצן האָבן זיך אַרויס־געריסן אַ פּאָר זיפצן און קרעכצן, איז זי אַוועק פון פענצטער און גענומען עפּעס טאָן אין דער שטוב.

— דו ווייסט פּישל, מאָרגן דאַרף קומען דאָס ווייבל, איך האָב שוין צוויי זעקלעך מיט אָפּפאַל, וועט אַריינפאַלן אַ פּאָר גראָשן — האָט ברײנע געזאָגט צו פּישלען.

פּישל איז געווען צופרידן וואָס זיין ווייב ברײנע האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש.

— ברײנע, די וואָך וועט מען דאַרפן ליפערן די גע־מאַכטע טיכלעך און ברענגען אַ פרישע קעטע, וועט שוין זיין אַ פּאָר גילדן, זאָל „ער" נאָר אונדז שענקען דאָס געזונט, וועט מען שוין ווי עס איז אַדורכקומען.

ברײנע איז געווען אַן אַרבעטזאַמע. זי האָט שטענדיק געפונען אַרבעט אין שטוב, אַלץ איז געווען פאַרנייט, פאַר־צערעוועט, אויסגעוואַשן. ברײנע האָט זיך שוין לאַנג נישט געקויפט אַ שטיקל קליידל, האָט זי אירע פּאָר שמאַטעס תמיד איבערגעניצעוועט, און ווידער געהאַט אַ שטיקל קליידל צו טראָגן. אַזוי האָט זי אויך אַכטונג געגעבן אויף פּישלס מלבושים זיי זאָלן זיין אין אָרדענונג. און אַז עס האָט צוגערוקט יום־טוב פּסח, האָט ברײנע אַליין אויס־געווייסט דאָס שטיבל אירס מיט קאַלך, אַלץ אַרומגעוואַשן און געגרייט זיך צום יום־טוב. אַ פּאָר טעג פאַר פּסח האָט מען שוין געקענט זען ביי ברײנען דעם אָנזאָג, אַז עס

קומט יום־טוב. אויף דער וואַנט האָט שוין געהאָנגען אַ ציכל מיט מצות, אַ וויאַדרע ווו עס זענען געווען אָנגעשאָבן רויטע בורקעס, אויף פסחדיקן באַרשטש און אַ זעקל מיט קאַרטאָפל לכבוד יום־טוב.

אַזוי האָט זיך בריינע געגרייט מיט אַ צייט פריער ביז עס איז געקומען ערב פסח. בריינען איז נישט געפאַלן אַזוי שווער איינצואָרדענען דעם יום־טוב. פישל איז געווען זייער צופרידן, וואָס זיין ווייב בריינע פאַרעט זיך אַזוי פאַר יום־טוב. עס איז אים צוגעקומען אַ שטיק געזונט. בריינע האָט אַ ביסל פאַרגעסן וואָס עס דריקט איר.

דער טרויער אויף בריינעס פנים איז געוואָרן ווי דורך אַ כישוף אַוועקגענומען. אין די טעג פון יום־טוב פסח, האָט זיך געפילט אַ יום־טובדיקע שטימונג אין שטוב.

נפתלי שאַכער

נפתלי איז געווען אַ שלאַנקער מיט אַן איינגעבויגע־נער פלייצע, אַ דאַרן קאָפּ, מיט אַן אָדלער־נאָז, וואָס איז געזעסן אויף זיין פּנים. פון זיין אומרואיקייט און באַוועגן זיך האָט מען גלייך געזען, אַ ער איז אַ נערוועישער מענטש.

נפתלי האָט נישט געהאַט קיין שלום־בית. קומענדיק אַהיים, ווען דער טאָג איז נישט געווען מיט אַלעמען, האָט ער זיך גענומען קריגן מיט זיין ווייב אסתר. נפתלי איז געווען אַ שאַכער (פּעדלער) פון אַלטוואַרג, און דערצו איז ער געווען אַ געפּוצטער שאַכער. אין דער פרי, אַז ער איז געגאַנגען אין גאַס אַריין, האָבן זיינע שטיוול געגלאַנצט, דאָס זעקל איז געווען גלייך רונדיק איינגעוויקלט אונטער דעם אָרעם, דאָס שטעקעלע אין דער האַנט, אַלץ האָט ביי אים געשמעקט. און זיין רופן אויף די הויפן „האַנדי" איז אויך געווען אַנדערש. ער האָט נישט גערופן מיטן גאַנצן מויל „האַנדי". ער האָט נאָר אַ ביסל אויפגעמאַכט דאָס מויל, און גערופן „האַנדי". און דערצו איז ער אויך געווען אַ מוזיקאַליש יידל. ער איז געווען פון די בעסטע זינגער אין זיין שטיבל, ווו ער האָט געדאַוונט, איז במילא זיין „האַנדי"־רופן אויסגעקומען מוזיקאַליש.

אסתרן, זיין ווייב, האָט אויך נישט געפעלט ווייניק נערוון. זי האָט אַ ביסל געדרייט מיט די אויגן און גע־וואָרפן מיטן קאָפּ.

ווען נפתלי האָט אָנגעהויבן זיין קאַצניאָמער פון שרייען, איז זיין ווייב אסתר אים נישט שולדיק געבליבן. דאָס גלאָזוואַרג און דאָס געפעס האָבן זיך אָנגעהויבן באַוועגן אין שטוב, און זייערע צוויי קינדער, אַ מיידל מיט אַ יינגל, האָבן אָנגעהויבן וויינען. ווען נפתלי איז געוואָרן מער אויפגערעגט, איז פון טעלער און גלעזער געוואָרן שטיקלעך... אַזוי לאַנג האָט מען זיך געקריגט און געוואָרפן די כלים, ביז די נאַכט האָט זיך דערנענטערט. ביינאַכט איז געווען רואיק אין נפתלי׳ס שטוב.

ער איז געווען אַ מאָדנער מענטש, נפתלי. נאָך דעם ווי ער האָט געמאַכט אַ זאַווערוכע און אַלץ איז געפלויגן, האָט ער צומאָרגנס אין דער פרי, פאַרן גיין אין גאַס אַריין, איבערגעלאָזט געלט זיין ווייב אסתר, זי זאָל איינ־קויפן פריש גלאָזוואַרג און טעלער.

נפתלי איז אויך געווען אַ יידישער מענטש. אַזוי האָבן די שכנים געזאָגט אַלעמאָל ווען מען האָט זיך אויפן הויף אַדורכגערעדט וועגן אים. נפתלי האָט געהאַט זיין אייגן שטיבל, ווו ער האָט געדאַוונט, און ער האָט זיך געלאָזט קאָסטן געלט פאַרן שטיבל. פאַר אַ מפטרל האָט ער באַצאָלט אין טאָג אַריין, און אויפגעלעבט האָט ער אויך ביי אַ קידוש, אַ מלוה מלכה. יעדער איינער אין שטיבל האָט געהאַט זיין ריי אויף אַ קידוש צו מאַכן ביי זיך אין דער היים. און ווען עס איז אויסגעקומען זיין ריי, ווען ביי אים האָט דעם שבת געדאַרפט זיין דער קידוש, האָט מען שוין געהערט אויפן גאַנצן הויף דאָס געזאַנג, איבערהויפט אים אַליין. ער איז דאָך עפעס געווען פון די בעסטע זינגער אין זיין שטיבל. און נפתליס ניין־יאָריק זונדל, ישראליקל, האָט געהאַט אַ פרעכטיק שטימעלע, און ער האָט דעם טאַטן אונטערגעהאָלפן. אַ סך מאַמעס האָבן זיך געווונטשן צו האָבן אַזאַ זונדעלע, און נפתלי

האָט וועגן דעם געוווסט. האָט ער זיך געגרויסט מיט זיין ישראליקן. ער וועט דאָך זיין אַ וועלט־חזן. אַ חוץ אַ פיינער זינגער איז ישראליק געווען אַ שטיק גאָלד און די מאַמע זיינע האָט גאָר קיין ווערטער נישט געהאַט אים צו לויבן: „דאָס איז גאָרנישט קיין יינגל נאָר אַן אוצר, איר ווייסט גאָרנישט וואָס איך פאַרמאָג, ער זאָל מיר נאָר זיין אויף לאַנגע יאָרן, טאַטע איבער דער וועלט". — אַזוי האָט זיך אסתר אַדורכגערעדט מיט די שכנים אירע.

אַז עס איז געקומען שבת, איז נפתלי געווען אַן אַנדער מענטש, נישט געווען אים צו דערקענען. די זיידענע זשופּיצע מיטן זיידענעם היטל און די שוואַרצע געמזענע שיכלעך האָבן געבלאַנקט. אין זיין גיין צום דאַוונען האָט זיך געמערקט, אַז ער פילט זיך גליקלעך מיטן שבת, אויך די מלוה מלכה איז געווען לעבעדיק. פון דעם געזאַנג האָט זיך אַרויסגעהערט נפתלי מיט זיין זונעלע ישראליק. אַ סך האָבן זיך אונטערגעהערט צום זינגען פון שטיבל. אַזוי האָט מען געזונגען ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין.

נפתלי איז פון דער נאַטור געווען אַ גרויסער בעל טובה. אַ נדבה וועמען צו געבן איז ער שטענדיק געווען דער ערשטער. אַ גמילת חסד האָט מען ביי אים געקענט קריגן צו יעדער צייט, און דאָס וואָס ער האָט זיך אַביסל אָפּטער צעקריגט מיט זיין ווייב איז מען אים מוחל געווען, ווייל צו אַלע איז ער געווען זייער גוט און אַ טובה פון אים איז געווען זייער לייכט צו קריגן.

נפתלי האָט געהאַט זייער אַ גוטן חבר זיינעם אין דעם שטיבל, ווו ער האָט געדאַוונט. דעם קליינעם יאַנקעלע, האָט מען אים גערופן. זומער איז ער געווען אַ שאַכער און ווינטער האָט ער געהאַנדלט מיט פּרוכט. דער קליינער יאַנקעלע איז אויך געווען אַ שטיקל זינגער. זיין אָפּגעריבן טענאָרל האָט געשריען מער ווי אַלע, און נישט איין

מאָל האָט נפתלי געכאַפּט אַ קוק אויף יאַנקעלען בעתן זינגען. מען האָט אַראָפּגעלייענט פון נפתליס אויגן, ווי ער בעט זיך ביי זיין חבר: „וויל נישט אַריבערשרייען, דו זעסט, אַז איך מיט מיין זונעלע זענען דאָ". אָבער יאַנקעלע האָט זיך נישט געמאַכט פאַרשטיין און ווייטער אויסגעשריגן זיין געזאַנג.

יאַנקעלע איז געווען אַ געביפּט יידל, מיט קליינע שפּיציקע אייגעלעך, און דערצו אַ גוטער סוחר. עפּעס האָט אים געדריקט. ער האָט אויך געהאַט צוויי קינדער, אַ מיידל מיט אַ יינגל. זיין יינגל איז נישט געווען מיט אַלעמען. ווען ער איז געגאַנגען אין חדר האָבן די קינדער געשריגן: „יאָסעלע האָט דאָך גאָרנישט"... יאַנקעלע שאַכער האָט דאָס זייער וויי געטאָן. ער האָט געוווסט, אַז זיין קינד איז פון דער נאַטור געווען באַעוולט, און דער סוד האָט אים געמאַטערט. ער האָט געוווסט, אַז שפּעטער, ווען זיין זון וועט אונטערוואַקסן, וועט זיין שווער צו טאָן מיט אים אַ שידוך.

יאָסל איז אונטערגעוואַקסן, ער איז געווען אַ גאַנצער סוחר, אָבער אַז מען האָט געכאַפּט אַ בליק אויף אים, האָט מען גלייך געזען, אַז יאָסל איז נישט קיין מאַן.

נישט געקוקט אויף דעם דעפעקט וואָס יאָסל האָט געהאַט, האָט מען אים גערעדט שידוכים, און יאָסלס פאָטער האָט איבערגעלעבט אַ גרויסע טראַגעדיע. כאָטש מענטשן האָבן געוווסט, וואָס יאַנקעלע האָט שטענדיק געזאָגט, אַז ער האָט נאָך צייט, ער וועט נישט פאַרשפּעטיקן, זאָל ער זיך דערווייל אַרויפאַרבעטן, דעמאָלט וועט ער טאָן אַ שידוך.

נפתליס זון איז אויסגעוואַקסן אַ הערלעכער בחור. מען האָט אים גערעדט די שענסטע שידוכים, און ס'האָט יאַנקעלע שאַכער אינערלעך וויי געטאָן, וואָס ער איז אַזוי

באַשטראָפט געוואָרן, אַז זיין יאָסל, וואָס איז אַ טייער קינד פאַר דער היים, זאָל זיין אַזוי באַעוולט און יאַנקעלע שאַכער, האָט צו זיך אַליין גערעדט: „ווער איז שולדיק אין דעם וואָס מיין קינד איז נישט ווי אַלע? אָבער דאָך ווערט מיר פריקרע אויפן האַרצן, איך בין דאָך אַ טאַטע, איך וויל, חלילה, ביי נפתליס קינד נישט זען קיין שלעכטס".

עס איז געקומען די צייט און יאָסל, יאַנקעלעס זון, האָט חתונה געהאַט. די פרייד איז געווען זייער גרויס, מען האָט זיך געפרייט און זיין חבר נפתלי, איז געווען מלא שמחה, אָבער ביי יאַנקעלע שאַכער, טיף אין האַרצן, האָט געעקבערט אַ שלאַנג. ער האָט נישט געהאַט פאַר וועמען צו רעדן. מיט זיין חבר נפתלין האָט ער וועגן דעם קיינמאָל נישט גערעדט, און קיין נחת האָט ער פון זיין יאָסלען נישט געהאַט.

נפתלי איז געווען זייער צופרידן, וואָס יאַנקעלע האָט פריער געטאָן אַ שידוך מיט זיין זון. ער האָט געוווסט דעם סוד, אַז יאָסל, יאַנקעלעס זון, איז נישט מיט אַלעמען. נישט איינמאָל האָט ער צו זיין ווייב, אסתר, געזאָגט: „איך זאָג דיר, עס איז מיר אַ ווייטאָג אין האַרצן פאַר יאַנ־קעלען, אַזאַ שטראָף, וואָס קען איך אים העלפן?"

פאַר דער צייט וואָס די קינדער זענען אונטערגעוואַקסן, האָט זיך נפתלי באַרואיקט. מען האָט שוין נישט געהערט די געשרייען און געוואַלדן, דאָס האַקן טעלער און טעפּ אין דער ערד. ער האָט געהאַט גרויס נחת פון זיינע קינדער, איבערהויפּט פון זיין ישראליקן, וועלכן אַלע זענען אים מקנא געווען. מען האָט זיין ישראליקן גערעדט די פיינסטע שידוכים. עס איז געוואָרן אַן אַנדער שטוב ביי נפתלין. און מיט מזל איז געקומען די חתונה פון ישראליקן. נפתליס פנים האָט געשיינט פון גליק. די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין וויינען פאַר נחת, וואָס זי גייט שוין פירן איר

טייערן ישראליקן צו דער חופה. ישראליקס כלה איז געווען אַ באַלעבאַטיש קינד פון אַ חסידישער היים, אַ שוואַרץ באַחנט מיידל. עס איז געווען אַ פּאָרל פּאַר גאָט און פּאַר לייט, אַלע פון הויף זענען זיי מקנא געווען. „אויף מיין טאָכטער געזאָגט אַזאַ מאַן", האָט אַ שכנה געזאָגט „אַזאַ" ווייבל אויף מיין זון געזאָגט", האָט אַ צווייטע שכנה געענטפערט.

ביי נפתלין האָט מען דאָס מעבל אַרויסגעשטעלט אין קאָרידאָר אַריין און מען האָט זיך געגרייט צו דער חתונה. מען האָט געהוליעט אַ גאַנצע נאַכט. נפתלי מיט זיין זון האָבן געזונגען אָן איבעררייס.

„אַזאַ חתונה געדענקט מען נישט אין באַלוט", האָבן די שכנים דערציילט.

טעלער פאַר שמאַטעס

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה זענען אָנגעקומען קיין לאָדזש אַ סך „סמאַט־שרייערס". עס זענען געקומען אַ סך יונגע מענטשן פון קליינע שטעטלעך און האָבן זיך נישט געהאַט צו וואָס צו נעמען. האָט מען זיך געקויפט אַ וועגעלע מיט איין ראָד און אַרויפגעלייגט אַ גרויסן זאַק אויף אַריינצולייגן די שמאַטעס. מ'האָט אויך געקויפט אַ קויבער מיט אַ ביסל טעלער מיט בלימעלעך און אַ ביסל גלאָזוואַרג מיט אַ ביסל טיי־טעפּעלעך. און דאָס געשעפט איז געווען פּאַרטיק. דאָס וועגעלע האָט געהאַט פון פאָרנט צוויי פּאָרענטשלעך מען זאָל זיי קענען אָננעמען און שטופּן דאָס וועגעלע. אַז מען האָט שוין געהאַט אַלץ איינגעאָרדנט, האָבן די איינקויפערס זיך געלאָזט איבער די לאָדזשער גאַסן אין די הויפן מיט די אויסגעשרייען: „סמאָט! סמאָט! טאַלעזשיקי זאַ גאַלגאַני! טעלער פאַר שמאַטעס!" רופן סמאָט! האָט מען געהערט איבער אַלע לאָדזשער גאַסן. די מערסטע סמאָט־פירער האָבן איבערגעלאָזט זייערע וועגעלעך פאַרן טויער און זיי זענען אַריין אין הויף און אויסגערופן „סמאָט"! די איינוווינער פון הויף האָבן צוזאַמענגעזוכט פאַרשידענע אַלטע שמאַטעס און זענען אַראָפּ צום שמאַטע־פירער, איינגעהאַנדלט אַ געבלימלט טעלערל, אַ גלאָז, אַ טעפּל אָדער אַ וואַזעלע. אַזוי זענען אַרומגעפאָרן צענדליקער,

צוואַנציקער סמאַט־פּירער מיט זייערע וועגעלעך איבער די לאָדזשער גאַסן און הויפן.

מיט אַזאַ וועגעלע איז אַרומגעפאָרן כאַצקל, אַ יונגער בחור, וואָס איז אַ קורצע צייט פריער געקומען צופאָרן פון אַ קליין שטעטל, אָזשאַראָוו, ראַדעמער גובערניע. כאַצקל איז געווען אַן איינזאַם יינגל. ער האָט קיינעם נישט געהאַט. אין קליינעם שטעטל האָט ער געטריבן בהמות און פאַר דעם האָט ער באַקומען אַ ביסל עסן און אַ פאָר גראָשן. האָט כאַצקל זיך געריסן אין דער גרויסער שטאָט אַריין, געוואָלט ווערן אַ לייט. כאַצקל האָט גע־שפּאָרט די גראָשנס אַלע יאָרן ביז ער האָט שוין געהאַט אַ פאָר רובל. האָט ער זיך געלאָזט אין דער גרויסער שטאָט אַריין. כאַצקל איז געקומען קיין לאָדזש מיט אַ פאָר קערבלעך. האָט ער זיך דערוווּסט, אַז פון צונויפזאַמלען שמאַטעס פאַר טעלער, קען מען גוט פאַרדינען. און ער האָט זיך גענומען צו דער פּרנסה.

די אַכט ווערטער וואָס ער דאַרף קענען ביים רופן אויפן הויף האָט ער זיך שנעל אויסגעלערנט, אָבער די ערשטע צייטן איז כאַצקל נישט געווען אַזוי דרייסט ביים רופן „סמאָט”, „סמאָט”. מיט דער צייט האָט ער זיך קוואַליפיצירט, און איז געוואָרן אַ גאַנצער „יאַ טעביע דאָם” אין שמאַטעס.

כאַצקל איז דעם ערשטן טאָג אַרויסגעפאָרן מיט אַ קלאַפּן אין האַרצן. עס איז פאָרט דער ערשטער אַרויספאָר, אָבער, אַז כאַצקל האָט פאַרענדיקט זיין טאָג אַרבעט, איז ער גלייך צוגעפאָרן צו דער ערשטער בעסטער שמאַ־טשאַרניע, וווּ מען קויפט אויף שמאַטעס, האָט דאָרט אָפּגעוווגן די שמאַטעס און זיי פאַרקויפט. פאַרן ערשטן טאָג איז עס פאַר כאַצקלען געווען אַ גוטער אַרויספאָר, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מער מוט אויפן צווייטן טאָג.

שפּעטער איז ער צוגעפֿאָרן נאָך אַ ביסל טעלער, גלאָזוואַרג. ווען ער האָט שוין אַלץ געהאַט איינגעהאַנדלט, איז ער דאַן אַהיים געפֿאָרן. כאַצקלס היים איז געווען ביי אַן עלטערער פרוי, וואָס האָט געוווינט אין פּרעווועטן געסל אין באַלוט. דאָס פּרעווועטן געסל איז געווען אַזוי גרויס, אַז קיין פור האָט אין אים נישט געקענט אַדורכפֿאָרן. דאָרט ביי דער פרוי איז כאַצקל געווען מיט וועטשערעס. ער האָט זייער שווער געאַרבעט, אָבער ער איז געווען צו־פרידן. ער האָט מער נישט באַדאַרפט איינשטיין ביי צדוק קאָניאַזש אין דעם קליינעם שטעטל און אַמאָל כאַפּן קלעפּ אויך, ווען ער האָט נישט גוט געפירט די פערד פון איין שטעטל אין צווייטן אַריין.

ווען כאַצקל איז אַהיים געקומען נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט מיט זיינע אויסגעהאָרעוועטע גראָשנס, איז ער געווען דער גליקלעכסטער מענטש אויף דער וועלט. ער האָט געוווּסט, אַז ער איז אַליין דער באַלעבאָס איבער זיך אַליין. און כאַצקל האָט געקענט שפּאָרן אַ גראָשן, האָט ער געטראַכט ביי זיך: „דאָ וועל איך קענען אוודאי שפּאָרן. און אַז איך וועל האָבן אַ ביסל געלט אָפּגעשפּאָרט, וועל איך טראַכטן וועגן אַ שטיקל שידוך פֿאַר זיך".

אין דעם זעלבן הויף ווו כאַצקל האָט געוווינט, האָט געוווינט אַ פרוי ריקל. ריקל איז געווען אַ מאַרק־זיצערין און געהאַנדלט מיט טעפּ אויפן באַלוטער פּלאַץ. די פרוי ריקל האָט געהאַט אַ טאָכטער, יענטע. יענטע איז געווען א דיק מיידל, אַ געלע מיט געלאָקטע האָר, אָבער זייער אַ ווילדע מויד. כאַצקל האָט געוואָרפן אַן אויג אויף דער געלער יענטע. זי איז אים געפעלן געוואָרן.

— אַזאַ מיידל וואָלט פאַר מיר גוט געווען — האָט כאַצקל געטראַכט. יעדן אָוונט, זומער — ווען די איינ־וווינער זענען אַ ביסל אַראָפּגעגאַנגען אויפן הויף זיך

אַ ביסל אָפּרוען און כאַפּן אַ ביסל „לופט״, איז ריקל מיט איר טאָכטער אויך געווען צווישן זיי, און כאַצקל איז אויך אַראָפּגעקומען אויפן הויף כאַפּן אַ ביסל „לופט״. שכנים האָבן זיך צעזעצט אויף דער פּלומפּ, אַרום דער פּלומפּ, ווייל זיצן אויף דער פּלומפּ איז געווען אַ ביסל קילער, און מען האָט אָנגעהויבן דערציילן די גליקן פון טאָג.

יעדער האָט דערציילט פון זיין אַרבעט, און ריקל די מאַרק־זיצערין, מיט אַ געשטריקטער קופּקע אויפן קאָפּ, מיט דער ברייטער שערץ, האָט אָנגעהויבן דערציילן ווי אַזוי די פּויערים פון די דערפער קומען קויפן טעפּ. וועלכן טאָפּ זיי נעמען, זאָגן זיי, אַז ער איז קליין, און ווי אַזוי זי פאַרקויפט זיי דאָך די טעפּ.

כאַצקל האָט זיך אויך אַריינגעמישט און דערציילט, אַז היינט האָט ער געהאַט אַ גוטן טאָג. אַ גויע האָט אים געבראַכט גוטע שמאַטעס, און ער האָט איר געגעבן צוויי טעלערלעך מיט אַ טעפּל צו טרינקען טיי.

כאַצקל האָט בעתן דערציילן די גליקן זיינע געוואָרפן אויגן צו יענטען, און יענטע האָט נישט געקענט איינזיצן, אויפגעשטעלט זיך און ווידער זיך אַוועקגעזעצט.

אַז מען האָט שוין נישט געהאַט צו דערציילן די גליקן פון זיך, האָט מען אָנגעהויבן אָפּרעכטן פון טויטע און לעבעדיקע. אַזוי האָט מען גערעדט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, ביז מען איז געגאַנגען שלאָפן, כדי מאָרגן ווידער אָנצוהויבן אַ נייעם טאָג פון פרישע גליקן, מען זאָל קענען אין אָוונט ווידער דערציילן איינער דעם אַנדערן.

אַז ריקל די מאַרק־זיצערין איז געגאַנגען שלאָפן, איז נאָך יענטע אַ ביסל געבליבן אויפן הויף און כאַצקל האָט געוואַרט אויף דעם. יענטע האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פּלומפּ און נישט געמאַכט זיך קוקן אויף

כאַצקלען. אָבער כאַצקל האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט אויף דער פּלומפּ. די שכנים זענען זיך שוין געהאַט פונאַנדער־געגאַנגען. און די ליכט פון די נאַפט־לעמפּלעך דורך די פענצטער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פאַרשידענע שאָטנס פון די מענטשן, וואָס האָבן געוווינט אין די ענגע שמוציקע שטיבלעך.

יענטע איז געווען זייער אַ ווילדע און אַ שנעלע. אַלץ איז ביי איר געגאַנגען שנעל. שנעל אָפּגעוואַשן די שוואַרצע פאָדלאָגע און שנעל אַראָפּגעגאָסן די וויאַדרע שמוציק וואַסער, שנעל אַרויפגעבראַכט פריש וואַסער. יענטע האָט אויך גערעדט שנעל און דאָס אַלץ איז כאַצקלען געפעלן געוואָרן. יענטע האָט געפילט, אַז כאַצקל לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון איר, און דאָס איז איר געפעלן געוואָרן. אָבער זי האָט קיין איין וואָרט נישט געזאָגט. דער ערשטער האָט אָנגעהויבן צו רעדן כאַצקל. כאַצקל האָט געוווּסט, אַז יענטע אַרבעט אין אַ שמאַטשאַרניע ביי שמאַטעס. „יענטע, ווו אַרבעטן זי?" — האָט געפרעגט כאַצקל, — „איך אַרבעט אויף דער לאַגאַניצקע גאַס, ביים הויכן לייבוש" — האָט יענטע געענטפערט. „זי ויסן יענטע, איך האָב נעכטן פאַרקויפט אינס באַלעבאָס שמאַ־טעס, ער האָט מיר גוט באַצאָלט". האָט געזאָגט כאַצקל. „מסתמא איז עס ווערט געווען צוויי מאָל אַזוי פיל. ער איז נישט אַזאַ גוטער צאָלער, ער וויל אַלץ בחצי חינם. איך וואָלט שוין געוואָלט זיינע פטור ווערן." האָט יענטע פאַרענדיקט. „זי אַרבעטן שוין דאָרט לאַנג"? פרעגט זיך כאַצקל — „שוין באַלד צוויי יאָר", ענטפערט יענטע. — „איך סאָרטיר דאָרט וואָל צו וואָל און באַוול צו באַוול". כאַצקל האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון יענטען. „זי ויסן, יענטע — זי געפעלן מיר".

יענטע האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און דערלאַנגט

אים אַ כמאַל אין די פּלייצעס אַריין, און אַרויסגעלאָזט אַ געלעכטער. „רעדט נישט קיין נאַרישקייטן כאַצקל" האָט יענטע געזאָגט צו כאַצקלען. ביי די ווערטער האָט מען געהערט ווי ריקל, יענטעס מוטער רופט: „יענטע! יענטע! קום אַרויף, עס איז שוין שפּעט". „באַלד, באַלד מאַמע איך קום אַריין". יענטע האָט זיך אָנגעהויבן שפּילן מיט די פינגער אויף דער פּלומפּ.

„אפשר וועלן מיר גיין דעם שבת נאָך ראַדאָגאָשטש צו די לודקעס, און אפשר וועלן מיר גיין צו די הוזש־דאַווקעס?" האָט כאַצקל אַריינגעקוקט יענטען אין די אויגן. יענטע האָט זיך אַ ביסל פאַרלוירן און געכאַפּט אַ קוק אויף איר ביוסט. „מיר וועלן זען, כאַצקל". כאַצקל האָט זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט יענטעס האַנט אויף דער פּלומפּ. ער האָט אַריינגענומען איר האַנט אין זיינע און ס'ערשטע מאָל איר געגעבן אַ דריק. יענטע איז אויפגע־שפּרונגען און געזאָגט: „אַ גוטע נאַכט כאַצקל, מיר וועלן זען"... כאַצקל איז נאָך אַ ביסל געזעסן אויף דער פּלומפּ און געטראַכט וועגן יענטען.

שבת איז כאַצקל מיט יענטען געווען אין ראַדאָגאָשטש ביי די לודקעס. יענטע האָט זיך באַמיט צו צאַמען איר ווילדקייט, אָבער אין גאַנצן איז איר עס נישט געלונגען. דאָס ווילדע לאַכן און דאָס שטופּן פון זיך כאַצקלען, דאָס קלאַפּן אים אין דער פּלייצע — דאָס אַלץ איז כאַצקלען ליב געווען, ווייל יענטע איז אים אַריין אין האַרצן...

כאַצקל האָט גענומען אַ לודקע. יענטע איז בליץ־שנעל אַריינגעשפּרונגען, און דאָס פּנים האָט געשיינט ביי איר פון צופרידנקייט. זי איז געווען אין זיבעטן הימל. אויף דער לודקע האָבן זיי נישט גערעדט קיין וואָרט. יעדער איינער האָט געטראַכט ווי גוט עס איז אים איצט.

אַלץ האָט זיי צוגעשפּילט, דאָס וואַסער איז געווען

רואיק, דער טאָג אַ הייסער. אַלץ איז געווען ליכטיק אין זייערע אויגן. אַרויסגייענדיק פון דער לודקע, האָט כאַצקל יענטען אָנגענומען ביי דער האַנט, געוואָלט איר העלפן אַרויסגיין פון דער לודקע. יענטע האָט שוין נישט אַרויס־געריסן איר האַנט, ווי אויף דער פּלומפּ, ווען זיי זענען געזעסן שפּעט אין אָוונט.

כאַצקל האָט געקויפט צוויי ליאַדעס, איינע פאַר יענטען און די אַנדערע פאַר זיך. אויף כאַצקלס פּנים האָט מען געקענט זען, אַז ער איז זייער צופרידן פון היינטיקן טאָג מיט יענטען. יענטע האָט געלעקט די ליאַדע און געשמאַטש־קעט מיט דער צונג, און זיך אָנגערופן צו כאַצקלען: „איר ווייסט, די ליאַדעס זענען זייער סמאַטשנע“, — „זייער“, — האָט זיך כאַצקל אָפּגערופן מיט צופרידנקייט און געקוקט יענטען אין די אויגן אַריין. זיי האָבן זיך ביידע אַ ביסל אַוועקגעזעצט אין וועלדל אין אַ זייט. כאַצקל האָט זיך צוגערוקט נענטער צו יענטען און פּאַרזיכטיק אָנגענומען יענטעס לינקע האַנט, און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער זי שטאַרק געגעבן אַ דריק צו צו זיך און געגעבן איר דעם ערשטן קוש. יענטע איז נישט אַנטלאָפן, נאָר זי איז געווען אַ ביסל צעטומלט. „וואָס טוט איר, כאַצקל? — איך האָב דאָס נישט ליב“. כאַצקל האָט אין ערשטן בליק נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן, אָבער אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער געזאָגט: „יענטע, אויב זי האָבן דאָס נישט ליב, וועל איך מער דאָס נישט טאָן“, און מיט אַן ערנסטער מינע געכאַפּט אַ קוק אויף יענטען.

פון דעם שבת אָן האָט זיך אָנגעהויבן די ליבע צווישן יענטען מיט כאַצקלען.

אַז יענטע איז אַהיים געקומען, האָט די מוטער, ריקל, זי געפרעגט — „וווּ ביזטו געווען, יענטע?“ — „איך בין געווען אין ראַדאַגאָשטש ביי די לודקעס מיט כאַצקלען“,

האָט יענטע געענטפערט. „נו, און ער איז עפּעס אַ פיין יינגל?" פרעגט די מוטער. — „כאַצקל איז זייער אַ פיין יינגל, נישט ווי אַנדערע." ריקלס פּנים האָט זיך צע־שמאָלצן פון נחת און זי האָט בײַ זיך געטראַכט: „מען האָט אַ גרויסן גאָט, ער פאַרלאָזט קיינעם נישט. און זי, ריקלען די אלמנה, אוודאי נישט".

— „דו ווייסט יענטע, — איך וואָלט געמיינט מען זאָל אים אויף דעם שבת פאַרבעטן". „גוט מאַמע, איך וועל אים זאָגן", ענטפערט די טאָכטער. „דו ווייסט מאַמע, מען וואָלט געדאַרפט אָנבאַקן אַ ביסל מאָן־קיכלעך".

— „מיר וועלן באַקן." אינערלעך איז ריקל געווען צופרידן. אַן אָרעם מיידל, קיין טאַטן האָט זי נישט און דאָ האָט גאָט צוגעשיקט אַ פיין יינגל. אפשר איז דאָס איר זיווג, און ריקל האָט זיך אַ ביסל צעוויינט פאַר פרייד. זי איז איינזאַם ווי אַ שטיין, זי האָט זיך אפילו נישט מיט וועמען צו באַראַטן, ווען עס קומט אַ שידוך צו טאָן מיט איר טאָכטער יענטע.

שבת איז כאַצקל שוין געווען דער גאַסט בײַ ריקלען אין שטוב, און מען האָט אים אויפגעוואַרט מיט מאָן־קיכלעך מיט טיי. כאַצקל האָט זיך זייער גוט געפילט בײַ ריקלען, אין דעם קליינעם פינצטערן שטיבל אויפן ערשטן שטאָק. כאַצקל האָט קיינעם נישט געהאַט, און אַז ריקל האָט אָנגעהויבן רעדן פון תנאים שרייבן, האָט כאַצקל געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיינעם, וויל ער אַז זיין באַלעבאָסטע זאָל זיין בײַם באַשטימען די תנאים, „ווייל זי איז צו מיר אַזוי ווי אַ מאַמע." דעם זעלבן שבת צונאַכטס, האָט מען אַרייַנגערופן אַ פּאָר שכנים, כאַצקל האָט געבראַכט אַ פלעשל בראָנפן מיט אַ שטיקל לעקעך. די באַלעבאָסטע איז גע־קומען מיט כאַצקלען אַזוי ווי זי וואָלט געווען זיין מאַמע, און מען האָט געשריבן תנאים און באַשטימט די חתונה

אין אַ האַלב יאָר אַרום, און געווונטשן זיך מזל־טוב.

אַז יענטע איז מיט כאַצקלען געגאַנגען איבער דער גאַס, איז זי שוין געווען אַ ביסל סטאַטעטשנע, נישט אַזוי ווילד. זי איז דאָך עפּעס אַ כלה געוואָרן, און זי האָט זיך טאַקע געפילט זייער שטאָלץ. אַלע מיידלעך פון הויף זענען איר מקנא געווען אַזאַ גליק, אַ פיין יינגל. און ער האָט זי גענומען אָן אַ גראָשן געלט. אַ סך מאַמעס האָבן זיך געווונטשן אַזאַ גליק פאַר זייערע טעכטער. כאַצקל האָט זייער שווער געאַרבעט און געלייגט אַ גראָשן צו אַ גראָשן. ער איז דאָך עפּעס אַ חתן געוואָרן, מען מוז דאָך קלערן פון תכלית. כאַצקל האָט געקויפט יענטען אַ בייטשל רויטע קרעלן און באַשטעלט איר אַ פינגערל. ער האָט גע־פילט, אַז איצט איז ער עפּעס אַ מענטש געוואָרן, ער האָט פאַר וועמען צו טראַכטן און מיט דער צייט, קען ער נאָך ווערן אַליין אַ שמאַטשיאַזש, און אַנדערע זאָלן קומען און אים פאַרקויפן שמאַטעס, און ער קען זיין דער באַלעבאָס, און זיין כלה יענטע וועט נאָך ווערן די באַלעבאָסטע און וועט נישט דאַרפן פאַרשוואַרצט ווערן אין דער שאָפּע. אַזוי האָט כאַצקל געחלומט. און ס'זענען אים אַדורכגעלאָפן אין קאָפּ די בילדער פון דעם קליינעם שטעטל, ווו ער איז אַרומגעגאַנגען באָרוועס און נאַקעט און געקראָגן שטעקנס איבער זיין לייב. און איצט איז ער אַ מענטש פאַר זיך אַליין...

ריקל האָט שוין אָנגעהויבן איינקויפן דעם אויס־שטייער פאַר יענטען: אַ פּאָר ציכלעך, ליילעכער, אַ שטיקל צוועלף־הונדערטער לייוונט, טישטעכער. ריקל האָט אויפ־געבונדן דאָס „קניפּל" פון יאָרן. זי האָט זיך דאָך דערוואַרט אַז איר אויג אין קאָפּ, יענטע, זאָל אַ כלה ווערן. יענטע האָט זיך אָנגעהויבן פּוצן מער ווי פריער, געהאַלטן אין

איין קוקן אין שטיקל שפּיגעלע, וואָס איז געשטאַנען אויף זייער קאָמאָדע.

כאַצקל, אַזוי ווי ער איז געקומען פון דער אַרבעט, איז ער שוין געווען ביי ריקלען און איר שטענדיק געברענגט אַהיים אַ צוויי טשאַסטקעס פון דער שטאָט, און אַ מאָל האָט ער איר אויך געבראַכט אויפּשניט, און זיי האָבן צוזאַמען געגעסן.

ריקל האָט זיך געגרייט צו מאַכן די חתונה ביי איר אין שטוב. זי האָט געטראַכט, אַז זי וועט בעטן די שכנה, זי זאָל איר געבן די שטוב, ווייל ביי איר אַליין וועט זיין קליין. אפשר וועלן מיידלעך אַ טאַנץ געבן, מוז מען נאָך האָבן אַ צווייטע שטוב. כאַצקל האָט זיך אויך געגרייט צו דער חתונה: געקויפט אַ ביסל וועש, אַן אָנצוג, אַ פּאָר נייע שיך און אַ נייעם קאַפּעליוש, און געוואַרט אויפן גליקלעכן טאָג פון דער חתונה.

אין טאָג פון דער חתונה איז ריקלס שטיבל נישט געווען צו דערקענען. דאָס בעט מיטן ברייטן געזימס האָט מען אַרויסגענומען פון שטוב און אַוועקגעשטעלט אין קאָרידאָר. דאָס שוואַרצע אָפּגעלאָזטע שטיבל איז געווען אויסגעווייסט, די פּאָדלאָגע אַ ביסל אָפּגעריבן פון דער בלאָטע. ריקל האָט זיך געבאָרגט אַ פּאָר שטולן און נאָך אַ טיש. די טישן זענען געווען סערווירט מיט אייגענעם געמאַכטן וויין פון עפּל, איינגעמאַרינירטן הערינג, וואָס האָט פאַרשמעקט די שטוב. אַ גרויסע שיסל מיט קאַרטאָפל און באָרשטש און אַ קליין פעסעלע ביר איז אויך געווען צוגע־גרייט. ריקל איז נישט געווען צו דערקענען. זי האָט אַוועק־געגעבן איר שייטל צו דער קעסערקע אויפצוקעמען. ריקל האָט אויסגעזען אין דעם אויפגעקעמטן שייטל ווי אַן אמתע מחותנתטע. די כלה איז געווען אויסגעפּוצט אין אַ ווייס קלייד מיט אַ וועלאָן. איר פּנים האָט געשיינט פון גליק.

די געלע געלאָקטע קורצע הערעלעך האָבן זיך נישט ווילנדיק אַרויסגעריסן איבערן ווייסן וועלאָן. אַלע מינוט איז זי געלאָפן צום שפּיגל זען צי אַלץ איז אין אָרדענונג, געדרייט מיט די אַקסלען פון שטאָלצקייט. איר פּנים איז געווען אַ ביסל בלאַס פון פאַסטן דעם טאָג.

כאַצקל האָט אויסגעזען טרויעריק. ער האָט נישט געהאַט קיינעם אויסער זיין באַלעבאָסטע. דאָס איז אַלץ וועמען ער פאַרמאָגט. די עלטערן זיינע האָט ער נישט געקענט. זיי זענען געשטאָרבן ווען ער איז נאָך געווען אַ קינד, און היינט איז דער טאָג פון זיין חתונה. דאָס קאָר־טענע אָנצוגל איז אויף אים געהאַנגען, און דעם קאַ־פּעליוש האָט ער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אָנגעטאָן. כאַצקל האָט באַשטעלט דעם באַלוטער רב, ער זאָל קומען געבן חופּה וקדושין.

אַלע שכנים פון הויף האָבן זיך געגרייט צו דער חתונה. עס איז געווען אַ יום־טוב אויפן הויף. די קינדער פון הויף האָבן זיך שוין נישט געקענט דערוואַרטן. די חופּה וועט דאָך זיין אויפן הויף. כאַצקל האָט אויך באַשטעלט דריי כלי־זמרים. מיט מזל פירט מען שוין דאָס פּאָרל צו דער חופּה.

מען האָט פונאַנדערגענומען די פיר דרענגלעך און דער באַלוטער רב האָט געגעבן חופּה וקידושין. ווען מ׳האָט צעהאַקט דאָס גלאָז האָט דער גאַנצער הויף געשריגן מזל־טוב, מזל־טוב, און אַלע האָבן געוויינט פאַר פרייד. כאַצקל, כליפּענדיק, האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן. די שכנים האָבן געוווסט, אַז ער איז אַן עלנט יינגל, דעריבער האָבן זיך אַלע געגרייט צו באַשיינען זיין חתונה.

מען האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי די טישן. פון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן אַ בדחן. קיינער האָט נישט געוווסט, ווער עס האָט אים באַשטעלט. עס איז געוואָרן

זייער פריילעך. ווען מען האָט געענדיקט דאָס עסן, זענען יונגוואַרג אַריין אין דעם צווייטן שטיבל און מען האָט זיך געלאָזט טאַנצן פּאָלקס־וואַלסן. אַזוי האָט מען געטאַנצט ביזן גרויען טאָג אַריין.

ריקל האָט איבערגעגעבן די שטוב דעם יונגן פּאָרל. די געסט זענען זיך צעגאַנגען.

כאַצקל האָט אַרייַנגעטראָגן דאָס בעט פון קאָרידאָר און עס אויסגעשטעלט. יענטע איז אַרויפגעפאַלן אויף כאַצקלען און זיי האָבן זיך שטאַרק צעקושט.

גאַנץ באַלוט האָט געקאָכט פון דער חתונה פון יענטען מיט כאַצקלען.

אינהאַלט

ערשטער טייל

זייט

משה פולאַוּוער — אריינפיר 7
משה בראַדערזאָן — דער וועג פון אונדזער טעאַטער . . . 9
משה בראַדערזאָן — טויב און טויבן־כאַפּער 18
י. דאַנקין — די פּרעמיערע „אַררט" 22
י. דאַנקין — „נסים מן השמים" 31
ח. ל. פוקס — זיכערע טריט — דאָס דריטע „אררט"־פּראָגראַם 36
י. דאַנקין — „אררט" — פערטער פּראָגראַם 39
י. דאַנקין — דאָס 5טע פּראָגראַם פון „אררט" 45
י. מאַסטבוים — אין „אַררט" 52
טעאַטער־סטודיע אין לאָדזש 1925 55
מענדל לעווענשטיין 61
שמעון און משה 68
דראַמקרייז „אונדזער ווינקל" 74
די „הבימה" אין לאָדזש 79
דראַמאַטישע קרייזן אין לאָדזש 82
ישראל שומאַכער 88
„די מיזינקע אויסגעגעבן" 92
איזא האַראַרי (ווײַנבערג) 98
די פיר משה׳ס 102
הענעך קאָן — קאָמפּאָזיטאָר און קאָנפעראַנסיע 106
לאָדזשער „הזמיר" 112
דוד בייגעלמאַן — דער קאָמפּאָזיטאָר פון „אַררט" . . . 115
אַבערזשאַנעק דער הומאָריסט 119
אַ גנבה אין קליינקונסט־טעאַטער „אַררט" 123
משה בראַדערזאָן 126
מאַריאָנעטן־טעאַטער 132
דער ישיבה־בחור אין „אַררט"־טעאַטער 135
„אַררט" אין ווילנע 139
אַסטאָריאַ, ברודיקער שמואל און זייערע שטאַמגעסט . . . 143

צווייטער טייל

לאָדזשער טיפּן און הויף־זינגערס

יידישע הויף־כלי זמרים אין לאָדזש 153
ברוך דער בדחן 157
דער לאָמזשער ישיבה־בחור 164
שיע מיטן ליעק 168
דער בלינדער מאַקס 171
קונצנמאַכערס 176
כאַסקל מיטן גלעקל 182
בערקע דער הויף־זינגער מיט זיין שטעקן 186
קאַטעריניאַזשעס 192
קראמערס הויף 200
ערב פסח אין באלוט 206
שמאַטע־קלייבערס 210
ברוך דער מדינה־גייער 215
יונה פילצערס פּלאַץ 220
דודל ווערט אַ סוחר 226
ערב סוכות אין באלוט 231
לאָדזשער שנאָרערס 234
פעפער־גאַס 242
ס'באָבע־יידל 248
די הויכע שרה און איר זונדל 252
חיים דער עופות־הענדלער 259
בריינע און פישל 264
נפתלי שאַכער 269
טעלער פּאַר שמאַטעס 275